STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11195

DER IDISHER GOT UN RELIGYON

Jacob Netter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אידישער גאט
און רעליגיאן

לויט תורת משה און די עיקרים.

א גרינדליכע אונטערזוכונג און פערגלייכונג דעם גאט פון תורת
משה מיט דעם גאט פון די עיקרים. נאך דעם
אמת'ן פשט פון דער תורה.

פערפאסט פון א. י. נעטטער
551 SCHENCK AVENUE
BROOKLYN, N. Y.

ארויסגעגעבען פון די
„חברה דורשי אמת דק"ק ברוקלין.

Copyright, 1907,
By Jacob Netter.

אינהאלטס פערצייכניס.

1) הקדמה.
2) די 13 עיקרים.
3) די פילאָזאָפיע פון די עיקרים.
4) וואָס די עפיקורסים טענה'ען.
5) אורייתא וקודשא בריך הוא.
6) די וועלט בעשאַפונג.
7) דער מבול.
8) דער דור הפלגה.
9) גאָט פון אברהם.
10) די ערשטע בעקאַנטשאפט פון גאָט מיט אברהם.
11) מעשה בראשית.
12) פמליא של מעלה.
13) די ראָליע פון יהוה און אלהים.
14) גאָט רעדט מיט אברהם.
15) מלאכי עליון.
16) גאָט פון יצחק.
17) יצחק'ען האָט ניט געלונגען.
18) יצחק ווערט פערפאָלגט.
19) גאָט פון יעקב.
20) ווי יעקב קריגט די בכורה.
21) ווי יעקב קריגט עשו'ס ברכות.
22) רבקה הייסט איהר ליעבלינג יעקב זאָל מאכען פליטה.

23) יעקב קומט צו זיין פעטער לבן און פערליעבט זיך אין זיין יונגע טאָכטער.
24) יעקב נאַרט אָב זיין פעטער לבן.
25) יעקב פּלאַנעוועט ווי צו ענטלויפען פון זיין פעטער.
26) יעקב ציטערט פאר זיין ברודער עשו.
27) אַן אונבעקאַנטער גאָט ווערט בעזיעגט פון יעקב׳ן אין קאמפף.
28) יעקב מיט עשו שליסען שלום.
29) אונגילקליכע סבות פאַנגען אָן צו טרעפען אונזער פאָטער יעקב.
30) די ווירקונגען פון גאָט׳ס ברכות.
31) יעקב׳ס צרות אונערטרעגליך, קיין גאָט בעוויזט זיך ניט.
32) דער גליק קומט ווידער צו יעקב און א גאָט בעוויזט זיך.
33) דער סך הכל.

הקדמה.

די גרעסטע מאסען פון אלע פעלקער זיינען רעליגיעז, די אידישע מאסע איז אויך ניט היוצא מן הכלל און איז אויך רעליגיעז. רעליגיאָנען זיינען דאָ א כך, א'ן אמת'ע רעליגיאָן קען אבער נור זיין איינע, ווייל דער אמת איז נור איינער —, דיזען פאקט בעשטעטיגען אלע רעליגיעזע מענשען, יעדער רעליגיעזער גלויבט פעסט, אז נור זיין רעליגיאָן איז די אמת'ע, און אלע אנדערע רעליגיאָנען זיינען פון גרונד פאלש און האָבען קיין ממשות ניט, איבערציינען אָבער דעם אמת קענען זיי קיינער ניט. מיר, אידען, גלויבען אויך, אז נור אונזער רעליגיאָן איז די איינציגע אמת'ע, און אלע אנדערע רעליגיאָנען זיינען נור פוסטע חלומות, אויסגעטראכטע באָבע מעשיות. פרעגט אָבער אונזער אידישע מאסע גלויביגע, וואָס איז דער אונטערשיעד פון אונזער רעליגיאָן צווישען אלע אנדערע רעליגיאָנען? מיט וואָס קענען מיר איבערצייגען, אז נור אונזער רעליגיאָן איז די איינציגע אמת'ע? דארויף וועט אונזער אידישע מאסע גלויביגע ניט וויסען וואָס צו ענטפערן, פונקט ווי אלע אנדערע מאסען גלויביגע קענען ניט פערענטפערן דיזע פראגע אויף זייערע רעליגיאָנען. ווי קומט עס? עס איז איינפאך דערפאר, ווייל אונזערע רעליגיאָנס-לעהרער ווילען האלטען די מאסען אין פינסטערניס. פיר זיי איז בעסער, אז די מאסע זאָל גלויבען בלינד, אָבוואָהל דאָס איז געגען דעם ווילען פון גאָט און געגען אונזער הייליגער תורה, דערפאר האָבען זיי זיך קיינמאָל ניט גענומען די מיה אויפצוקלערען אונזער אידיש פאָלק, אין דער אידישער שפראך, די ערהאבענהייט פון אונזער הייליגע רעליגיאָן, אז די מאסע זאָל מיט שכל קענען פערשטעהן,

אז נור אונזער רעליגיאָן איז די איינציג אמת'ע. דיזע היילינע אויפגאבע האָב איך גענומען אויף זיך, כדי מזכה צו זיין את הרבים. איך טהו עס צוליעב צוויי אורזאכען. ערשטענס, אום אונזער אידישע מאסע גלויביגע זאָל לעזען און פערשטעהן מיט'ן אייגענעם שכל פאר וואָס מיר זאָגען אתה בחרתנו מכל העמים (דו, גאָט, האָסט אונז אויסערוועהלט פון אלע פעלקער); צווייטענס, וועט עס זיין א שטארקער קלאפ פאר די אפיקורסים, ימח שמם, וואָס בעהויפטען, אז אלע רעליגיאָנען זיינען פאלש און ליגען, ווייל זיי שטאמען פון אונוויסענהייט. איך וועל זיי בעווייזען, אז זייער בע־הויפטונג קען נור געהען אויף אלע אנדערע רעליגיאָנען, אבער ניט אויף אונזער אידישע רעליגיאָן.

מיט וואָס אונטערשיידעט זיך אונזער אידישע רעליגיאָן פון אלע אנדערע רעליגיאָנען, דאָס מיר זאָלען קענען בעווייזען, אז נור אונזער רעליגיאָן איז די אמת'ע? זיא אונטערשיידעט זיך אין צוויי וויכטיגע פונקטען, וועלכע בעשטעטיגען איהר ריכטיגקייט און איהר וואהרהייט.

דער ערשטער פונקט איז, דאָס אונזער אידישע רעליגיאָן איז געבויט אויף וויסען און איבערצייגונג, וועהרענד אלע אנדערע זיינען געבויט נור אויף דעם בלינדען גלויבען אליין. יענע רעליגיאָנען הייסען נור גלויבען און ניט וויסען, אונזער רעליגיאָן, דאגעגען, הייסט נור וויסען, אבער ניט גלויבען. לאָמיר נעהמען צום ביי־שפיעל, איינע פון די גרעסטע און נאָהענטסטע רעליגיאָנען צו אונ־זערע — דאָס איז די כריסטליכע רעליגיאָן. זי איז אין גאנצען געבויט און האלט זיך נור אויף דעם בלינדען גלויבען, ווי עס בע־ווייזט אונז די נייע כריסטליכע תורה אליין. „אלע אייערע פערלאנ־גען וועט איהר קריגען, ווען איהר וועט נור בעטען מיט גלויבען". (מתיה כ"א, 22.) „האָב קיין מורא ניט, נור גלויב", (מארקוס, ה' 36). „ווען איינער זאָל זאָגען צו דיזען בארג הויב זיך אויף און וואַרף זיך אריין אין ים, אז ער וועט נור ניט צווייפלען און וועט גלויבען, וועט עס געשעהן", (מארקוס, י"א, 23). „ווער עס וועט גלויבען וועט געהאָלפען ווערען און ווער עס וועט ניט גלויבען וועט

פערניכטעט ווערען, (מארקוס, ט"ז, 16). „דער וואָס גלויבט אין איהם, וועט ניט אונטערגעהן", (יוחנן, ג' 16). די גאַנצע קריסט־ליכע תורה איז פול מיט אזעלכע פסוקים, וועהרענד אין אונזער תורה געפינט איהר גראדע פערקעהרט. אין אונזער גאנצער תורה געפינען מיר ניט קיין איין מאָל פערזאָגט, אז מען זאָל גלויבען אין גאָט. מיר געפינען אבער פיעל מאָל אין תורה, נביאים וכתובים פערזאָגט, מען זאָל וויכען גאָט, — וויסען איז דער געגענזאַץ פון גלויבען; דער וואָס גלויבט, וויים ניט און דער וואָס וויים, גלויבט ניט. „וידעתם כי אני יהוה", (שמות, י' ב'). איהר זאָלט וויסען (ניט גלויבען) דאָס איך בין יהוה. „וידעת כי אני יהוה" (מלכים, א, כ' י"ג), דו זאָלסט וויסען דאָס איך בין יהוה. אזעלכע פסוקים געפינט איהר אין יחזקאל פיעל מאָל און אויך אין הושע ב. כ"ב. דוד המלך האָט זיין זוהן שלמה'ן אויך ניט פרזאָגט: האמן באלהי אביך, גלויב אין דיין פאטערס גאָט. נור ער האָט געזאָגט: „דע את אלהי אביך ועבדהו, (ד"ה כ"ח ט.) ערקען דיין פאטערס גאָט און דיען איהם. אום צו ערקענען א זאך מוז מען צוערשט שטודירען, נאָכפאָרשען, ביז מען געפינט עס אוים, דאָס איז דער ערשטער וויכ־טיגער פונקט, וואָס בעווייזט דעם אמת פון אונזער רעליגיאָן. דער צווייטער פונקט איז אונזערע פילאָזאָפישע עיקרים,*) אויף וועלכע די אידישע רעליגיאָן איז געבויט און יעדער איד מוז גלויבען אין זיי. אלע רעליגיאָנען האָבען עיקרים (קאטעכיזים), זיי זיינען אבער ניט גלייך צו אונזערע עיקרים. זייערע קאטעכיזים'ן זיינען ארויס־

---

*) עיקרים מיינט גרונד־פרינציפען, ד. ה. דער תמצית ארויסגענומען פון דער גאַנצער תורה אין קורצע ווערטער. יעדער עיקר, יעדער פונקט מוז זיך געפינען אין דער תורה, דארום איז א גרויסע מצוה און א הייליגע פפליכט פון יעדען פרומען עהרליכען אידען, וואס זאגט אלע טאג „אני מאמין", ער זאָל וויסען פון יעדען עיקר וואס ער גלויבט, וואו ער געפינט זיך אין דער תורה. אזוי ווי דאס איז אבער א גאנץ שווערע ארבייט, ראַטה איך יעדען אמת'ן אידען צו לערנען דיזען ספר'ל, וועט ער אלעס אויסגעפינען קלאר, אָהן מאַטערניס.

געגומען פון זייערע פאלשע תורות, וואָס הייסען נור גלויבען און ניט וויסען, וועהרענד אונזערע עיקרים זיינען ארויסגענומען פון אונזער וויסענשאפטליכע, אמת'ע תורה, וואָס הייסט נור וויסען, אבער ניט גלויבען, ווי איך האָב עס שוין פריער בעוויעזען. אום צו וויסען און קענען, מוז מען לערנען און פאָרשען, ביז מען געפינט דעם אמת, דאָס ערלויבט קיין רעליגיאָן ניט, און דער וואָס טהוט דאָס ווערט פערדאמט. אונזער תורה דאגעגען פערזאָגט: מען זאָל לערנען און פאָרשען, מען זאָל זוכען און געפינען דעם אמת, דאַן וועט מען ערקענען און וויסען גאָט און ניט גלויבען..

דיזע פאקטען בעווייזען קלאָר און דייטליך גענוג, אז נור אונזער אידישע רעליגיאָן איז די איינציגע אמת'ע רעליגיאָן. דארום קענען מיר און דארפען מיט שטאָלץ אָבגעבען א שבח צום בורא און זאָגען: „ברוך אלהינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת“. געלויבט איז אונזער גאָט, וואָס ער האָט אונז בעשאפען פאר זיין כבוד וועגען, האָט אונז אָבגעזונדערט פון די בלאָנדזשענדע און האָט אונז געגעבען א'ן אמת'ע תורה.

דאָס איז אבער נאָך ניט גענוג, מיט זאָגען אליין איז מען נאָך ניט יוצא. אונזער תורה הייסט אונז „וויסען“; וויסען קען מען אָבער נור דאַן ווען מען לערנט. עס זיינען אָבער דאָ פיעלע מענשען, כמעט די מעהרסטע, וואָס קענען קיין אנדער שפּראַך ניט אויסער אידיש, פיר דיזע גרויסע מאסע האָט כמעט קיינער נאָך ניט ערקלערט סיסטעמאטיש אונזער אידישע רעליגיאָן, לויט תורת משה און די עיקרים. דארום האָב איך עס געפונען פאר נויטווענדיג, אזא ווערק צו בעשאפען, און דיעזעס ווערק וועט ברענגען דאָפּעלטע נוצען: פיר די יעניגע, וואָס ווייסען ניט אונזער תורה און ווייסען ניט אונזערע עיקרים, וועלען זיי עס לערנען דאָ און זיך דערוויסען פון ביידע; א צווייטע נוצען וועט עס ברענגען אפילו פאר די יעניגע, וואָס ווייסען די תורה מיט די עיקרים, נור עס איז זיי קיינמאָל ניט געקומען אויף דעם געדאנק נאָכצוזוכען און אויס־
צוגעפינען, אויב אונזערע עיקרים געפינען זיך אין אונזער תורה,

אָדער ניט. דאָס איז זעהר וויכטיג פיר יעדען עהרליכען פרומען אידען צו וויסען, ווייל אונזער היילינע תורה זאָגט בפירוש: „וידעת כי יהוה אלהיך הוא האלהים“, (דברים ז׳ ט׳). ד. ה. דו זאָלסט וויסען, אז יהוה דיין גאָט, נור ער איז דער גאָט. אין דיזען ספר ווערט אלזאָ ערקלערט גאָט פון די עיקרים און גאָט פון דער תורה. עס ווערט געצוויגען א פאראלעל זיי צו פערגלייכען אויב די עיקרים שטימען אָדער ניט. צוערשט קומען די עיקרים איינפאך, ווי יעדער עהרליכער איד זאָגט זיי יעדען טאָג, נאָכדעם א קורצע פילאָזאָפישע ערקלערונג פון די עיקרים, און דאן קומט די תורה.

אויף דיזען וועג געה איך זוכען אין דער תורה דעם אמת פון אונזער רעליגיאָן. איך האָף און בין מעהר ווי זיכער, אז איך וועל מיט גאָטעס הילפע געפינען דעם אמת, ווייל אָהן גאָטעס ווילען— קען א מענש אפילו מיט א פינגער ניט א ריהר טאָן, דער שכל קומט פון גאָט, און אָהן גאָט קען דער מענש ניט דענקען און ניט פערשטעהן. נון, אז גאָט האָט מיר געגעבען די דעה צו זוכען דעם אמת אויף דיזען וועג, וועט ער מיר געוויס העלפען דעם אמת צו געפינען, ווייל חותמו של הקב״ה איז אמת, דער זיעגעל פון גאָט איז אמת. מיין שכר וועט זיין, אז דורך דיזען ספר וועלען די ליכטיגע שטראה־לען פון אמת אריינדרינגען אין אלע פינסטערע מחות פון אונזערע אָרימע אידישע ברידער, דאן וועט מקוים ווערען: ולכל בני ישראל יהיה אור במושבותם, ד. ה., פיר אלע קינדער ישראל׳ס וועט זיין ליכטיג אין זייערע אלע וואָהנ־פלעצער.

דער פערפאַסער.

דיא אידישע רעליגיאָן

לויט די 13 עיקרים.

שלשה עשרה עיקרים

א. אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו, הוא בורא ומנהיג לכל הברואים והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.

איך גלויב גאנץ אויפריכטיג, דאָס דער שעפּפער — געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען — אז ער איז דער שעפּפער און פיהרער פון אלע בעשעפעניסען, און נור ער אליין האָט געמאכט, און מאכט איצט און וועט מאכען אלעס וואָס ווערט געמאכט.

ב. אמב"ש שהי"ש הוא יחיד ואין יחידות כמוהו בשום פנים והוא לבדו אלהינו היה הוה ויהיה.

איך גלויב א. ז. וו., אז ער איז איינער און קיין איינהייט ווי זיין גלייכען איז אויך קיין פאל ניטאָ, און נור ער אליין איז אונזער גאָט, וואָס איז געוועזן, איז און וועט זיין.

ג. אני מאמין וכו' אינו גוף, ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל.

איך גלויב א. ז. וו., אז ער איז ניט קיין קערפּער און מען קען איהם ניט בעגרייפען, ווי מען בעגרייפט א קערפּער, און קיין געשטאלט האָט ער איבערהויפּט ניט.

ד. אני מאמין וכו' הוא ראשון והוא אחרון.

איך גלויב א. ז. וו., אז ער איז דער ערשטער און ער איז דער לעצטער וועזען.

ה. אני מאמין וכו׳ לו לבדו ראוי להתפלל ואין ראוי להתפלל לזולתו.

איך גלויב א. ז. וו., אז נור ער אליין איז בערעכטיגט, מען זאָל ביי איהם בעטען און אויסער איהם איז קיינער ניט בערעכטיגט דערצו.

ו. אני מאמין וכו׳ שכל דברי נביאים אמת.

איך גלויב א. ז. וו., אז אלע ווערטער פון די פּראָפעטען זיינען אמת.

ז. אני מאמין וכו׳ שנבואת משה רבינו עליו השלום היתה אמתית ושהוא היה אָב לנביאים לקודמים לפניו ולבאים אחריו.

איך גלויב א. ז. וו., אז די פּראָפעצייהונגען פון אונזער לעהרער משה זיינען וואהר, און אז ער איז געוועזן דער פאטער פון אלע פּראָפעטען, פון די וואָס זיינען געוועזן פאר איהם און אויך פון די, וואָס וועלען זיין שפּעטער נאָך איהם.

ח. אני מאמין וכו׳ שכל התורה המצויה עתה בידינו היא הנתונה למשה רבינו עליו השלום.

איך גלויב א. ז. וו., אז די גאנצע תורה, ווי מיר האָבען זי איצט, איז די זעלבע, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו אונזער לעהרער משה.

ט. אני מאמין וכו׳ שזאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא ית״ש.

איך גלויב א. ז. וו., אז דיזע תורה וועט קיין מאָל ניט פער־טוישט ווערען, און קיין אנדער תורה וועט פון דעם שעפּפער, געלויבט זאָל זיין נאָמען זיין, ניט עקזיסטירען.

י. אני מאמין וכו׳ יודע כל מעשה בני אדם וכל מחשבותם, שנאמר היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם.

איך גלויב א. ז. וו., אז ער וייס אלע האנדלונגען פון די מענ־שען־קינדער און אויך זייערע געדאנקען, דען אזוי זאָגט דער פסוק : ער, וואָס האָט זייער הארץ געבילדעט, מערקט אויף אלע זייערע טהאטען.

יא. אני מאמין וכו' גומל טוב לשומרי מצותיו ומעניש לעוברי מצותיו.

איך גלויב א. ז. וו., אז ער בעלאהנט די, וואס האלטען זיינע געבאטען און בעשטראפט די, וואס טרעטען איבער זיינע געבאטען.

יב. אני מאמין וכו' בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא.

איך גלויב א. ז. וו. אין דעם קומען פון א געזאלבטען ערלעזער, און ניט אכטענדיג אויף זיין פערזאמען זיך, ווארט איך דאך טעגליך אויף זיין קומען.

יג. אני מאמין וכו' שיהיה תחית המתים בעת שיעלה רצון מאת הבורא יתברך שמו.

איך גלויב א. ז. וו., אז די טויטע וועלען לעבעדיג ווערען, ווען דער ווילען פון דעם געלויבטען בעשעפער וועט קומען.

דאס זיינען די 13 עיקרים, (גרונד פרינציפען) פון דער אידי־שער רעליגיאן, וואס א איד מוז גלויבען, און ווער עס גלויבט ניט אין איינע פון די עיקרים, איז גלייך ווי ער לייקענט אין דער גאנ־צער תורה און ער האט ניט קיין חלק אין דעם גאט פון ישראל.

די פילאזאפיע פון די עיקרים.

נון, וועלען מיר יעצט בעטראכטען די פילאזאפיע פון אונזערע עיקרים בסדר.

1. גאט איז דער בעשעפער און דער פיהרער פון אלץ וואס עס עקזיסטירט. ער אליין איז אבער ניט בעשאפען געווארען, דען אויב ער איז אויך בעשאפען געווארען, מוז דאך זיין נאך א גאט, וועלכער האט איהם בעשאפען; דארום מוזען מיר גלויבען, אז ער איז ניט בעשאפען געווארען, פאלגליך מוז ער זיין אונענדליך, ד. ה., אז ער איז אייביג געוועזען מוז אייביג פערבלייבען, ער האט קיין אנפאנג און קיין ענדע. מען קען דאך אבער פרעגען: ווי באלד עס קען זיך געפינען איין „וועזען“, וועלכער איז ניט בעשאפען געווארען, טא פון וואנען ווייסען מיר, אז עס געפינען זיך ניט נאך און נאך אזעלכע? און פאר וואס טאקי ניט? אויב עס איז

מעגליך, אז איינער זאָל זיין אזעלכער, איז געוויס מעגליך עס זאָלען זיין מעהר אויך, און דאן איז דאָך מעגליך, אז די גאנצע וועלט איז אויך אזוי ענטשטאנען? דארום מוזען מיר גלויבען:

2. אז ער איז נור איינער און קיין איינהייט ווי זיין גלייכען איז אויף קיין פאל נישטאָ, דארום איז נור ער אליין אונזער גאָט, וואָס איז געוועז, איז און וועט זיין. אום צו פערהיטען די פראגע: ווי זעהט אוים דער איינער, וואָס איז זיין געשטאלט? מוזען מיר גלויבען אין פאָלגענדען עיקר:

3. ער איז ניט קיין גוף (קערפער), מען קען איהם ניט בעגרייפען, ווי מען בעגרייפט א קערפער און האָט איבערהויפט קיין געשטאלט ניט. ווייל א געשטאלט קען נור האָבען א קערפער, דורך א בעשטימטע פאָרמע פון רונד אָדער עקיג, עס האָט א מאָס פון לענג, ברייט און הויך, עס וועקסעלט זיך און ענדערט זיך, עס פאלט אונטער דער צייט, עס האָט א׳ן אנפאנג און א׳ן ענדע, זעלבסטפערשטענדליך קען אזא וועזען קיין גאָט ניט זיין, דען גאָט האָט ניט קיין אנפאנג און ניט קיין ענדע, דארום מוזען מיר גלויבען אין פאָלגענדען עיקר.

4. אז גאָט איז דער ערשטער און איז דער לעצטער וועזען, ד. ה., ער איז אונענדליך אין דארום מוזען מיר שוין גלויבען.

5. אז נור ער אליין איז בערעכטיגט מען זאָל ביי איהם בעטען, אבער אויסער איהם איז קיינער ניט בערעכטיגט דערצו. דען ווי באלד אז נאָך אזא גאָט איז ניטאָ, איז דאָך אויסער איהם קיינער ניט בערעכטיגט,*) מען זאָל ביי איהם עפּעס בעטען, ווייל אויסער גאָט האָט דאָך קיינער קיין דעה ניט אין דער וועלטליכער

---

*) אמר הבחור הזעצער, אויף דעם אופן זיינען דאך די סקאקונעס וואס רופען זיך חסידים אמת׳ע אפיקורסים, ווייל זיי בעטען גאר נישט ביי גאט נור ביי זייער רבי וואס ער איז ניט מעהר ווי א בשר ודם, הייסט עס אז די אמת׳ע אידען זיינען נור די מתנגדים און דאס פרייט מיך, ווייל איך בין א מתנגד.

ווירטשאפט, נור ער אליין איז דער ווירטה און דער פיהרער. דערצו מוזען מיר נאך גלויבען אין נאך א עיקר.

6. אז אלע ווערטער פון די נביאים (פראפעטען) זיינען אמת. ווייל גאט אליין האט דאך אונז ניט געזאגט, וואס ער האט געהאט צו זאגען, ער האט אלעס אונז אנגעזאגט דורך זיינע נביאים, דארום מוזען מיר גלויבען, אז אלעס, וואס זיי האבען געזאגט, איז אמת.

7. אז משה רבינו'ס נבואה איז אמת, און אז ער איז דער גרעסטער נביא געווען, פון אלע נביאים, וואס זיינען געווען פאר איהם און וואס זיינען געקומען נאך איהם. דער שכל איז דאך מחייב, אז אזוי מוז מען גלויבען, ווייל נור דורך משה רבינו האט אונז גאט געגעבען די תורה, מוז יענער זיין דער גרעסטער. דער־פאר מוזען מיר אויך גלויבען :

8. אז די תורה וואס מיר האבען איצט, איז דאס די תורה, וואס גאט האט אונז געגעבען דורך משה רבינו. דיזע עיקרים זייי־נען לאגיש געשלאסען איינע אין די אנדערע, אזוי, אז ווען מען זאל ניט וועלען גלויבען נור אין איין עיקר, דאן צופאלען אלע.

נאך א רינג פון דיעזער קייט איז :

9. אז דיזע תורה וועט קיין מאל ניט פערטוישט ווערען און גאט וועט אונז קיין מאל קיין אנדער תורה ניט געבען, דען ווען מיר גלויבען, אז גאט איז אונענדליך און פאלקאם, מוז דאך זיין תורה אויך זיין פאלקאם און אונענדליך ; דארום מוזען מיר גלויבען, אז די תורה איז א נצחית (אייביגקייט).

10. אז גאט ווייס אלע האנדלונגען און אלע געדאנקען פון די מענשען, דען ווי באלד אז גאט איז פאלקאם, מוז ער דאך דאס אלעס וויסען, זאנסט קען ער ניט זיין פאלקאם, און ניט קיין פאל־קאמענער קען קיין גאט ניט זיין, הייסט אז ער איז א גאט, איז ער פאלקאם. זיין וויסען מוז אבער אויך זיין פאלקאם, ווי ער אליין איז, ד. ה., זיין וויסען מוז זיין אונענדליך, וואס האט קיין אנפאנג און קיין ענדע : ער ווייס אימער און אייביג פריהער, וואס שפעטער וועט זיין אימער און אייביג, דאס זיין וויסען קען פון איהם קיין מאל ניט אויפהערען און ניט פערגעסען ווערען פון איהם.

11. אז ער בעלאָהנט די, וואָס האלטען זיינע געבאָטען און בעשטראפט די, וואָס טרעטען איבער זיינע געבאָטען. עס פער־שטעהט זיך זעלבסט, אז גאָט האָט געגעבען א תורה, אין וועלכע עס געפינען זיך געזעצע, ווי דער מענש זאָל זיך פיהרען, וואָס ער זאָל טאָן און וואָס ער זאָל ניט טאָן, וואָס ער זאָל עסען און וואָס ער זאָל ניט עסען, וויל ער דאָך געוויס, אז דער מענש זאָל לעבען און האנדלען נור נאָך די געזעצע פון זיין תורה; עס איז דארום ניט מעהר ווי רעכט, אז ער זאָל געבען א גוטע שכר דעם, וואָס פאָלגט די פאָרשריפטען (מצות פון דער תורה און זאָל געבען א שווערען עונש (שטראָף) דעם, וואָס טרעט איבער זיינע מצות.

12. מיר מוזען גלויבען, אז משיח וועט קומען, ד. ה., א געזאלבטער ערלייזער צו בעפרייען די אידען פון גלות.

13. מיר מוזען גלויבען, אז ווען דער ווילען פון גאָט וועט קומען, וועלען אלע טויטע לעבעדיג ווערען.

דיזע לעצטע צוויי עיקרים, דארפען אביסעל בעטראכט ווערען. דאכט זיך, ווען גאָט האָט געגעבען די אידען די תורה, איז דאן גאָר קיין רייד ניט געווען פון א געזאלבטען ערלעזער, ד. ה., א משיח, ווייל דאן זיינען די אידען דאָך שוין פריי געווען פון זייער גלות. פון תחית המתים איז אפילו קיין רמז אויך ניטאָ אין דער תורה. טאָ ווי קומען דאָ טאקי די צוויי עיקרים? דער תירוץ איז, אז דיזע צוויי עיקרים מוזען מיר האָבען, זאָנסט פאלען אוועק אלע פריהער־דיגע עיקרים, ווי דאָס האָט איינגעזעהען מיט זיין שארפע אויג רבינו משה בן מיימון (רמב"ם) דער פערפאסער פון די עיקרים. אין זיין צייט האָבען די אידען שוין געליטען איבער טויזענד יאהר גלות, אין גלות,, ווייס מען גאנץ גוט, קענען די אידען בשום אופן ניט האלטען די תורה, ווי גאָט האָט געגעבען, ווייל די תורה האָט אונז גאָט געגעבען איבערהויפט נור פיר ארץ ישראל. אין זייער לאנגען גלות האָבען די אידען כמעט אין גאנצען פערלאָרען דעם בטחון און האָפנונג צו קומען צו זייער אמאָליגע לאגע, דארום איז נויטווענדיג געווען צו געפינען א מיטעל, וואָס זאָל זיי געבען גוטע

האָפנונגען. קיין בעסערע מיטעל ווי ביאת המשיח און תחית המתים, האָט מען ניט געקענט געפינען, און ווירקליך מיט די האָפנונג און בטחון האָט זיך אויפגעהאלטען און געלעבט דאָס אידישע פאָלק ביז היינטיגען טאָג.

אבער דיזער מיטעל איז ניט דעם רמב"ם'ס ערפינדונג. דיזע ערפינדונג שטאממט פון די גלות־נביאים און פון די תלמודיסטען. אין דער צייט וואָס די אידישע מאכט איז פאָלקאָם געבראָכען און פערניכטעט געוואָרען, דאָס איבערגעבליעבענע פון דאָס פאָלק איז געווען אין די גרעסטע פערצווייפלונג, אָהן אויסזיכטען און האָפנונגען אויף וועלכע־עס־איז הילפע, דאן האָבען די פיהרער און פאָרשטע־הער זיי אויסגעהאָלפען מיט דיזער נייער האָפנונג, וועלכע האָט זיי געגעבען געגוג מוטה צו לעבען און עקזיסטירען. דארום האָט דער רמב"ם געמוזט אין זיינע פילאָזאָפישע עיקרים ארייננעהמען דיזע צוויי איינפאכע גלויבען, אלס צוויי עיקרים, וואָס האלטען כמעט אויף די פריהעריגע עלף עיקרים.

איך גלויב ,אז יעדער וועט פערשטעהן זעהר גוט מיין קורצע ערקלערונג, איבער די פילאָזאָפיע פון די עיקרים, ווי אזוי איינע מיט די אנדערע זיינען געשלאָסען און פערבונדען, ווי דער ערשטער עיקר איז די אורזאכע פון דעם צווייטען, דער צווייטער הייסט עס, איז א פאָלגע פון דעם ערשטען און א'ן אורזאכע פון דעם דריטען א. ז: וו, ביז צו ענדע. איך גלויב ניט, אויב מען קען געפינען אזעלכע עיקרים אין איינע פון די אלע אנדערע רעליגיאָנען, אויסער אונזער אידישע רעליגיאָן.

וואָס דיא אפיקורסים טענה'ן

נאָך דעם אלעמען מאכען די אפּיקורסים י"ש חוזק, פון דער גאנצער געטליכער פילאָזאָפיע, וואָס עס געפינט זיך אין די עיקרים. זיי זאָגען, אז די גאנצע געטליכע פילאָזאָפיע האלט זיך אויף א גאנץ דינעם שפּינוועבס — מיט דעם קלענסטען בלאָז ווערט דער שפּינוועבס צוריסען און די גאנצע געביידע ווערט צושאָטען, דאָס עס בלייבט דערפון אפילו קיין זכר ניט.

לאָמיר זעהן, זאָגען זיי. דער ערשטער איז: מען מוז גלויבען, אז גאָט איז דער בעשעפער און דער פיהרער, בעפאָר מען וויים נאָך גאָר, אויב עס עקזיסטירט גאָר אין גאנצען א גאָט. ווען איהר זאָגט למשל, „מיר גלויבען אז גאָט איז דער בעשעפער, שטעלט זיך דאָך באלד די פראגע, ווער איז דער גאָט, פון וואנען נעהמט איהר אז עס איז דאָ א גאָט, דאָס איהר זאָלט גלויבען, אז ער איז דער בעשעפער? ענטפערט איהר אונז: וואָס הייסט? געוויס איז דאָ א גאָט, אז ניט, טאָ ווער האָט בעשאפען די וועלט? קיין זאך מאכט זיך דאָך ניט אליין. דען ווען מיר בעטראכטען אלע געגענשטענדע פון דער וועלט, זעהען מיר אז קיין זאך האָט זיך אליין ניט געמאכט, יעדע עקזיסטירענדע זאך מוז האָבען א'ן אורהעבער, וואָס האָט די זאך פאָלבראכט אָדער געמאכט. היינט אז מיר זעהען פאר אונזערע אויגען אזא גרויסע וועלט אויסגעארבייט אין א גוטע אָרדנונג סיסטעמאטיש, מיט שכל און פערנונפט, מוז דאך יעדער מודה זיין, אז אליין פון זיך האָט עס ניט געקענט ווערען, זאָנדערן א'ן אלמעכטיגער, אלוויסענדער בעשעפער האָט עס אלץ געמוזט מאכען — און דאָס איז גאָט. זעלבסטפערשטענדליך, אז גאָט, וואָס האָט געהאט ביכולת צו בעשאפען אזא גרויסע וועלט מיט

אזוי פיעל פערשידענע ברואים, איז אונמעגליך, אז ער זאל דאס אלעס אוועקלאזען אויף הפקר, צו די בלינדע צופעלע. ניין! דאס קען ניט זיין! עס מוז נור זיין ווי מיר גלויבען, אז דער זעלבער גאט, וואס האט אלעס בעשאפען מיט חכמה, איז אויך דער משגיח, דער פיהרער פון אלעס, וואס ער האט בעשאפען און בעשאפט אלע טאג, אהן זיין השגחה וואלט די וועלט קיין מינוט ניט געקענט עקזיסטירען.

דארויף ענטפערן אונז די אפיקורסים, דאס אונזער איינציגער און שטארקסטער ארגומענט, מיט וועלכען מיר בעווייזען אונזער גאט, בעווייזט עס גראדע פערקערט. זיי זאגען: אייער ארגומענט איז, אז קיין זאך מאכט זיך ניט אליין, דערפון איז געדרונגען אז עס איז דא א גאט, וואס האט עס אלעס געמאכט. אלזא דאס איז שוין רעכט, אבער א גאט וואס האט בעשאפען אזא פראכטפאלע וועלט, מוז דאך אליין געווים זיין ערהאבענער, ווי די גאנצע וועלט, וואס ער האט בעשאפען, טא פון וואנען האט ער זיך גענומען? אליין קען זיך דאך קיין זאך ניט מאכען, טא ווער אט געמאכט אט דעם גאט, דעם מאכער פון דער וועלט? איז דא נאך א גרעסערער גאט וואס האט איהם געמאכט? טא ווער האט געמאכט דעם גרעסערען גאט? און אזוי ווייטער אהן ענדע. אלזא, אייער שטארקסטער ארגומענט איז געגען אייך, פאלגליך פאלט שוין ממילא אב דער גלויבען פון א פיהרער, דען זא באלד, אז עס איז ניטא קיין בעוויז פיר א בעשעפער, איז דאך ניטא קיין פיהרער, נאך מעהר, ווען אפילו אייערע בעווייזע פיר א גאט — א בעשעפער, וואלטען געווען שטארקע און ריכטיגע, וואלט די פיהרונג פון דער וועלט בעוויעזען דעם געגענזאץ, דען נאך די פיהרונג קען מען בעגרייפען דעם פיהרער און ווען מיר בעטראכטען די פיהרונג פון אונזער וועלטעל, די אונארדנונג, די רויבעריי, די מערדעריי וואס עקזיס־טירען צווישען אלע מיני ברואים פון דער וועלט, פון דעם קלענסטען גרעזעלע ביז דעם העכסטען צעדער־בוים, פון דעם קלענסטען אינזעקט ביז דעם גרעסטען עלעפאנט, פון די דומסטע בעשעפנים ביז די קליגסטע, ווי עס עקזיסטירט א'ן אייביגער בלוטיגער קאמפף צווי־

שען זיי, וואו יעדעס וואָס עקזיסטירט שטרעבט צו פערניכטען דאָס אנדערע, אום זיך צו ערהאלטען, און קיין וועזען קען ניט עקזיס־טירען אָהן די פערניכטונג פון די אנדערע וועזענס, אָהן א שום ציעל, אָהן א שום צוועק, אויסער דאָס דער שטארקער זאָל פערניכטען דעם שוואכען, דאָס אליין בעווייזט שוין גענוג, דאָס אזא מיש־מאַש פון שטענדיגע מערדערייען וואָלט ניט געקענט פאָרקומען אונטער די השגחה פון א פערנינפטיגען פיהרער, וואָס האָט אליין אזוי פיעל מיליאָנען און מיליארדען מיני ברואים בעשאפען.

אויב דיזער בעווייז איז פאר אייך נאָך ניט גענוג, וועלען מיר אייך בעווייזען פון אונזער מענשליכע וועלט. ווען מיר בעטראכטען די פיהרונג פון דער וועלט אין אונזער אייגענעם מין ברואים, ד. ה. די מענשען, וועלכע האָבען דורך זייער אונוויסענהייט אליין בע־שאפען א גאָט און א פיהרער, ווען מיר בעטראכטען נור די פיהרונג פון דיזער וועלטעל, (דערצו וואָלט אפילו זעהר גוט געווען א סטאַ־טיסטישע צאָהל), וויפיעל מענשען לעבען און מארטערען זיך אָהן הענד, אָהן פיס, ווי פיעל בלינדע, טויבע, שטומע, חולי נופלים, מערידאלניע, געבריכטע, שווינדזיכטיגע און נאָך פיעלע מינים חולאים רעים ונאמנים; ווי פיעל קליינינקע אונשולדיגע ליעבע קינדערלעך ווערען אָבגעריסען פון זייערע ליעבענדע עלטערן דורך שרעקליכע יסורים און ליידען, ווי פיעל עלענדע, אונגליקליכע, קליינינקע יתומים בלאָנדזשען ארום אין דער וועלט אין ליידען און שמערצען; ווי פיעל מענשען ווערען פערניכטעט מאסענווייז, דורך די ווילדע נאטור־קרעפטע ווי: פייער, וואסער, שטורמס און ערד־ציטערנים פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט, ווי אזוי די מענשען פיהרען אָן דעם קאמפף צווישען זיך, מיט וואָס פאר אכזריות און רציחות זיי פערניכטען איינע די אנדערע; מיט צעהנדליגע טויזענדער מיטלען פערניכטען די שטארקערע זייערע שוואכערע מיטמענשען; זייער קאמפף שטייגט איבער דעם קאמפף פון די ווילדעסטע, רייסענדע און בייסענדע גיפטיגע חיות פון דער וועלט, דורך זייער כיטראָסט, אונבארמהערציגקייט און רציחות.

דער מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה, דארום קעמפפען די מענשען

געזעלשאפטליך — יעדע שטארקערע געזעלשאפט שטרעבט צו פערניכטען אָדער צו פערשלינגען, אם וועניגסטענס, די שוואכערע געזעלשאפטען. יעדע געזעלשאפט פאר זיך איז צוטהיילט אין קלאסען און דיזע קעמפפען איינע מיט די אנדערע. דאָס איז נאָך וועניג : די געזעלשאפטען זיינען אזוי שלעכט איינגעאָרדענט, אז כאָטש דער מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה, פון דעסטוועגען קעמפפען די אינדיווידומס איינע מיט די אנדערע אין דער געזעל־שאפט גופא. דיעזער קאמפף איז א פערצווייפעלטער, א קאמפף אויף טויט אָדער לעבען : מען גנב'עט, מען שווינדעלט, מען רויבט און מען מערדערט אויף אלערליי וועגען, אויף דעם וועג פון גוטסקייט, פרומקייט, בארמהערציגקייט, ווי אויף דעם וועג פון שלעכטקייט, פערדאָרבענהייט און אכזריות ; יעדער שטארקערער שטרעבט צו פערניכטען אָדער צו פערשקלאפען דעם שוואכערען. ווען מען וואָלט געזאמעלט די טרערען פון די ליידענדע, פערפאָלגטע, געפלאגטע און געפייניגטע מענשען פון דער וועלט, וואָלט די מאָס פון די טרערען אריבערגעשטיגען די מאָס וואסער פון דעם גרויסען אָקעאן. דיזע מאסע טרערען האָבען קיין מאָל די קלענסטע ווירקונג ניט געמאכט, דאָס די מענשען זאָלען דורך זיי געהאָלפען ווערען פון א פערבאָרגענעם פיהרער. אלזאָ, די גאנצע פיהרונג פון דער לעבעדיגער וועלט, צייגט אונז גענוג קלאָר און דייטליך, אז עס איז נישטאָ קיין פיהרער, אזוי ווי עס איז נישטאָ קיין בעשעפער, און די וואָס גלויבען, אז עס איז דאָ א פיהרער, דארפען אזא פיהרער פערראכטען און פערדאמען אנשטאט איהם צו דאנקען און לויבען. אלזאָ דער שפינוועבס, אויף וועלכען די פילאָזאָפיע פון די עיקרים ווערט געבויט, איז צוריסען און ווען דער פונדאמענט איז צוריסען, פערשטעהט זיך, אז די גאנצע געביידע איז איינגעפאלען. די אונ־וויסענהייט האָט בעשאפען פיר די מענשען א גאָט און א פיהרער, די וויסענשאפט שאפט אָב פון די מענשען דעם גאָט מיט דעם פיהרער.

אזוי טענה'ן די אפיקורסים. מיך קימערט עס אבער גאנץ וועניג, וואָס די אפיקורסים זאָגען. ערשטענס, זעהען מיר נאָך ניט

דערוויילע, אז זייער וויסענשאפט שאפט אָב גאָט, און ווען זיי וואָל־טען דאָס אפילו יא בעוויזען, וועט גאָט זיך קענען בעגעהן אָהן זייער וויסענשאפט; צווייטענס, האָב איך שוין פריהער געזאָגט, אז איך שרייב דאָס ניט פיר אפיקורסים און איך וויל מיט זיי גאָר ניט דיסקוטירען, ווייל „כל באיה לא ישובון" (משלי ב׳ י"ט), דער וואָס לאָזט זיך נור אריין מיט זיי, קערט זיך שוין ניט צוריק, זאָגט די גמרא. איבערהויפּט, וויל איך דאָ גאָר ניט רעדען פון א וויסענ־שאפטליכען שטאנדפּונקט. דאָס לאָז איך איבער פאר וויסענ־שאפטס־מענער. ווי איך האָב שוין פריהער אָנגעדייטעט, שרייב איך דאָס נור פיר אמת׳ע גלויביגע, אמת׳ע פרומע אידען. דער אמת׳ער איד וויל ניט וויסען פון קיינע אנדערע וויסענשאפטען אויסער די תורה, ווייל אלע חכמות געפינען זיך אין דער תורה. דער איינציגער צוועק פון מיין שרייבען איז אלזאָ נור צו פערגלייכען די עיקרים מיט דער תורה, ווייל מיר גלויבען אין ביידע. די עיקרים ווייסען מיר שוין איצט וועלען מיר איבערגעהן צו דער תורה.

אוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא

„אוריתא וקב"ה חד הוא", זאָגט דער זהר הקדוש, ד. ה., די תורה און גאָט איז איין זאך, דער פּייטן זאָגט אויך: „קדם כל אלה, הוא ואני היינו מאז", ד. ה., די תורה זאָגט אונז, בעפאָר דיזע אלע זאכען זיינען נאָך בעשאפען געוואָרען, זיינען מיר, ער און איך שוין לאנג געוועזען. די גמרא זאָגט עדות: ווען גאָט האָט בעדארפט בעשאפען די וועלט, האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער תורה און האָט בעשאפען די וועלט, דאָס אליין בעווייזט שוין גענוג ווי גרויס און ערהאבען אונזער תורה איז. היינט וואָס זאָל מען שוין רעדען וועגען די גרויסקייט און ערהאבענהייט פון אונזער גאָט, וועלכער האָט אונז דיזע תורה געגעבען? דאָס ווייסען מיר גענוג פון די גרונד־פּרינציפּען (עיקרים) פון אונזער רעליגיאָן.

ווי אונזערע חכמים ווילען האָבען, האָט אונז גאָט געגעבען די תורה, אין פּרד"ס, דאָס הייסט, אין פּשט, רמז, דרוש, סוד. פּשט

הייסט, קלאָרע דבורים, וואָס גערעדט דאָס געמיינט, אָהן פאַלשקייט און אָהן פערדרעהעניש. איך וועל דאָ געבען א ביישפּיעל: ויאמר יהוה אל משה, גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, הנך שכב עם אבתיך, ווען דו וועסט שוין רוהען מיט דיינע עלטערן, (ד. ה. ער וועט שוין זיין געשטאָרבען),וקם העם הזה וזנה אחרי אלהי נכר הארץ וכו' און דיזעס פאָלק וועט זיך אויפהויבען און וועט זיך ווענדען צו די פרעמדע געטער א. ז. וו., וחרה אפי בו ביום ההוא וכו', דאַן וועט אויפ'ן שטעל מיין צאָרן ענטברענען אויף איהם א. ז. וו. (דברים, ל"א). ווען מען לערנט אזוי דעם פּסוק, הייסט עס פּשט, קיינער וועט עס אנדערש גאָר ניט קענען לערנען, אין פּשט מוזען אלע איינ־שטימען, ווייל דאָס איז איינפאך, דארום ליעגט דאָ דער אמת, ד. ה., אז גאָט האָט אזוי געזאָגט און האָט אזוי געמיינט.

„רמז" איז שוין גאָר אנדערש. רמז הייסט א וואונק, דאָ קען שוין יעדער איינער זאָגען וואָס ער וויל, ער כאַפּט אָן א וואָרט פון דער תורה און זאָגט: אז די תורה האָט דאָס געמיינט. ווי למשל: די גמרא פרעגט, המן מן התורה מנין? וואו איז געדרונגען המן פון דער תורה? דכתיב המן העץ (בראשית ג' י"א), אלזאָ ווען איהר נעהמט אראָב די נקודות פון דעם וואָרט המן (האמין), קען מען דאָס לעזען המן. נאָך א ביישפּיעל: אסתר מן התורה מנין? וואו איז געדרונגען „אסתר" פון דער תורה? ואנכי הסתר אסתיר (דברים ל"א, י"ח). אלזאָ יעדער פערנינפטיגער מענש קען איינזעהען, אז דאָס איז ניט מעהר ווי אויגען־פערבלענדעניש, יעדער פּראָסטער איינפאכער מענש אפילו, קען אויך פערשטעהן און איינזעהן, אז מיט דעם וואָרט „המן העץ" האָט גאָט ניט געמיינט „המן" און מיט די ווערטער „הסתר אסתיר" האָט גאָט ניט געמיינט „אסתר", דאָס איז ניט מעהר ווי א וואָרט־שפּיעל, אבער ניט דער אמת.

„דרוש" הייסט אפילו נאכפאָרשען, זוכען, דער חסרון איז אבער דערפון, אז יעדער דרשן, אָדער בעל דרש'ער, ווי מען רופט עס ביי אונז, זוכט וואָס ער האָט ניט אוועקגעלעגט, און געפינט וואָס איהם ווילט זיך. מען נעמט א פּסוק און מען צוברעכט איהם, מען צודרעהט און מען צוקריפּעלט איהם, אָדער מען צוהאקט

איהם אויף די העלפט און מען שטעלט זיך אב ביי א ווארט, וואס מען וויל, און מען זאגט, אז דאס מיינט די תורה. איהר וועט באלד זעהן א ביישפיעל. איך האב פריער געבראכט א פסוק פון דברים (ל"א) וואו גאט זאגט צו משה: אז נאך זיין טויט, וועו די אידען וועלען זיך ווענדען צו פרעמדע געטער, וועט גאטס צארן ענטברענען אויף דאס גאנצע פאלק, און עם וועט ליידען גרויסע צרות דערפון. אין גאנץ תורת משה איז ניט דערמאנט קיין „תחית המתים", די דרשנים האבען אבער אין דעם דערמאנטען פסוק אויסגעפונען „תחית המתים". ווי אזוי? אט הערט: ויאמר יהוה אל משה, און יהוה זאגט צו משה, הנך שכב עם אבותיך וקם, דו וועסט רוהען מיט דיינע עלטערן, דאס הייסט, דו וועסט שטארבען און דו וועסט אויפשטעהן, דאס מיינט תחית המתים. איי וואס דאס ווארט „וקם" בעלאנגט דאך גאר צו דעם אנדערן האלבען פסוק: וקם העם הזה וזנה א. ז. וו., זאנסט האט עס גאר קיין זינן ניט, דאס קימערט די דרשנים גאר ניט; זיי מאכען פון די פסוקים און פון די ווערטער וואס זיי ווילען, יעדער בעזונדער קען דרש'ענען דעם זעלבען פסוק ווי ער וויל און וואס ער וויל, דארום קען מען זיך אויף „דרוש" אזוי ניט פערלאזען פונקט ווי אויף „רמז".

„סוד", ד. ה. געהיימניס, דאס איז גאר א מכה אשר לא כתובה בתורה. דאס איז א פלאג וואס אפילו אין דער תורה איז דאס ניטא. פיר די בעלי סודות איז ווייניג דעם פסוק צו צודרעהען און צו צוברעכען, זיי צוברעכען אלע ווערטער פון דער גאנצער תורה אויף איינציגע אותיות, נאכהער שטעלען זיי אויף די אותיות ווי זיי ווילען אליין און געפינען אוים זייערע סודות. זעלבסטפערשטענד־ליך, אז אויף „רמז", „דרוש" און „סוד" קען מען זיך ניט פערלאזען אויסער אויף „פשט" אליין. דארום מוזען מיר לערנען די תורה דברים כפשוטן אהן שווינדעל, אהן פילפול און אהן דרשות, דען ווען מיר גלויבען נור, אז גאט איז אמת און זיין תורה איז אמת, איז אונמעגליך אין דער וועלט צו גלויבען, אז די תורה האט ניט געמיינט וואס זי האט גערעדט, און אויב מיר גלויבען יא אזוי, דאן מוזען מיר דאך מודה זיין אז די גאנצע תורה איז ליגען, ווייל זי

האט געזאגט ניט דאס, וואס זי האט געמיינט, נור זי האט זיך פערלאזען אויף ר׳ מאיר און ר׳ יהודה זיי זאלען זיך ארומרייסען און טרעפען וואס זי האט געמיינט. בפרט אז זיי אליין האבען מודה געוועזן דאס „אין מקרא יוצא מדי פשוטו“. ד. ה., מען מעג דרשע׳נען דעם פסוק, אבער דער פראסטער פשט מוז בלייבען. דארום מוזען מיר אויך פריהער זוכען אויב די תורה שבכתב שטימט מיט די עיקרים ד. ה., נאך די ווערטער וואס די תורה אליין שרייבט. דערנאך וועלען מיר זיך ניט פוילען צו געהן זוכען אין תורה שבעל פה, ד. ה., אין די דרשות, און דאס וועט זיין דער סימן, וועלכע תורה עס שטימט מיט די עיקרים. אין דער תורה קען דער וואס גלויבט אין די עיקרים גלויבען אז זי איז אמת, וועלכע תורה עס שטימט אבער ניט מיט די עיקרים קען דאך קיין איד ניט גלויבען, אז די תורה איז אמת ווי באלד אז זי איז א ווידערשפרוך צו די עיקרים, און דאן קען מען דאך בשום אופן איןביידע ניט גלויבען, ווייל ביידע זיינען פאלש, דורך דעם, וואס איינע ווידערשפרעכט די אנדערע.

דיא וועלט-בעשאַפונג

די תורה פאנגט אָן צו דערצעהלען ווי אזוי גאָט האָט בעשאַפען די וועלט. ויאמר אלהים יהי אור. אלהים האָט געזאָגט עס זאָל ווערען ליכט... וירא אלהים את האור. אלהים האָט געזעהן דאָס ליכט... ויקרא אלהים לאור. אלהים האָט א נאָמען געגעבען דאָס ליכט. דיזע אלע אויסדריקע: זאָגען, זעהען, א נאָמען געבען, קען נור אזא וועזען, וועלכער האָט אָרגאנען צו רעדען און צו זעהן, און דאָס האָט נור א קערפערליכער וועזען. דאָס איז דער ערשטער ווידערשפרוך צו דעם עיקר, אז גאָט איז ניט קיין קערפער. נון, ענטפערט מען דארויף, אז די תורה האָט עס נור געשריבען, כדי צו מאכען פערשטענדליך, כדי לשבר את האזן. אויב אזוי הייסט עס, אז דאָס איז שוין דער ערשטער ליגען וואָס די תורה האָט געשריבען, דען זי האָט דאָך געקענט שרייבען: „ביום הראשון ברא אלהים את האור הנקרא יום והנה הוא טוב“. דאָס הייסט, דעם ערשטען טאָג האָט גאָט בעשאפען דאָס ליכט, וואָס ווערט גערופען טאָג, און עס איז ארויסגעקומען גוט. סיי ווי כיי איז די זאך שוין גאָר ניט גלאַט. נור דאָס איז נאָך א קלייניגקייט. לאָמיר זעהן ווייטער. „ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו... ויברא אלהים את האדם בצלמו, בצלם אלהים ברא אתו...“ אלהים זאָגט: מיר וועלען מאכען א מענש אין אונזער אבבילד נאָך אונזער געשטאלט... און אלהים האָט בעשאפען דעם מענש אין זיין בילד, אין דעם בילד פון אלהים האָט ער איהם בעשאפען. דיזע הייליגע ווערטער, ווי מען זאָל זיי ניט דרעהען, ווי מען זאָל זיי ניט דרש'ענען און פערדרעהען, שטעכען זיי דאָך אוים די אויגען און בעווייזען, אז די תורה דערצעהלט אונז נור פון א קערפערליכען גאָט, וועלכער

האָט א געשטאַלט און א פאָרם ענליך צו א מענש און אז ער איז ניט איינער אליין, ער זאָגט צו ווער עס איז: מיר וועלען מאכען א מענש אין אונזער עבענבילד, אין אונזער געשטאלט, דאָס איז א געוואלטיגער ווידערשפרוך צום ערשטען, צווייטען און דריטען עיקר. דאָ קען מען אפילו ניט בענוצען דעם תירוץ: כדי לשבר את האזן.

וואָס לערנען מיר ווייטער אין אונזער תורה? „ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה, וישבות ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות.“ אלהים האָט דעם זיעבענטען טאָג געענדיגט זיין ארבייט וועלכע ער האָט געמאכט. הייסט עס, אז זעקס טעג האָט ער טאקי געארבייט, דעם זיעבענטען טאָג האָט ער גערוהט פון אלע זיינע ארבייט וואָס ער האָט געמאכט. רוהען מוז דער, וואָס פער־מאטערט זיך, פערמאטערען זיך מוז יעדער קערפער וואָס ארבייט. און אז גאָט האָט גערוהט, האָט ער זיך געווים פערמאטערט. און אז ער האָט זיך פערמאטערט ווייל ער האָט געארבייט, איז ער געווים א קערפער, און דארום האָט ער גערוהט.

נון דערצעהלט אונז די תורה גאָר א נייע געשיכטע, ווי אזוי גאָט האָט בעשאפען דעם מענשען. גאָר אנדערש ווי אין די ערשטע ערצעהלונג, אבער ווי פערענדערט די אנדערע ערצעהלונג איז, בלייבט דאָך גאָט דערזעלבער. „וייצר יהוה אלהים את האדם עפר מן האדמה ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה“. גאָט יהוה האָט געבילדעט דעם מענשען שטויב פון דער ערד און האָט אריינגעבלאָזען אין זיין נאָז א לעבעדיגען אטהעם, און דער מענש איז געוואָרען א בעזעעלטע חיה. דערנאָך האָט ער געפלאנצט א גארטען אין עדן און האָט דאָרט אריינגעזעצט דעם מענשען, וועלכען ער האָט געבילדעט. אלזאָ, דאָ דערצעהלט אונז די תורה בפירוש, אהן שום קונצען פון פיזישע ארבייט, וואָס גאָט האָט געטהאָן. פון שטויב האָט ער אויסגעקנאָטען א מענשען און האָט אליין פיר איהם געפלאנצט א גאָרטען, וואָס צו אזעלכע ארבייט מוז מען האָבען הענד און פיס אם וועניגסטענס. אין דיזען גאָרטען האָט גאָט געלאָזט וואקסען אלערליי בוימער וואָס זיינען שעהן צו

זעהן און גוט צו עסען, און א „בוים פון לעבען“ אין מיטען גארטען און א „בוים פון וויסען גוטעס און בייזעס“... און דער גאָט יהוה האָט גענומען דעם מענשען, האָט איהם אריינגעלאָזען אין גארטען עדן איהם צו בעארבייטען און צו היטען. און ער האָט בעפאָהלען דעם מענשען און האָט איהם אזוי געזאָגט: פון אלע בוימער פון גארטען קענסטו עסען, נור פון דעם בוים וואָס מען קען וויסען גוטעס און בייזעס זאָלסטו ניט עסען, דען זאָבאלד דו וועסט דערפון עסען וועסטו שטארבען. דיעזע ערצעהלונג ווי דונקעל, ווי פינסטער זי איז, ווארפט זי אבער ליכטיגע שטראהלען, דורך וועלכע מען קען דערזעהן די רעליגיאָן כמעט פון איהר אָנפאנג, ווייל מיט דיזער ערצעהלונג פאנגט זיך אָן די רעליגיאָן נאָך תורת משה. נאָך דיזער ערצעהלונג זעהען מיר נאָך גאָט וועניג־וואָס ענטוויקעלט, ער אליין האָט זיך נאָך בעשעפטיגט מיט לאנד־ארבייט, האָט אליין געפלאנצט בוימער, אבער אזוי שנעל ווי ער האָט זיך נור איינגע־סטראָיעט א לאנד־גוט, האָט ער באלד פערשקלאפט דעם שוואכערען מענשען פון זיך, האָט איהם איינגערעדט, אז ער איז זיין גאָט, וואָס האָט איהם, דעם מענשען, אויסגעארבייט פון בלאָטע, און ער מוז איהם דערפאר בעארבייטען זיין גארטען. ער טאָר אבער ניט געניסען פון יענע פרוכט, פון וועלכע מען קען וויסען גוטעס און בייזעס, דען זאָבאלד ווי ער וועט עס נור פערזוכען וועט עס איהם קאָסטען דאָס לעבען. דיזער גאָט האָט שוין געהאט גענוג שכל צו פערשטעהן, אז דער מענש, דער פערשקלאפטער, וועט נור אָנהייבען צו וויסען וועט ער אויפהערען צו גלויבען און וועט רעבעלירען געגען איהם. דאָס שטימט אבער נור אויך מיט דעם גאָט פון תורת משה און אין קיין פאל שטימט עס ניט מיט דעם גאָט פון די עיקרים.

אין קורצען גערעדט, האָבען מיר דאָ, ביי די ערצעהלונג פון דער וועלט בעשאפונג, פאר זיך א פראָסטען איינפאכען גאָט, וועלכער פעררינכט פערשידענע פיזישע ארבייט און איז אויך א גרוי־סער קינסטלער: ער פלאנצט בוימער, פון הוילער ערד קנעט ער אוים חיות, פויגלען און אויך דעם מענש, גיט אדם׳ען א שלאָף־

טרונק און מאכט איהם א גרויסע אָפּעראציע: פון דעם אויסגעשניטענעם ריפּ מאכט ער פאר איהם א ווייב. מיט דעם מענש איז ער א גאנצער פאניע־בראט, רעדט מיט איהם כדבר איש אל אחיו, ד. ה. ווי איין ברודער מיט דעם אנדערען; גיט איהם אָב דעם כבוד ער זאָל א נאָמען געבען אלע בהמות, פויגלען און חיות. מיט אזא גאָט, דאכט זיך, איז גאָר א פערגניגען. דער מענש מיט גאָט זיינען די בעסטע גוטע פריינד. נו, דארף זיך אריינמישען דער טייפעל, די שלאנג, און אָנמאכען די גרעסטע שנאה צווישען די בעסטע פריינד, האָט אָנגערעדט די פרוי זי זאָל עסען פון די פערבאָטענע פרוכט. זי האָט געגעסען און האָט דעם מאן אויך געגעבען צו עסען דערפון, דערזעלבער שלאנג וואָס איז דער שטן איז אויך דער מקטרג, איז אוועקגעגאנגען גלייך צו גאָט און האָט זיי פאר'מסור'ט, אז זיי האָבען געגעסען די פערבאָטענע פרוכט. גאָט איז גלייך געקומען צו די מענשען, און ווען דיזע האָבען דערהערט אז גאָט געהט, האָבען זיי זיך בעהאלטען. גאָט האָט אבער אָנגעפאנגען צו שרייען און זוכען, ביז ער האָט זיי דאָך געפונען. ער האָט גלייך געמאכט א שטרענגע אונטערזוכונג מיט א קרייץ־פערהער און האָט אויסגעפונען אז די מעשה איז ריכטיג. בקיצור, איהר ווייסט דאָך דעם פסק: פון גאָרטען האָט ער זיי ארויסגעטריבען און האָט זיי אלעמען פערשאָלטען אויף אייביג.

איבער דיזע ערצעהלונג מעג מען דרש'ענען וואָס מען וויל, פילאָזאָפירען וויפיעל מען וויל, אז דאָס איז נור א משל, צוויי זאכען קען מען אָבער אימער לערנען, ווי פון משל אזוי אויך פון נמשל: ערשטענס, אז דער מענש שטרעבט צו וויסען אונטער אלע אומשטענדען, און מעג עס איהם זיין פערבאָטען אפילו פון גאָט אליין, ברעכט ער דאָס געבאָט; צווייטענס, אז גאָט פעהלט „ידיעה", דען ווען גאָט זאָל וויסען פריהער וואָס שפּעטער וועט זיין, וואָלט ער דאָך דאָס אלעם געקענט פערהיטען; ער וואָלט פערשפּאָרען צו האָבען אזוי פיעל הארצקלעמענים, און וואָלט פערשפּאָרען אלעמען צו שילטען. ער האָט עס אבער ניט פערהיט, ווייל ער האָט ניט

געוואוסט, שטימט דאָך עס ניט מיט דעם עיקר, אז ער איז אלל־וויסענד.

ביי „קין" מיט „הבל" טרעפען מיר נאָך אלץ דעם זעלבען פראָסטען איינפאכען גאָט, צוזאמען מיט די מענשען. זיי ברענגען איהם שוין מתנות, ער נעהמט אבער ניט צו אבי וועלכע, ער וויל דאָס בעסטע. דארום נעהמט ער צו הבל'ס מתנה און קין'ס ניט. קין'ען פערדריסט עס און גאָט זאָגט איהם מוסר. ער גיט איהם די עצה ער זאָל זיך פערבעסערען. „קין" הרג'עט אבער זיין ברודער „הבל", גאָט ווערט אפילו שטארק אין כעס אויף קין'ען, דאָך אָבער שעהמט ער זיך ניט אריינצוגעהן אין א געשפרעך מיט דעם ברודער־מערדער, שרייט אויף איהם און שילט איהם מיט געפעהרליכע קללות: ער זאָל זיין פערפלוכט פון דער ערד; אז ער וועט זי בע־ארבייטען זאָל זי איהם ניט געבען איהר קראפט, און דערצו זאָל ער קיין רוהע־פלאץ ניט האָבען, ער זאָל זיין א נע ונד זיין גאנצען לעבען. „קין" ערקלערט איהם אָבער אז זיין שטראָף איז אונ־ערטרעגליך, וויל ווער עס וועט איהם טרעפען וועט איהם גלייך הרג'ענען, — „גדול עוני מנשא... והיה כל מצאי יהרגני". גאָט האָט זיך ארומגעזעהען אז קין האָט רעכט, ס'איז טאקי אָהן א שכל צו שטראָפען מיט א'ן אונגאויספיהרבארע שטראָף און דארום האָט ער אויסגעשריען: קיינער זאָל זיך ניט וואגען הרג'ענען קין'ען! „לכן כל הרג קין!" ווי עס ווייזט אויס אבער, האָט קין שוין ווייניג צוטרויען געהאט צו גאָט און ער איז אוועקגעגאנגען פון איהם און האָט זיך בעזעצט אין די לאנד נוד. דאָ האָבען מיר אלץ פאר זיך דעם זעלבען גאָט פון דער תורה, אבער קיין שום סימן ניט פון אזא גאָט, ווי פון די עיקרים.

פון דער צייט וואָס קין האָט זיך אָבגעטהיילט פון גאָט, הערען מיר פון איהם כמעט גאָר ניט, מיר ווייסען ניט וואו ער איז, מיט וועמען ער האָט צוטאָן, קין האָט מיט איהם מעהר קיינע התחברות ניט געהאט און מיר ווייסען ניט ווער זיינע חברים זיינען געווען. ביז דעם זיעבענטען דור, דאָס איז א חשבון פון נייען הונדערט יאהר, דערצעהלט אונז די תורה, אז גאָט האָט געקראָגען קוים איין חבר,

וועלכער איז מיט איהם ארומגעגאנגען, און זיי זיינען ביידע פערשוואונדען געוואָרען וויעדער אויף א לאנגע צייט, — „ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו, כי לקח אתו אלהים“. חנוך האָט געוואנדעלט מיט גאָט, און ער איז ניט געוואָרען, דען גאָט האָט איהם צוגענומען.

דער מבול

אין א צייט פון אכט הונדערט יאהר נאָכדעם, דערצעהלט אונז דיא תורה, איז גאָט געוואָרען שטארק אונצופריעדען מיט די מענשען, ער האָט מיט זיי זעהר פיעל געקעמפפט און עס איז איהם שוין מיאוס געוואָרען, דאָך האָט ער בעשלאָסען צו ווארטען נאָך הונדערט און צוואנציג יאהר, פיעללייכט וועלען זיי נאָך בעסער ווערען. „ויאמר יי לא ידון רוחי באדם לעולם, בשגם הוא בשר, והיו ימיו מאה ועשרים שנה“. ווען די צייט איז אריבער און גאָט האָט געזעהן, אז דער מענש האָט זיך ניט געבעסערט, ער איז פערקערט נאָך פיעל ערגער געוואָרען, האָט ער שוין גאָר חרטה געקראָגען, וואָס ער האָט געמאכט דעם מענשען אויף דער ערד און עס האָט איהם שטארק פערדראָסען, דארום האָט ער בעשלאָסען איין מאָל פאר אלע מאָל אלעם צו פערניכטען: מענשען, בהמות, חיות, ווערים און אויך די עופות, ווייל ער האָט חרטה געקראָגען, וואָס ער האָט עס אלעם גאָר געמאכט. „וירא ד׳ כי רבה רעת האדם בארץ, וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום, וינחם ד׳ כי עשה את האדם בארץ, ויתעצב אל לבו, ויאמר: אמחה את האדם א. ז. וו. כי נחמתי כי עשיתם“. אלס יהוה האָט געזעהן אז די פערדאָרבענהייט פון דעם מענשען איז גרויס אויף דער וועלט, און זיינע אלע געדאנקען זיינען אימער צו בייזעס, האָט יהוה חרטה געקראָגען וואָס ער האָט געמאכט דעם מענש אויף דער וועלט און עס האָט איהם פערדראָסען אין זיין הארץ. און ער האָט געזאָגט: איך וועל פערטיליגען דעם מענש א. ז. וו., דען עס פערדריסט מיך

וואָס איך האָב זיי געמאכט.. קען שטימען דיזער גאָט, מיט דעם גאָט פון די עיקרים, אין וועלכען א איד מוז גלויבען?

וואָס זעהען מיר ווייטער? אזוי ווי דער כעס איז איהם א ביסעל איבערגעגאנגען, האָט ער באלד ווידער חרטה געקראָגען. עס האָט איהם געריסען די הארץ צו פערניכטען אלעס, אז עס זאָל קיין זכר ניט בלייבען, און ער האָט אויסגעקליבען איין מענשען פון דער גאנצער וועלט איבערצולאָזען אויף א פלאַד; דאָס איז „נח“ מיט אלע איבריגע ברואים צו פּאָאַר פון יעדען מין. זעלבסט־פערשטענדליך האָבען זיי אויך געמוזט זיין אזעלכע צדיקים ווי נח איז געוועזן. „ונח מצא חן.... נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, את האלהים התהלך נח“. און נח האָט געפונען גנאדע אין גאָט׳ס אויגען. נח איז געוועזן איין אויפריכטיגער צדיק אין זיינע צייטען. מיט גאָט האָט נח געוואנדעלט. איהם האָט גאָט מגלה געווען דעם סוד וואָס ער דענקט צו טאָן מיט דער גאנצער וועלט און האָט איהם א׳ן עצה געגעבען ווי צו רעטען זיך.

נאָך דעם ווי נח איז שוין מיט אלעם פערטיג געוואָרען האָט גאָט געבראכט דעם מבול און האָט חרוב געמאכט אלעס וואָס נור אויף דער ערד איז געוועזן.

אין א יאהר ארום איז די ערד שוין ווידער טרוקען געוואָרען, און גאָט האָט געהייסען נח׳ן ער זאָל שוין ארויסגעהן פון דער „תבה“ מיט זיין גאנצער חאליאסטרע און זאָלען זיך פערשפרייטען אויף דער ערד. נח איז ארויס און האָט באלד געבויט א מזבח; ער האָט גענומען בהמות און געפליגעל און האָט געבראכט קרבנות אויף דעם מזבח פיר גאָט. ווי גאָט האָט נור דערשמעקט דעם ריח נחוח פון די געבראָטענע בהמות, האָט איהם ווידער פערדראָסען וואָס ער האָט געמאכט אזא חורבן אויף דער וועלט, און ער האָט זיך א טראכט געטאָן: נו, מעהר טהו איך ניט אזא נארישקייט. דער מענש, ווי עס ווייזט אויס, קען בעסער ניט זיין, און איך וועל איבער איהם מעהר ניט פערניכטען אלעס לעבעדיגעס, ווי איך האָב איצט געטאָן. „וירח ה׳ את ריח הנחוח, ויאמר ד׳ אל לבו לא אסף עוד לקלל עוד את האדמה בעבור האדם, כי יצר לב האדם

רע מנעריו ולא אוסף עוד להכות את כל חי כאשר עשיתי. אין דער זעלבער צייט איז ער אזוי גוט געווארען צו די מענשען, אז ער האט זיי אוועקגעגעבען אלס זייער אייגענטהום אלע לעבענדיגע. וועלכעס געפינט זיך נור אויף דער וועלט. ער האט זיי ערלויבט עס צו עסען, פונקט ווי די גרינס פון פעלד. זיי מוזען עס אבער פריהער טויט מאכען. נור קיין מענשען זאל מען זיך ניט וואגען טויט צו מאכען, און ווער עס פערגיסט מענשען־בלוט, מוז דורך מענשען זיין בלוט פערגאסען ווערען, ווייל ער האט דעם מענשען געמאכט אין זיין (גאט'ס) עבענבילד. דא זעהען מיר ווי גאט ענדערט זיינע מיינונגען, נאכדעם ווי ער האט זיך ארומגעזעהן, אז דער מענש קען ניט לעבען מיט גרינס אליין, האט ער איהם ערלויבט צו עסען פלייש.

קענענדיג אבער זיין אייגענעם שוואכען כאראקטער, דאס אויף זיין ווארט קען מען זיך ווייניג פערלאזען און עס קען נאך ווידער קומען א צייט, וואס ער וועט אין כעס ווערען און ווידער פערניכטען אלעס פון דער וועלט דורך א מבול, איז ער געקומען צו נח'ן און האט געשלאסען מיט איהם א בונד פיר אלע מענשען און פאר אלע לעבעדיגע, און האט זיך א נדר געטאן און געשווארען, אז ער וועט מעהר קיין מבול אויף דער וועלט ניט ברענגען; וליתר בטחון, אז ער זאל זיין שבועה און זיין נדר אמאל ניט פערגעסען, האט ער געמאכט דעם רעגענבויגען אין די וואלקענס, ער זאל איהם דיענען צום צייכען און זאל איהם אימער דערמאנען אן זיין פערשפרעכען און זיין שבועה. „והיה בעננו ענן על הארץ, ונראתה הקשת בענן, וזכרתי את בריתי אשר ביני וביניכם... ולא יהיה עוד המבול לשחת כל בשר“.

דער דור הפלגה

נח מיט זיינע דריי זיהן האָבען זיך געלעבט א גוטען טאָג, האָבען געגעסען, געטרונקען און געבאָרען קינדער. עס איז אוועק מעהר ווי פיער הונדערט יאהר, און עס איז אלעס ווידער געוואָרען ווי געווען. פון גאָט הערען מיר ווידער די גאנצע צייט גאָר ניט. ענדליך האָבען די מענשען געוואָלט אויפטאָן עפּעס נייעס: זיי האָבען אויסגעבויט א פעסטונגס־שטאָדט מיט א גאנץ הויכען טורם אום צו מאַכען זיך דערמיט א גרויסען נאָמען און מען זאָל זיי ניט קענען פונאנדערטרייבען אויף דער וועלט. דיזע אונטער־נעהמונג איז עפּעס גאָט ניט געפעלען געוואָרען, — ווייל דאָס איז א נייעס, און די געטער האָבען אימער פיינט נייעס, אָבוואָהל ביי גאָט אליין זעהען מיר איצט עפּעס א נייעס. מיר זעהען איהם דאָ אין א גאנץ נייע פּאָזיציאָן: דאָס ער לאָזט זיך אראָב פון אויבען, צו זעהען וואָס די מענשען האָבען אונטען אויפגעבויט. „וירד ד׳ לראות את העיר ואת המגדל אשר בנו בני האדם“. גאָט האָט זיך ארונטערגעלאָזען צו זעהן די שטאָדט און דעם טהורם, וואָס די מענשען־קינדער האָבען געבויט. וועהרענד ביז דער צייט האָבען מיר איהם אלץ געטראָפען צוזאמען מיט די מענשען אויף דער ערד. אויפ׳ן הימעל איז ער ארויף ווי עס ווייזט אוים אין דער צייט פון מבול, ווייל ער האָט זיך ניט געהאט וואו אהינצוטאָן. ווי ער האָט אָבער דערזעהן אז די מענשען בויען א טהורם אין הימעל אריין, האָט ער פשוט מורא געהאט אז סוף כל סוף — אויב מען וועט זיי אזוי לאָזען — וועלען זיי געווים רעבעלירען געגען

איהם, דארום האָט ער זיך מקדים געווען, האָט זיך אַראָבגעלאָזען מיט זיין חברה און האָט צומישט זייער שפּראַך און זיי פער־נאנדערגעטריעבען אויף דער גאנצער ערד. „ויאמר ד׳ הן עם אחד ושפה אחת לכלם, וזה החלם לעשות, ועתה לא יבצר מהם כל אשר יזמו לעשות? הבה נרדה ונבלה שם שפתם, ויפץ יהוה אתם משם על פני כל הארץ". און גאָט זאָגט: נון, איז עס נור איין פאָלק און זיי האָבען נור איין שפּראַך; דאָס איז זייער ערסטע ארבייט. זאָלען זיי ניט אבגעהאלטען ווערען פון זייער אונטערנעהמונג? אלזאָ, לאָמיר זיך אַראָבלאָזען און צומישען דאָרט זייער שפּראַך. און גאָט האָט זיי צושפּרייט פון דאָרט אויף דער גאנצער ערד.

אלזאָ, די תורה דערצעהלט אונז דאָ וויעדער די האנדלונגען פון דעם זעלבען איינפאַכען גאָט, וועלכער איז אויף קיין פאַל ניט דער „יודע כל מעשי בני אדם וכל מחשבותם". און דארום האָט ער זיך געמוזט פריהער אַראָבלאָזען און זעהען וואָס די מענשען־קינדער בויען און דאן האָט ער ניט פערשטאנען, וואָס זיי דענקען צו טהאָן, און ער האָט זיך פאר זיי שטארק דער שראָקען, ווי ער זאָגט: „וזה החלם לעשות, ועתה לא יבצר מהם כל אשר יזמו לעשות?" דאָס איז נור זייער אָנפאַנג. זאָלען זיי ניט אָבגעהאל־טען ווערען פון אלעס וואָס זיי האָבען בעשלאָסען אויסצופיהרען? דאָס בעווייזט: אז ער איז אויך ניט קיין „תקיף ובעל יכולת כולם". זאָנסט וואָלט ער דאָך ניט מורא געהאַט פאר מענשען און וואָלט ניט אָנגעווענדעט קיינע פּאָליטישע טריקס, צו מאַכען א פּרוד לבבות ביי די מענשען אום צו שטערען דורך דעם זייער אונטערנעהמונג. עס ציינט אונז נאָך עטוואָס, נעמליך: אז ער איז ניט איינער, דען אזוי ווי די מענשען זאָגען איינער צום אנדערן: „הבה נבנה לנו עיר ומגדל... ונעשה לנו שם". לאָמיר אונז אויפ־בויען א שטאדט און א טהורם. זאָגט ער אויך: „הבה נרדה ונבלה שם שפתם". לאָמיר זיך אַראָבלאָזען און מיר וועלען דאָרט צו־מישען זייער שפּראַך. אָבוואָהל מיר ווייסען ניט קלאָר, ווער עס זיינען זיינע מיטהעלפער, דאָס וועלען מיר שפּעטער אויסגעפינען, פאָרלויפיג איז גענוג צו וויסען, אז ער זאָגט צו וועמען־עס־איז:

לאָמיר זיך אראָבלאָזען, א. ז. וו. איך שיהיה שטימט דיזער גאָט בשום אופן ניט מיט דעם גאָט פון די עיקרים. נור מיר װעלען זיך נאָך דארויף אליין ניט אבשטעלען און מיר װעלען װייטער זוכען אין דער תורה, פיעללייכט װעלען מיר דאָך אויסגעפונען וואו עס װעט יא שטימען.

דער גאָטט פון אַברהם

אין איינינגע און צוואנציג יאהר נאָך דעם דור הפלגה, איז גאָט בעקאנט געװאָרען מיט אברהם׳ען. זייט דיזער בעקאנט־שאפט פאנגט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דעם געטליכען לעבען. א מערקווירדיגע ענדערונג זעהען מיר פון איצט אָן אין זיין פיהרונג און אין זיינע האנדלונגען. די אלטע טאקטיק — װעלכע ער האָט אָנגעװענדעט גאנצע צוואנציג דורות, האָט ער אין גאנצען אומ־געביטען.

די גאנצע צייט פון אדם הראשון ביז איצט, ווי מיר װייסען, איז ער געװען א גאָט פאר אלע מענשען פון דער װעלט. ער האָט זיך שטארק געקימערט אום זיי און האָט ניט װעניג געליטען פון זיי; ער האָט שוין אפילו ניט איין מאָל חרטה געהאט װאָס ער האָט גאָר געמאכט דעם מענשען אויף דער ערד און עס האָט איהם שטארק פערדראָסען, ווי זיין אייגענע תורה איז אליין מעיד אויף איהם: „וינחם ד׳ כי עשה את האדם בארץ, ויתעצב אל לבו“, (בראשית, ו׳). — יהוה האָט בערייעט װאָס ער האָט געמאכט דעם מענשען אויף דער ערד, און עס האָט איהם פערדראָסען אין זיין הארצען, — פון דעסטװעגען איז ער אלץ געבליבען זייער גאָט. ער האָט זיך נור גוט אָנגעבייזערט, אָנגעשאָלטען און — װייטער ווי געװען. ווי מיר װייסען פון אדם מיט חוה, ווי ער האָט זיי גוט אויסגעזידעלט און אָנגעשאָלטען, און עס װאָלט געװוים װייטער גוט געװען, װען ער װאָלט פאר זיי ניט מורא געקראָגען „פן ישלח ידו ולקח גם מעץ החיים ואכל וחי לעולם“ — ווי לייכט ער קען

אויסשטרעקען זיין האנד און נעהמען פון דעם לעבענס־בוים אויך און וועט עסען, וועט ער דאָך לעבען אייביג. און דער מענש קען דאן ווערען זיין קאָנקורענט, איז ער פשוט געצוואונגען געווען זיי ארויסצוטרייבען פון גן עדן. דער שלאנג האָט ער געשאָלטען, זי זאָל קריכען אויפ'ן בויך און קייען די ערד. אפילו דעם ברודער־מערדער „קין" האָט ער אויך אבגע'פטר'ט נור מיט שילטען. ווען די מענשען האָבען איהם אבער אזוי שטארק דערעסען, אז עס איז שוין אונמעגליך געווען אויסצוהאלטען פון זיי, זיינע קללות, האָט ער געזעהן, העלפען וואָס וועניג — שילט היינט, שילט מאָרגען, זיי טהוען וואָס זיי ווילען, האָט ער שוין קיין ברירה ניט געהאט און האָט זיי געמוזט דערטרינקען אין דעם מבול, און אליין ארויפ־שטייגען אין הימעל. נור וויסענדיג, אז א גאָט אָהן מענשען און אָהן בהמות לוינט ניט צו זיין, האָט ער איבערגעלאָזען פון אלע ברואים א פּאָטאָמעק אום עס זאָל מיט דער צייט קענען ווידער ווערען אזא וועלט ווי עס איז געווען פון אדם מיט חוה.

ווי מיר ווייסען שוין פון פריהער, האָט גאָט נאָך דעם — ווי זיין שטייגער איז — גאנץ שטארק חרטה געהאט אויף דיזע טהאט זיינע, און ער האָט געשוואָרען און זיך א נדר געטאָן, אז ער זאָל אזא דומען שריט שוין מעהר ניט מאכען. ער איז געוואָרען גוט, האָט געבענשט די מענשען, חיות און בהמות זיי זאָלען זיך פער־מעהרען, און זיין ברכה איז מקוים געוואָרען. איצט, דאכט זיך, האָט שוין גאָט געדארפט זיין צופריעדען און מעהר פאָרזיכטיג, ניט צו מאכען ווידער א פעהלער, און עס וואָלט איהם טאקי זעהר גוט געגאנגען: אלע מענשען זיינען געווען איין פאָלק, האָבען בענוצט איין שפּראך — און נאָך וועלכע שפּראך, לשון הקדש, מיט וועלכע אונזער תורה איז געשריעבען, און מיט וועלכע ער האָט בעשאפען די וועלט, — האָבען איהם אלע געהאלטען פאר איין גאָט, און ער וואָלט נאָך אפשר פערבליעבען ביז היינטיגען טאָג אזוי; דאן וואָלט איהם גוט געווען, די מענשען וואָלטען געווען גליקליך און די שפּעטערדיגע נביאים וואָלטען ניט דארפען בעטען

און האָפען : (זכריה, י"ד) „ביום ההוא יהיה ד׳ אחד ושמו אחד".
דאן וועט זיין נור איין גאָט מיט איין נאָמען.

גאָט האָט אָבער מיט זיין אונפּאַרזיכטיגקייט ווידער א מאָל געמאכט א פעהלער, א פעהלער, אויף וועלכען עס האָט איהם געדארפט פערדריסען מעהר ווי אלע מאָל, ווייל דורך דיזען פעהלער איז ער אליין פעראונגליקט געוואָרען און האָט אונגליקליך געמאכט די מענשען ביז היינטיגען טאָג.

די מענשען פון יענער צייט האָבען זיך געוואָלט בעפעסטיגען, אום זיך מאכען א גרויסען נאָמען, ד. ה. פשוט, זיי האָבען געזוכט זייער לאגע צו פערבעסערען און צו פערשטארקערען זייער געזעל־שאפטליכע אָרגאניזאציאָן, ווי זיי דריקען זיך אויס בפירוש : דאָס מיר זאָלען ניט צושפּרייט ווערען אויף דער גאנצער ערד — „פן נפוץ על פני כל הארץ". גאָט האָט זיי אָבער ניט פערשטאנען און האָט זיי גאָר חושד געווען, אז מיט דעם טהורם וואָס זיי ווילען בויען ביז׳ן הימעל, איז נור זייער צוועק צוצוקומען צום הימעל און אויפהויבען א רעוואָלוציאָן געגען איהם, ווי ער דריקט זיך אליין אויס : דאָס איז נור זייער ערשטע ארבייט, נון זאָלען זיי ניט אָבגעהאלטען ווערען פון אלעם וואָס זיי טראכטען צו טהאָן ? דיזער געדאנק האָט איהם זעהר דערשראָקען און האָט איהם ניט געלאָזט רוהען, ביז ער האָט זיך אראָבגעלאָזען מיט זיין גאנצע הימלישע ארמעע, האָט צומישט זייער שפּראכע און האָט זיי פונאנדערגעטריעבען איבער דער גאנצער ערד. זעלבסט־פערשטענדליך זיינען אלע מענשען שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען אויף איהם, און דער רעזולטאט איז געווען, דאָס יעדעס בעזונדערע פאָלק מיט איהר בעזונדערע שפּראכע האָט זיך אויסגעזוכט א בעזונדערען גאָט, און אפילו דער איינציגער פאָלק, וועלכער איז געבליעבען ביי זיין אלטע שפּראכע — לשון קדש, האָט זיך אויך ענטזאגט פון איהם און זיך אָבגעזוכט א׳ן אנדער גאָט.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז שוין, דאכט מיר, גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס גאָט האָט אומגעביטען זיין טאקטיק מיט זיין פיהרונג, האָט אויפגעהערט צו זיין דער גאָט פון אלע מענשען און

איז געוואָרען דער גאָט פון אברהם אליין. האָט ער עפּעס געקענט בעסער מאכען, ווען אלע מענשען האָבען זיך ענטזאגט פון איהם? ער איז דאָך געבליבען פּשוט ווי א פּאסטוך אָהן שעפּסען און ווי א קעניג אָהן א פאָלק. אונטער אזעלכע אומשטענדען, האָט ער זיך געמוזט צופרידענשטעלען ווען ער האָט געפונען כאָטש איין מענשען, מעג ער זיין ווער ער איז, מעג ער אויך זיין א'ן אונמאָראלישער מענש, וועלכער זאָל איהם אנערקענען אלס גאָט. דיזער איין מענש איז געווען אברם, און גאָט איז מיט איהם העכסט צופריעדען געווען.

מיט דיזער ערקלערונג, ווערט רעכט די פראגע: ווי פּאַלט אוים גאָט צו טאָן אזא דומען שריט, צו ענטזאגען זיך פון א גאנצע וועלט מענשען און זיך פערבינדען נור מיט איינעם, וועלכער פיהרט א'ן אונמאָראלישען לעבען מיט זיין פרוי, מיט דער האָפנונג, אז אין א צייט ארום וועט פון איהם ארויסקומען א גאנץ פאָלק, וועלכע וועט איהם אנערקענען ווען־עס־איז אלס גאָט? עס שטימט אויך מיט דיזע ערקלערונג זיינע האנדלונגען און פיהרונגען מיט אברהם'ען, וועלכע זיינען ווייט אנדערש פון זיינע האנדלונגען מיט זיינע פריהערדיגע פריינד. „„חנוך", ווי עס שטעהט אין דער תורה „ויתהלך חנוך את האלהים, ואיננו כי לקח אתו אלהים", חנוך איז ארומגעגאנגען מיט גאָט און ער איז ניט געוואָרען, דען גאָט האָט איהם צוגענומען, און, ווי מיר האָבען בקבלה, האָט איהם גאָט אוועקגעגעבען די העכסטע פּאָליטישע שטעלע אין הימעל — ער איז געוואָרען דאָרט דער העכסטער מיניסטער, וועלכער איז גוט בעקאנט אונטער דעם נאָמען „מט"ט שר הפנים". שפּעטער האָט ער זיך בעפריינדעט מיט נח, ווי עס שטעהט: „ונח מצא חן בעיני ד'", נח האָט געפונען גנאדע אין גאָטעס אויגען. איהם האָט ער געטאָן די גרעסטע טובות אויף דער ערד: האָט איהם מיט זיין ווייב און קינדער מציל געווען פון אזא שרעקליכען טויט — פון מבול, האָט איהם געבענשט און האָט איהם געמאכט צום הערשער אויף דער גאנצער ערד. מיט איין וואָרט, ער האָט פיר איהם אלעס געטאָן, וואָס נור א גאָט קען טאָן פאר א מענשען;

ער האָט איהם ערלויבט אַלעס צו עסען, אפילו פלייש אויך, און האָט פון איהם, ווי פון חנוך, קיין זאך ניט פערלאנגט, אויסער דאָס ער און זיינע קינדער זאָלען פיהרען א מאָראַלישען לעבען, זיי זאָלען קיין מענשען ניט הרג'ענען און זאָלען רחמנות האָבען אפילו אויף א בהמה אָדער א חיה. זיי זאָלען פון זיי ניט שניידען שטיקער פלייש ביי זייער לעבען און עסען. נאָך אַלעם דעם געפינען מיר אין ערגעץ ניט, אז גאָט האָט פריהער אויסגעפרופט חנוך אָדער נח'ן, בעפאָר ער האָט דעם ערשטען געגעבען די הויכע שטעלע און דעם צווייטען געהייסען מאכען די „תבה“. זיין אויפפיהרונג מיט זיינע פריהעריגע צוויי גוטע פריינד איז געווען גאַנץ פראָסט און איינפאך, ווי צוויי אַלטע בעקאנטע גוטע פריינד, אָהן שום צערעמאָניעס, אָהן שום פערשטעלענים, ווערענד מיט אברם'ן האָט ער זיך גאָר אנדערש אויפגעפיהרט און האָט אנדערש מיט איהם געהאנדעלט;

דיא ערשטע בעקאַנאשאַפט פון גאָט מיט אברם

אברם איז שוין געווען א מאן פון פינף און זיעבציג יאהר, ווען גאָט האָט מיט איהם געמאכט די ערשטע בעקאנטשאפט. דעם ערשטען מאָל, געוועהנליך, האָט ער געמאכט זיין בעקאנטשאפט מיט איהם גאנץ איינפאך, נאָך זיין אלטער מאָדע. ער האָט איהם אָבער באלד געגעבען זעהר א שווערע אויפגאבע צו פּראָבע, אויב ער וועט איהם פאָלגען אָדער ניט. אין דער זעלבער צייט האָט ער אבער אויך מורא געהאט, אז אברם זאָל איהם ניט פערלאָזען, ווי אלע אנדערע, דארום האָט ער גלייך ביי זיין פערלאנג צוגעזאָגט אברם'ן, דאָס ער וועט איהם גליקליך מאכען, ווי עס שטעהט אין פסוק: „ויאמר ד' אל אברם לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, אל הארץ אשר אראך — ואעשך לגוי גדול, ואברכך, ואגדלה שמך, והיה ברכה. ואברכה מברכיך ומקללך אאר, ונברכו בך כל משפחות האדמה". גאָט האָט געזאָגט צו אברם: געה דיר ארויס פון דיין לאנד, פון דיין געבורטס־אָרט און פון דיין פאטערס הויז אין דאָס לאנד וואָס איך וועל דיר צייגען, איך וועל דיך מאכען צו א גרויסע נאציאָן, וועל דיך זעגנען, וועל גרוים מאכען דיין נאָמען, און דו וועסט אליין זיין א ברכה, איך וועל בענשען די וואָס בענשען דיך און די וואָס פלוכען דיך וועל איך פערפלוכען, און מיט דיר וועלען זיך בענשען אלע פאמיליעס פון דער ערד.

שטעלט אייך פאָר, ווען מיר וואָלטען ניט וויסען די איצטיגע

פּאָלאָזשעניע פון גאָט, וואָלטען מיר דאָך איהם דארפען פערלאכען און פערשפּאָטען פאר אזא פיהרונג מיט אזעלכע האנדלונגען; א גאָט, וועלכער האָט בעשאפען א וועלט מיט חיות, בהמות און מענשען, איבער וועלכע ער האָט רעגיערט, זאָל זיך ענטזאגען פון דער גאנצער וועלט מענשען און זיך צוטשעפּען צו איין מענש, זיך אזוי ערניעדריגען פאר איהם, צוצוזאָגען איהם הרים וגבעות איין מאָל נאָך דעם אנדערען, און אלע מאָל עפּעס א נייע זאך. איצט אבער, אז מיר ווייסען דאָס גאָט האָט זיך ניט ענטזאגט פון די מענשען, נור פערקערט, אז די מענשען האָבען זיך אָבגעזאָגט פון איהם, און אז ער איז דורך דעם געקומען אין די גרעסטע פער־לעגענהייט, איז שוין ניטאָ וואָס צו לאכען. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט גאָט נאָך גאנץ קלוג געפיהרט מיט אברם'ן, ווייל מעהר ווי איין אברם האָט ער דאָך ניט געהאט, איז ער געווען ביי איהם ציטעריג און זעהר טהייער פון איין זייט, דארום האָט ער איהם געמאכט אזוי פיעל פערשפּרעכונגען; פון דער אנדער זייט אבער איז אברם דאָך מעהר ניט געווען, ווי תרח'ס א זוהן, וואָס ביי איהם איז רעכט געווען אָבצומאכען מיט זיין ווייב, אז וואו זיי וועלען קומען, זאָל זי זאָגען: ער איז איהר ברודער, און ער וועט זאָגען: זי איז זיין שוועסטער, דורך וואָס זיי וועלען קענען מאכען גוטע ביזנעס און זיי וועלען רייך ווערען. „אמרי נא אחתי את למען ייטב לי בעבורך וחיתה נפשי בגללך“. זאָג דאָך דו ביזט מיין שוועסטער, וועט מיר גוט זיין צוליעב דיר און איך וועל מאכען א לעבען דורך דיר. (בראשית, יב.). דארום האָט ער קיין צוטרויען ניט געקענט האָבען צו איהם ביז ער האָט איהם ניט צעהן מאָל אויסגעפּרובירט, אבער ביי יעדער פּראָבע האָט ער איהם גלייך גע־מאכט פערשפּרעכונגען, ווייל ער האָט פּשוט מורא געהאט אברם זאָל ניט אין כעס ווערען און זאָל זיך אויך ניט ענטזאגען פון איהם. ווי שטארק ער האָט מורא געהאט פאר אברם'ען זעהען מיר דערפון, דאָס ניט געגוג וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אויפמערקזאם געמאכט אברם'ען אויף זיין שענדליכען מסחר, וואָס דאָס איז געווען זיין איינציגע פּאליכט ניט צו דערלאָזען אזעלכע שאנדטהאטען, ווייל

ער אליין האָט דאָך, שוין מיט טויזענדער יאהרען צוריק, בעפאָר ער האָט נאָך די וועלט בעשאפען, געשריעבען אין זיין תורה מיט שווארצע אויף ווייסע פייער, אז אזא מסחר איז א שווערער פער־ברעכען, האָט ער נאָך מיטגעהאָלפען אברם׳ען אויספיהרען דיזען שענדילכען מסחר, ווארום אָהן גאָטעס הילפע וואָלט אברם לאנג ניט געקענט בעטרייבען דיזען מסחר, דאָס דערצעהלט אונז די תורה אליין: נאָכדעם ווי אברם פלעגט אָבמאכען מיט א רייכען מאן דעם מסחר און האָט אָבגענומען זיין פרייז, פלעגט קומען גאָט און צוברעכען יענעם די ביינער, ער זאָל אברם׳ען אָבגעבען זיין ווייב צוריק, און אברם פלעגט זי צונעהמען און זיך גלייך אָבטראָגען ווייטער מיט איהר. אזוי שטעהט בפירוש אין דער תורה: „ולאברם הטיב בעבורה ויהי לו צאן ובקר וחמורים ועבדים ושפחות ואתנות גמלים“. (שם י״ב). ווען שרי איז שוין געווען ביי פרעה האָט ער אברם׳ען פערגיטיגט, ער האָט געקראָגען שאף און רינדער און אייזלען, קנעכט און דינסטען, אייזלינען און קעמלען. דאן איז גאָט געקומען און האָט פרעה׳ן מיט זיין גאנצע הויז־געזינד געגעבען גרויסע קלעפּ, פאר שרי אברם׳ס ווייב. פרעה האָט גלייך געשיקט נאָך אברם, און האָט איהם אויסגערעדט: כטייטש, וואָס האָסטו מיר געטאָן? ווארום האָסטו מיר ניט געזאָגט, דאָס זי איז דיין פרוי? ווארום האָסטו געזאָגט, דאָס זי איז דיין שוועס־טער? זי איז דאָך גאָר דיין פרוי, טאָ נעהם זי צו און געה דיר! אברם, ווי עס ווייזט אויס, איז אפילו גאָר ניט רויט געוואָרען פון פרעה׳ס מוסר זאָגען; פרעה האָט אָבער א בעפעהל געגעבען צו זיינע לייטע און מען האָט איהם גלייך משלח געווען פון דאָרט. דאָס שטעהט אלעס אין דער תורה. „ויגנע ד׳ את פרעה נגעים גדולים ואת ביתו על דבר שרי אשת אברם, ויקרא פרעה לאברם ויאמר: מה זאת עשית לי? למה לא הגדת לי כי אשתך היא? למה אמרת אחתי היא?... ועת הנה אשתך, קח ולך. ויצו עליו פרעה אנשים וישלח אתו ואת אשתו ואת כל אשר לו.“ און אברם האָט ווייטער געקענט בעטרייבען זיינע ביזנעס — מיט גאָטעס הילף אונגעשטערט.

ווען גאָט האָט געזעהען, אז אברם האָט איהם גלייך געפאָלגט, און איז געגאנגען וואו ער האָט איהם געהייסען, האָט ער זיך בעוויעזען צו איהם און האָט איהם געמאכט א נייע פערשפּרעכונג. „וירא יהוה אל אברם, ויאמר לזרעך אתן את הארץ הזאת, ויבן שם מזבח ליהוה הנראה אליו". (שם י"ב). גאָט האָט זיך בעוויעזען צו אברם און האָט געזאָגט: דיינע קינדער וועל איך געבען דיזעס לאנד, און אברם האָט באלד געבויט א מזבח צו דעם גאָט וועלכער האָט זיך צו איהם בעוויעזען.

ווי מיר זעהען, איז אברם געוועזען העכסט צופרידען דערמיט, וואָס ער איז בייגעשטאנען דעם ערשטען נסיון און האָט אויס־געוואנדערט פון זיין פאטערלאנד, ווייל גאָט האָט איהם געהאָלפען און ער איז רייך געוואָרען דורך זיין וואנדערן, דען זיצענדיג אין הויז וואָלט איהם גאָט ניט אראָבגעוואָרפען פון הימעל קיין רייכ־טהום, און קיינער וואָלט איהם אין הויז ניט אריינגעטראָגען, ווען זיין שרי וואָלט אפילו נאָך פיעל געוועזען שעהנער, ווי זי איז געוועזען.

אין דעריין זעהען מיר טאקי נור, ווי גרויס עס איז די חכמת הבורא, אז ער האָט עס פריהער פערשטאנען און האָט געהייסען אברם'ען אויסוואנדערן, ווי אזוי ער האָט איהם אלץ מעהר אויס־פּרובירט, אום אויסצוגעפינען אויב ער איז איהם טריי און אין דער זעלבער צייט האָט ער איהם אלץ מעהר צוגעצויגען צו זיך דורך זיינע פיעלע פערשפּרעכונגען און דורך זיין בעוויזען זיך צו איהם. מיר זעהען, דאָס אזוי באלד ווי גאָט האָט געזעהן, אז אברם האָט איהם געפאָלגט און האָט פערלאָזען זיין פאטערלאנד, האָט ער איהם באלד אויפ'ן וועג איבערגענומען און האָט איהם געמאכט אייניגע פערשפּרעכונגען. ער איז שוין איצט אבער ניט געקומען צו אברם'ען ווי ער איז געקומען צו איהם דעם ערשטען מאָל און גערעדט מיט איהם ווי מיט א גוטען פריינד, פּראָסט און איינפאך, ווי זיין שטייגער איז געוועזען צו ריידען מיט זיינע פריהעריגע גוטע פריינד, אדם און חוה, אפילו מיט דעם ברודער־מערדער „קין", און א פּשיטה שוין מיט חנוך און נח, זאָנדערן ער האָט זיך איצט נור בעוויעזען צו איהם, ד. ה., אברם האָט נור געזעהן א'ן ערשיינונג

פון א גאָט, און האָט געהערט זיין צוזאָג, ער האָט אבער ניט גע־וואוסט אויף קלאָר וועלכער גאָט האָט עס גערעדט צו איהם, דארום האָט אברם טאקי דיזען מאָל געבויט דעם „מזבח" צו איין אונבע־קאנטען גאָט, ווי דער פסוק זאָגט: „ויבן שם מזבח לד' הנראה אליו", ד. ה., ער האָט דאָרט געבויט א מזבח צו דעם גאָט, וועלכער האָט זיך בעוויעזען צו איהם. איינפאך דערפאר, ווייל ער האָט איהם ניט געקענט ריכטיג דערקענען. דאָס איז די נייע טאקטיק, וועלכע גאָט האָט אָנגענומען, זיך צו פיהרען מיט זיין נייעם גוטען פריינד אברם, וועהרענד מיט זיינע פריהעריגע גוטע פריינד האָט ער זיך קיינמאָל אזוי ניט געפיהרט. די אורזאכע איז, דאָס פאר יענע גוטע פריינד האָט ער קיין מורא ניט געהאט ארויסצו־ווייזען זיין פריינדשאפט אָפען, און אויסזידלען אָדער אָנשילטען זיי, ווען ער האָט געפונען פאר פאסענד; פאר אברם'ען אבער האָט ער שטארק מורא געהאט אויסצורעדען א שלעכט וואָרט געגען איהם, ווען ער האָט אפילו געטאָן דעם גרעסטען פערברעכען. דארום האָט ער געמוזט פון מאָל צו מאָל זיך פערשטעלען און קומען צו איהם אין א ערשיינונג, אום אברם זאָל מורא האָבען און מעהר רעספעקט קריגען, דען ווען א גאָט בעווייזט זיך צו א מענשען אין א שרעקענדע געשטאלט, פאלט אויף דעם מענשען א מורא, ער פיהלט זיך דאן ערניעדריגט און זיין גאָט ווערט ביי איהם זעהר ערהויבען. דאָס זעהען מיר טאקי פון אברם'ען אליין. דעם ערשטען מאָל ווען גאָט איז געקומען צו אברם'ען, אָהן צערעמאָניעס, ניט פערשטעלט, כאָטש ער האָט איהם אליין צוגעזאָגט גליקליך צו מאכען, פון דעסטוועגען האָט עס אויף אברם'ען געמאכט א קנאפע ווירקונג. ניט ער האָט איהם געדאנקט און ניט ער האָט געבויט א מזבח פיר איהם. דעם צווייטען מאָל אבער, ווען גאָט האָט זיך פערשטעלט און האָט זיך בעוויעזען צו איהם, כאָטש דאָ האָט ער איהם אליין גאָר ניט פערשפראָכען, נור זיינע קינדער, וואָס ער האָט נאָך גאָר ניט געהאט, האָט זיך אברם שוין דערשראָקען און האָט באלד געבויט א מזבח פאר איהם, ווי די תורה דערצעהלט אונז: „ויירא יהוה אל אברם ויאמר: לזרעך אתן את הארץ הזאת.

ויבן שם מזבח ליהוה הנראה אליו“. יהוה איז ערשיענען*) צו אברם און האָט געזאָגט: דיינע קינדער וועל איך אוועקגעבען דיזעס לאַנד, האָט ער גלייך געבויט א מזבח צו דעם גאָט וואָס איז ערשיענען צו איהם. ויעתק משם ההרה... ויבן שם מזבח לד׳, ויקרא בשם ד׳.“ פון דאָרט האָט ער אָבגעצויגען צום בארג... און האָט געבויט א מזבח צו יהוה און האָט אגיטירט פאַר דעם נאָמען יהוה.

אז גאָט האָט געזעהן, ווי אברם בויט פיר איהם מזבחות און בעטרייבט פיר איהם איבעראַל א שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדא, האָט ער איהם באַלד ווידער געמאַכט א נייע פערשפּרעכונג, ניט פערשטעלטערהייד. „ויהוה אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו: שא נא עיניך וראה מן המקום אשר אתה שם צפונה ונגבה, וקדמה וימה, כי את כל הארץ אשר אתה ראה, לך אתננה ולזרעך עד עולם. ושמתי את זרעך כעפר הארץ, אשר אם יוכל איש למנות את עפר הארץ, גם זרעך ימנה, קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה.“ (בראשית, י״ג). נאָך דעם ווי לוט האָט זיך אָבגעשהיילט פון אברם, האָט גאָט צו איהם געזאָגט: הויב אויף דיינע אויגען און קוק ארום פון דעם אָרט וואו דו ביזט, אין נאָרד און זיד, אין אָסט און וועסט, דען דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעהסט, וועל איך דיר אוועקגעבען און דיינע קינדער אויף אייביג; דיינע קינדער וועל איך מאַכען ווי דער שטויב פון דער ערד, דאָס אויב יעמאַנד וועט קענען צעהלען די שטויב פון דער ערד, אזוי וועלען דיינע קינדער געצעהלט ווערען. געה דורך דאָס לאַנד אין איהר לענג און איהר ברייט, דען דיר וועל איך עס אוועקגעבען.

עס איז אפילו א חרפה צו זאָגען אז ער, כביכול אליין, האָט דאָ געמאַכט אברם׳ען צוויי פאַלשע פערשפּרעכונגען, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט ערפילט. ערשטענס, האָט ער אברם׳ען דיזעס

---

*) וואו עס שטעהט „ויאמר יהוה“ אָדער „וידבר“, הייסט עס אז גאָט איז געקומען איינפאַך נאָך זיין אַלטע מאָדע, אבער וואו עס שטעהט „וירא“ ער איז ערשיענען, מיינט עס פערשטעלט אין א אונבעקאַנטע געשטאַלט אָדער אין א מאַסקע.

לאנד קיינמאָל ניט געגעבען, און ניט אזוי דאָס גאנצע לאנד, נור אפילו א קבר פאר זיין ווייב שרה האָט ער אויך געמוזט קויפען און בעצאָהלען גוטע געלד עובר לסוחר; און אפילו זיינע קינדער, וועלכע זיינען ארוים פון מצרים האָבען אויך געגוג קריעה געריסען צעהנדליגע יאהרען ביז זיי האָבען דאָס לאנד איינגענומען. צווייטענס, זיינען אברם׳ס קינדער נאָך ביז היינטיגען טאָג קיינמאָל ניט געווען אזוי פיעל ווי די שטויב פון דער ערד, דאָס מען זאָל זיי ניט קענען צעהלען. פערקעהרט, אברם׳ס קינדער זיינען געווען און געבליבען די וועניגסטע צאָהל פון אלע פעלקער, ווי די תורה אליין זאָגט עדות דארויף: „לא מרבכם מכל העמים חשק יהוה בכם, ויבחר בכם, כי אתם המעט מכל העמים, (דברים ז׳). ד. ה., ניט וויל איהר זייט מעהר פון אלע פעלקער האָט אייך גאָט אנגענומען און אייך אויסערוועהלט, דען אין דער אמת׳ן זייט איהר די וועניגסטע פון אלע פעלקער. איך גלויב, אז קיין אנשטענדיגער גאָט וואָלט ניט וואגען צו זאָגען אזעלכע ליגענס, דורך וועלכע ער זאָל אזוי בלאמירט ווערען. בפרט דער ערהאבענער גאָט פון די עיקרים, איהם קען מען געוויס ניט חושד זיין דאָס ער קען זאָגען ליגען. אויף דעם אופן איז דער גאָט פון אברם, וועלכער האָט איהם געמאכט די פאלשע פערשפרעכונגען, ניט דער גאָט פון די עיקרים. נון בלייבט די פראגע: וועלכער גאָט האָט זיך עם אזוי מיאוס בלאמירט?

ווי מיר אידען גלויבען, אז די תורה איז אמת, אז אין דער תורה איז ניטאָ קיין איבריגער וואָרט, מוזען מיר גלויבען וואָס זי שרייבט „ויהוה אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו״, ד. ה., יהוה האָט געזאָגט צו אברם, נאָך דעם ווען לוט האָט זיך אָבגעטהיילט פון איהם. ער האָט עם איהם געמאכט דיזע פאלשע פערשפרעכונגען און אברם האָט פיר דעם זעלבען גאָט געבויט א מזבח. דיזען גאָט האָט אברם אנערקענט פיר דעם העכסטען גאָט, ווי ער זאָגט צום מלך סדום: „הרמתי ידי אל יהוה אל עליון״. איך הויב אויף מיין האנד צו יהוה דעם העכסטען גאָט. ביי דעם ברית בין הבתרים זאָגט איהם גאָט בפירוש: „אני יהוה אשר הוצאתיך מאור כשדים,

לתת לך את הארץ לרשתה (בראשית, ט"ו), איך בין „יהוה" וועלכער האָט דיך ארויסגעפיהרט פון „אור כשדים" אום אוועקצוגעבען דיר דיזע לאנד אלס דיין אייגענטהום. אלזאָ, ווי מיר זעהען דאָ, דאכט זיך, איז דאָ מעהר גאָר קיין צווייפעל ניטאָ, דאָס דער גאָט וואָס האָט צוגעזאָגט אברם'ען די אלע גליקען, איז ניט געווען קיין אנדערער, נור דער גאָט „יהוה" אליין. נון קומט אבער די זעלבע תורה און דערצעהלט אונז בעשטימט, אז אברם האָט גאָר ניט געקענט דעם גאָט „יהוה".

„וידבר אלהים אל משה, ויאמר אליו, אני „יהוה", וארא אל אברהם, אל יצחק ואל יעקב באל „שדי", ושמי „יהוה" לא נודעתי להם. (שמות, ו'). אלהים האָט גערעדט צו משה און האָט איהם געזאָגט : איך בין „יהוה", איך האָב מיך בעוויעזען צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב אלס דער גאָט „שדי", אבער אלס גאָט מיט מיין נאָמען „יהוה" האָבען זיי מיך ניט געקענט. אויף דעם אופן קען מען שוין דערגעהן א טאָלק ? ווי קענען מיר וויסען וועלכע פסוקים פון דער תורה זיינען אמת און וועלכע זיינען ליגען, — פון בראשית אָדער פון שמות ? נאָכ'ן שכל ווייזט אפילו אוים אז די פסוקים פון בראשית זיינען מעהר געניינגט צו זיין אמת, ד. ה., אז אברם איז גוט בעקאנט געווען מיט גאָט „יהוה" און איז געווען מיט איהם בעפריינדעט, דארום האָט ער איהם געמאכט אזוי פיעל פערשפרעכונגען, זאָנסט וואָלט אברם דאָך גאָר ניט געוואוסט זיין נאָמען צו דערמאָנען. אבער דאָרט, אין שמות, האָט „אלהים" זיך נור בעריהמט דערמיט פאר משה'ן, דאָס ער איז „יהוה" און אז נור איהם איז ער מגלה דעם סוד, ווייל משה האָט זיך דאָרט שטארק צובייזערט אויף גאָט און האָט איהם געזאָגט : „למה הרעתה לעם הזה ? למה זה שלחתנו ?" פאר וואָס האָסטו אָנגעמאכט אזעלכע צרות דיזען פאָלק ? צו וואָס האָכטו מיך גאָר געשיקט ? „ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך, הרע לעם הזה והצל לא הצלת את עמך !" (שמות ה'). זייט דעם איך בין געקומען ריידען צו פרעה אין דיין נאָמען, האָט ער נאָך פערערגערט די לאגע פון דיזען פאָלק, און דו אבער האָסט דיין פאָלק ניט געראַטעט. דארויף האָט איהם

גאָט געענטפערט : „עתה תראה אשר אעשה לפרעה“. ווארט דו וועסט באלד זעהען, וואָס איך וועל טהאָן צו פרעה. „אני יהוה“, איך בין דער גאָט יהוה אליין, וואָס איך קען אלעס טהאָן און נור דיר זאָג איך עס, ווייל דיך ליעב איך מעהר ווי אלע מיינע אלטע פריינד, אברהם, יצחק און יעקב, פאר זיי האָב איך מיך ניט געלאָזט דערקענען. זיי האָבען נור געקענט דעם גאָט „שדי“ און דארום דארפסטו רעספעקט האָבען, מיך פאָלגען און זיך ניט בייזערען. אזוי וואָלטען מיר קענען דענקען. ווען וואָלט דאָס גערעדט געווען, ווען גאָט און די תורה, וואָלטען געווען צוויי בעזונדערע זאכען. מיר ווייסען דאָך אבער, אז גאָט מיט דער תורה איז איין זאך, — „אורייתא וקוב“ה חד הוא“, און מיר קענען איינס פון דאָס אנדערע אין קיין אָרט ניט אָבטהיילען. דארום העלפט דאָ גאָר ניט דער דענקען, ווייל אלעס וואָס די תורה שרייבט, איז גאָט אזוי פעראנטוואָרטליך ווי די תורה אליין, דען גאָט אליין האָט דאָך די תורה געשריעבען, מיט שווארצע אויף ווייסע פייער, מיט טויזענ־דער יאָהרען פריהער, בעפאָר די וועלט איז בעשאפען געוואָרען און משה האָט פון יענער פייערדיגער תורה נור קאָפירט. אזוי מוז דער איד גלויבען. קומט דאָך אוים, אז דאָס וואָס די תורה שרייבט אין בראשית, דאָס גאָט האָט געזאָגט צו איהם : איך בין „יהוה“ וועלכער האָט דיך ארויסגעפיהרט פון „אור כשדים“, און אברם האָט געזאָגט צום מלך סדום : איך הויב אויף מיין האנד צו „יהוה“ דעם העכסטען גאָט, איז די תורה אזוי פער־אנטוואָרטליך דערפאר ווי גאָט. און דאָס וואָס גאָט זאָגט אין שמות אז אברם האָט דעם גאָט „יהוה“ גאָר ניט געקענט, איז גאָט אזוי פעראָנטוואָרטליך דערפאר ווי די תורה. זעלבסטפערשטענד־ליך, אז פיר די צוויי פאלשע פערשפרעכונגען איז אויך פעראנט־וואָרטליך גאָט מיט דער תורה.

נון, מוזען מיר אָבער דערגעהן אויף ריכטיג, ווער איז דער גאָט וואָס האָט די תורה געשריעבען? ווייל מען קען דאָך נור האלטען פעראנטוואָרטליך, פיר אלעס וואָס אין דער תורה איז געשריעבען, דעם יעניגען גאָט, וועלכער האָט די תורה געשריעבען.

איך ווייס אפילו, דאָס פיעלע לעזער וועלען אויף מיר זעהר אויפגעבראכט ווערען פאר דיזע ווערטער, און זיי קענען פון כעס מיך גאָר חשד זיין אין אפיקורסות, זיי מוזען מיר אבער ענטשול־דיגען און דארפען גאָר ניט אין כעס זיין אויף מיר, ווייל א'ן אפיקורס איז דער, וואָס לייקענט אָב די תורה אין גאנצען, אדער א מקצת. איך געה דאָ אבער ניט אָבלייקענען ח"ו קיין זאך וואָס די תורה האָט געשריעבען, איך געה אויך ניט זוכען קיין פילאָזאָפיע ח"ו אין דער תורה, ווייל דאָס איז מינות ר"ל, אדרבה, איך גלויב אין אלעס וואָס די תורה שרייבט, און אז די תורה דערמאָנט פערשידענע געטער, איז עס די פפליכט פון יעדען עהרליכען אידען, עס איז א מצוה, נאָכצופאָרשען און פערשטעהן דעם גאָט וואָס די תורה דערצעהלט אונז פון איהם, ווייל גאָט אליין פערלאנגט עס פון אונז, ווי דער נביא זאָגט: „כה אמר יהוה, אל יתהלל חכם בחכמתו ואל יתהלל גבר בגבורתו, אל יתהלל עשיר בעשרו, כי אם בזאת יתהלל המתהלל, השכל וידוע אותי." (ירמיה, ט'). אזוי זאָגט „יהוה": זאָל זיך ניט ריהמען דער חכם מיט זיין חכמה, דער שטארקער מיט זיין שטארקייט, דער רייכער מיט זיין רייכטהום; נור דערמיט קען זיך ריהמען, דער וואָס בעריהמט זיך: זיך צו קליגען און מיך צו דערקענען. אלזאָ, דאָס איז דער וואונש פון גאָט, וואָס דער מענש איז מחויב צו ערפילען. און פון וואנען קען זיך דער מענש קליגען און פערשטעהן צו דערקענען גאָט? נור פון אונזער תורה.

מעשה בראשית

„הפך בה והפך בה דכלא בה".
(זוך אין דער תורה, דען אלעס איז אין איהר).

באלד אין אנפאנג דערצעהלט אונז די תורה, אז „אלהים" האט בעשאפען די וועלט אין זעקס טעג — ווי ער האט בעשאפען און וואס ער האט בעשאפען יעדען טאג בעזונדער. פון „בראשית ברא אלהים" ביז „אשר ברא אלהים לעשות". נאך דיזער ערצעהלונג קומט באלד אנאנדערע: אז יהוה, ניט אלהים, האט גאר בעשאפען די וועלט. פון „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם" ביז „ויגרש את האדם". די צווייטע ערצעהלונג איז א ווידערשפרוך צו דער ערשטער ערצעהלונג ניט נור אין דעם נאמען פון דעם בעשעפער, זאנדערן אין דער גאנצער ארדנונג פון דער בעשאפונג, ווי יעדער לעזער קען זיך אליין איבערצייגען לעזענדיג ביידע ערצעהלונגען. אין איין פונקט אבער שטימען איין ביידע ערצעהלונגען גלייך, נעמליך: אז גאט דער בעשעפער איז ניט געווען איינער אליין. די ערשטע פרשה דערצעהלט אונז: „ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו", אלהים זאגט: לאמיר מאכען א מענשען אין אונזער עבענבילד, אין אונזער געשטאלט. די אנדערע פרשה דערצעהלט אונז: „ויאמר יהוה אלהים הן האדם היה כאחד ממנו". יהוה אלהים זאגט: נון איז דער מענש געווארען ווי איינער פון אונז. דאס איז א פאקט, אין וועלכען אלע גלויביגע פרומע אידען גלויבען. אפילו רש"י הקדוש זאגט אויך אויף דעם: „נעשה אדם נמלך בפמליא שלו", ד. ה., אז גאט האט זיך געהאלטען עצות מיט זיין „פמליא" *) ווי צו מאכען דעם מענש.

---

*) די בעדייטונג פון דעם ווארט „פמליא" איז „פאמיליע" אדער „פערזאן".

זיי זאָגען נור אז געמאכט האָט ער איהם אליין, ווייל נאָך דעם שטעהט אין פסוק : „ויברא אלהים את האדם בצלמו“, אלהים האָט בעשאפען דעם מענשען אין זיין עבענבילד און ניט זיי האָבען בע־שאפען, אבוואָהל דער פסוק בעווייזט עס גאָר ניט, ווייל אויף שלמה המלך זאָגט אויך דער פסוק : „והבית אשר בנה המלך שלמה“, דער טעמפעל וועלכען דער קעניג שלמה האָט געבויט, „ויבן את הבית ויכלהו, (מלכים א׳), ער האָט געבויט דעם טעמפעל און האָט איהם געענדיגט, אבוואָהל שלמה האָט אפילו א פינגער ניט צוגעלעגט צו דער ארבייט, דען דער פסוק דערצעהלט אונז אליין : „ויהי לשלמה שבעים אלף נשא סבל ושמונים אלף חצב בהר, לבד משרי הנצבים לשלמה אשר על המלאכה שלשת אלפים ושלש מאות הרדים בעם העשים במלאכה“, ד. ה., שלמה האָט געהאט זיעבציג טויזענד לאסט־טרעגער און אכציג טויזענד שטיין־האקער, אויסער די אָנגעשטעלטע אויפזעהער שלמה׳ס, וועלכע זאָלען אכטונג געבען אויף דער ארבייט. דריי טויזענד און דריי הונדערט וועלכע האָבען געהאט צו בעפעהלען איבער דאָס ארבייטענדע פאָלק, און דאָך זאָגט מען אז שלמה האָט עס געבויט און האָט אלעס געמאכט. קען דאָך זיין דאָס זעלבע מיט גאָט אויך, אז די גאנצע פמליא האָט אלעס בעשאפען, נור איינער איז געווען דער פלאן־געבער, דארום געהט עס אלעס אויף זיין נאָמען, ווי דער שטייגער איז נאָך ביז היינטיגען טאָג, אז מען זאָגט, חיים דער פערד־גנב האָט אנגעבויט פיעל הייזער, אָבוואָהל חיים האָט אפילו א פינגער ניט צוגעלעגט. אלזאָ, איז דערפון גאָר קיין בעווייז ניט. דאָס מאכט אבער ניט אויס, אבי אלע גיבען צו, אז גאָט איז ניט געווען אליין, נור מיט א גאנצע פמליא“, ד. ה., מיט א פערא‌יין אָדער מיט א פאמיליע.

בקבלה האָבען מיר, אז אין „דור אנוש“ איז ענטשטאַנען א געוואלדיגע רעוואָלוציאָן אין הימעל. ווען איך בין נאָך א קינד געווען און געלערנט חומש בראשית, האָט מיר שוין מיין רבי פיעלעס דערצעהלט פון יענע שרעקליכע מלחמה. ביי די אומות

העולם איז דיזע מלחמה זעהר ברייט בעשריעבען, מיט פיעלע שרעקליכע מעשים תעתועים פון די געטער. מיר אידען דארפען אבער ניט גלויבען אין די הבלים וואס די אומות שרייבען, אויסער וואס אונזער הייליגע תורה שרייבט אונז און וואס מיר האבען בקבלה. נור אזוי ווי אין אונזער תורה געפינט זיך ניט, אפילו קיין איבעריגער אות — פון קיין איבריג ווארט איז דאך קיין רעדע ניט — און וויל דיזע געשיכטע איז דאן זעהר גוט בעקאנט געווען צווישען די מענשען, דארום האט די תורה דאס ניט געהאלטען פאר וויכטיג צו רעדען וועגען דעם. זי האט נור אין קורצע ווערטער אנגעדייטעט אויף יענע פאסירונגען, ווען זי האט געדארפט. למשל: פאר דעם מבול דערצעהלט אונז די תורה „ויראו בני האלהים את בנות האדם כי טבות הנה“, די בני האלהים האבען געזעהן די מענשליכע טעכטער דאס זיי זיינען שעהנע. „הנפלים היו בארץ בימים ההם“ (בראשית, ו, ד'), די אראבגעפאלענע זיינען געווען אויף דער ערד אין יענע צייטען. אלזא די תורה דערצעהלט אונז ניט ווער זיינען געווען די „בני אלהים“ און די „נפלים“, וויל די מענשען האבען זיי גוט געקענט, זיי האבען גוט געוואוסט ווער זיי זיינען און פון ווינען זיי קומען, דארום האט די תורה נור אנגעדייטעט אויף זיי. נאך אמאל דערמאנט די תורה ביי די מרגלים: „ושם ראינו את הנפלים“ און דארט האבען מיר געזעהן די אראבגעפאלענע. „בני ענק מן הנפלים“, ענק'ס קינדער פון די נפלים (במדבר י"ג). פון דאנען ווייסען מיר אז „ענק“ איז געוון איינער פון די נפלים; פון קבלה ווייסען מיר פון נאך צוויי, נעמליך: „שמחזאי און עזאל“. *)

פון דיזע איינינע פסוקים, ווי קורץ זיי זיינען, קענען מיר דאך פיעלעס בעגרייפען און וויסען.

1) אז ענק, שמחזאי און עזאל זיינען פון די נפלים, ד. ה., די אראבגעפאלענע אדער אראבגעווארפענע פון הימעל, דורך דער

---

*) א יש אומרים זיינען דא, אז „עוג מלך לבשן“ איז אויך געווען פון די „נפילים“.

גרויסער רעוואָלוציאָן, וואָס דאָס בעווייזט אז גאָט איז ניט געוועזן איינער אליין, זאָנדערן מיט א גאַנצען פעראיין.

2) אז אין יענעם פעראיין האָבען זיך געפונען מיט דער צייט אונצופריעדענע, וועלכע האָבען רעבעלירט.

3) אז דער גאנצער פעראיין האָט געמוזט אנטהייל נעהמען אין דער ארבייט פון דער וועלט־בעשאפונג און יעדער האָט געוואָלט הערשען, וואָס דערפון איז ענטשטאנען די שרעקליכע מלחמה, זאָנסט, ד. ה., ווען נור איינער וואָלט עס אלעס בעשאפען ,אלעס געמאכט אליין, אָהן קיינעמס הילפע, זעלבסטפערשטענדליך וואָלט דעם איינעם קומען די מלוכה מיט די גאנצע הערשאפט, און קיינער וואָלט ניט וואגען גאָר צו פראָטעסטירען, וועיל פיר אזא איינעם וואָלט דאָך יעדער ציטערן, קיינער וואָלט זיין קאָפּ ניט קענען אויפהויבען גענען איהם, און א רעוואָלוציאָן וואָלט דאן אונמעגליך געווען.

4) אז אין אזא בלוטיגע מלחמה זיינען געווים פיעלע גע־הרג'עט געוואָרען, אנדערע האָבען זיך אונטערגעגעבען און גע־שלאָסען שלום, און די „נפלים“, קען זיין, אז אנטלויפענדיג אין דעם גרויסען טומעל, זיינען זיי אראָבגעפאלען אליין, אָדער די זיעגער האָבען זיי אראָבגעשליידערט.

5) אז דער שטארקסטער, דער זיעגער האָט די איבריגע איבערמעכטיגט און איז געוואָרען דער העכסטער גאָט, בעזיצער און הערשער איבער הימעל און ערד.

דיזען גאָט האָט אברהם רעספעקטירט מעהר ווי די אנדערע געטער, ער האָט איהם אָבגעגעבען כבוד, מיט זיין פולען טיטעל, „אל עליון קונה שמים וארץ“ וואָס די ריכטיגע בעדייטונג דערפון איז: דער העכסטער גאָט, וועלכער האָט ערוואָרבען הימעל און ערד. ער האָט ניט געזאָגט „בורא שמים וארץ“ וואָס האָט בעשאפען הימעל און ערד וועיל אברהם האָט גוט געוואוסט די גאנצע געשיכטע פון דער הימלישער מלחמה, ווי די גאנצע וועלט האָט געוואוסט: אז דער אל עליון איז ניט דער העכסטער גאָט, וועיל ער אליין האָט בעשאפען הימעל און ערד, נור וועיל ער האָט

עס ערוואָרבען אין דער גרויסער מלחמה. און דארום האָט אברהם איהם ניט טיטולירט מיט דעם נאָמען „בורא“ בעשעפער, נור „קונה“ ערווערבער. דאָס איז ווידער א פאקט, וועלכער בעשטעטיגט דעם ערשטען פאקט, אז גאָט איז ניט געווען איינער אליין, נור עס האָט עקזיסטירט א גאנצע „פמליא“ מיט וועלכע ער פלעגט זיך האלטען עצות און זיי האָבען איהם געהאָלפען אויספיהרען אלע אונטערנעהמונגען.

עס קענען זיך פיעללייכט געפינען פיעלע לעזער, וועלכע וועלען נאָך אונצופרידען זיין מיט דיעזע ערקלערונגען, דענקענדיג אז פון „מעשה בראשית“ איז נאָך ניטאָ גענוג בעווייזע, דורך וועלכע מען זאָל זיך קענען ריכטיג איבערצייגען, אז אין דער „פמליא“ האָבען זיך איינגעפונען געטער; זיי קענען טענה'ן, אז מעהר ווי איין גאָט איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען, זיין גאנצע „פמליא“ איז בעשטאנען נור פון איינפאכע מלאכים, וועלכע האָבען אימער אויסגעפיהרט די בעפעהלע פון גאָט, די וועלט האָט טאקי נור גאָט אליין בעשאפען און א רעוואָלוציאָן האָט טאקי געדארפט זיין א זאך דער אונמעגליכקייט, אבער עס האָבען זיך דאָך געפונען עטליכע מלאכים, גרויסע עזות־פנים'ער, וועלכע האָבען אויפגעהעצט מעהרערע פון דער „פמליא“ צו א רעוואָלוציאָן, וואָס האָט מען געקענט העלפען? דערפאר אָבער האָבען זיי טאקי געהאָט א גרויסע מפלה און גאָט איז געבליעבען ווי געווען. אום דיזע אונצופרידענהייט צו פערמיידען, גיב איך א גאנץ בעזונדערען קאפיטעל, אונטער דעם נאָמען: „פמליא של מעלה“, וואו עס וועט בעוויעזען ווערען גאנץ קלאָר מן התורה, ווער די לייטע פון דעם הימלישען פעראיין זיינען געווען.

פמליא של מעלה.

פון מעשה בראשית, ווי מיר האָבען דאָ ערקלערט, צייגט זיך אפילו ארויס, גענוג דייטליך, אז די „פמליא של מעלה" איז בעשטאנען פון געטער. די מפרשי התורה לייקענען עס אָב און בעהויפּטען: אז די „פמליא" איז בעשטאנען נור פון מלאכים. געוועהנליך גלויבט אזוי די וועלט אויך, אָבוואָהל די מפרשים גיבען קיינע בעווייזע אויף זייערע בעהויפּטונגען, — ווייל אויף גלויבען דארף מען קיינע בעווייזע ניט געבען. אזוי דענקט די וועלט. ליידער מאכט די וועלט א גרויסען טעות, נאָך אזא טעות, וועלכער האָט אראָבגעפיהרט אין גאנצען פון וועג דערמיט, דאָס דורך דעם גלויבען אין די מפרשים, לייקענט מען אָב די תורה אליין. און ס'איז קיין וואונדער. די תורה וועלכע איז עלטער פאר דער וועלט — ווייל די תורה איז אזוי אלט ווי גאָט אליין, — האָבען זיך געפונען מענשען אויף דער וועלט, מיט טויזענדער יאהרען שפּעטער ווי די וועלט איז בעשאפען געוואָרען, נאטירליכער ווייזע זיינען דיזע מענשען, מעהר אָדער ווייניגער געוועזען אויפגעקלערט. זיי האָבען געהאט גאָר ווייט אנדערע געדאנקען, ווי די געטליכע געדאנקען, ווייט אנדערע אידעען, ווי די אידעען פון דער תורה, ווי דער פּסוק זאָגט: „כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי, נאם יהוה", ד. ה. דען ניט מיינע געדאנקען זיינען אייערע געדאנקען און ניט אייערע וועגען — דאָס מיינט אידעען — זיינען מיינע וועגען, זאָגט יהוה, „כי גבהו שמים מארץ, כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם, דען אזוי הויך ווי דער הימעל איז פון דער ערד, אזוי הויך זיינען מיינע וועגען פון אייערע און מיינע געדאנקען פון אייערע געדאנקען (ישעיה, נ"ה). דיזע מענשען האָבען דאָס געמאכט דיזע פּירושים אויף דער תורה; נאָך זייערע אייגענע געדאנקען אָבער, ניט נאָך די געדאנקען פון גאָט, וועלכער האָט געשריעבען די תורה; נאָך זייער אייגענעם וועג, אבער ניט נאָך דעם וועג, וואָס די תורה איז געשריעבען.

איך וועל אייך ברענגען א משל נור פון איינעם, דאָס איז דער רמב"ם. ער איז געווען א פילאָזאָף, ער האָט אויספילאָזאָפירט פיר זיך א פילאָזאָפישען גאָט, וועלכער איז דער גרעסטער ווידער־שפרוך צו דעם אמת'ן גאָט פון דער תורה. זיין גאָט האָט צו־מאָל קיין פּאָדאָביענסטוואָ ניט צו דעם גאָט פון דער תורה דען דער גאָט פון דער תורה איז א פאָלקאָמענער אָרגאַניזם, א פּאָזיטיווער גאָט, וועלכען עס פעהלט קיין זאַך ניט, און זיין גאָט האָט אפילו קיין אָרגאַן ניט, ער איז א נעגאַטיווער גאָט, וואָס איהם פעהלט אלעס. דער זעלבער רמב"ם האָט געמאכט א פירוש אויף דער תורה, ניט נאָך דעם גייסט פון דער תורה, און נאָך די געדאנקען פון גאָט, נור נאָך זיין אייגענעם געדאנקען און נאָך דעם גייכט פון זיין פילאָזאָפיע. דער רעזולטאט איז געווען, דאָס ער האָט פער־וואנדעלט די גאנצע תורה אין א פילאָזאָפישעם בוך, ער האָט אין איהר אריינגעשטופּט זיין גאנצע פילאָזאָפיע, וועלכע ער האָט געלערנט אין די ספרים חצונים פון די גוים און האָט דערמיט פּשוט נור מטמא געווען די תורה. ער האָט אזוי פיעל פילאָזאָפירט, אזוי פיעל געארבייט, ביז ער האָט צוגענומען אלע אייגענשאפטען פון גאָט, ביז עס איז פון איהם פּשוט גאָר ניט געבליעבען. אין קורצען געגעדט: ער האָט ארויסגענומען דעם פּאָזיטיווען גאָט פון דער תורה און האָט דאָרט ארנייגעשפּארט דעם פילאָזאָפישען נעגאַטיווען גאָט. געוועהנליך האָט שוין די תורה ניט געקענט זיין צוגעפּאסט צו דיזען גאָט, וועלכער האָט גאָר ניט געוואוסט פון דער תורה און דאָ איז שוין געווען עברה גוררת עברה, איין זינד שלעפּט נאָך די צווייטע, און וועלענדיג צופּאסען די תורה צו זיין גאָט מיט געוואלט, איז ער שוין געווען געצוואונגען צו פילאָזאָפירען און זוכען טעמי המצות, וועלכעם האָט איהם אין גאנצען פון וועג אראָבגעפיהרט. אין דער אמת לעגט זיך דאָס אויפ'ן שכל, אז א מענש זאָל געפינען א טעם אין גאָט'ס מצות? דאָס וואָלט הייסען פּשוט, אז ער האָט אויסגעפונען גאָט'ס געדאנקען, וועלכע זיינען אזוי הויך פון דעם מענשענס געדאנקען ווי דער הימעל איז הויך פון דער ערד. דארויף איז געזאָגט געוואָרען: „במופלא ממך אל

תדרוש", וואָס פון דיר איז בעהאַלטען זאָלסטו ניט זוכען. אין דער ווירקליכקייט האָט ער דערמיט גאָר ניט אויפגעטאָן, — גאָט מיט דער תורה זיינען געבליעבען ווי געוועזן, און ער איז געקומען צו דער כפירה ר"ל. שטעלט אייך פאָר די קרבנות, וואָס די תורה רופט „קודש קדשים", ד. ה., אַלערהייליגסטע. זיי זיינען געבראַכט געוואָרען „לריח נחוח ליהוה", ווייל עס געהט ארויס פון זיי א געשמאַקער גערוך פיר גאָט, נאָכדעם ווי די תורה האָט פערזאָגט ביי יעדען קרבן בעזונדער, ווי מען זאָל זיך נוהג זיין מיט אַלע קליינינקייטען, מיט איבערטרעטען די קלענסטע זאַך, איז דער קרבן פסול, זאָגט די תורה בפירוש: „זאת התורה לעלה, ולמנחה ולחטאת ולאשם ולמלואים ולזבח השלמים אשר צוה יהוה את משה בהר סיני, ד. ה., דיזעס איז די לעהרע פיר גאַנץ־אָפּפער, שפייז־אָפּפער, זינדען־אָפּפער און שולד־אָפּפער, איינווייהונגס־אָפּפער און פריידען־אָפּפער, וועלכע יהוה האָט בעפאָהלען משה׳ן אויף דעם בארג סיני.

מיר אידען גלויבען, אז נור צוליעב קרבנות האָט גאָט בעשאַפען די וועלט, און דארום לאָזען מיר קיין טאָג ניט ארויס די קרבנות פון אונזערע געדאנקען. מיר זאָגען אַלע טאָג פרשת התמיד, איזהו מקומן של זבחים, נאָך אונזערע תפילות. דריי מאָל טעגליך זאָגען מיר יהי רצון שיבנה בית המקדש ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות, ד. ה., מיר בעטען ביי גאָט, עס זאָל געבויט ווערען באַלד דער בית המקדש, דאָרט וועלען מיר דיך דיענען מיט פורכט ווי פאַר־צייטען און ווי אין די פריהעריגע יאָהרען. אונזער עבודה איז קיין אנדער זאַך ניט געוועזן ווי נור קרבנות. היינט וואָס זאָל מען שוין רעדען פון „יום כפור" נאָך דער עבודה, מיט וואָס פאַר א הערצרייסענדע יאָמער] און גע־שרייען מיר לאָזען ארויס די ווערטער: „שאין לנו לא כהן גדול להקריב קרבן ולא מזבח להעלות עליו כליל" — דאָס מיר האָבען ניט קיין כהן גדול ער זאָל ברענגען א קרבן און ניט קיין מזבח אויפצוברענגען אויף איהם א גאַנץ־אָפּפער. דיעזע הערץ־רייסענדע יאָמער־געשרייען ווערען נאָך פערשטאַרקט מיט די ווער־

טער „ומרוב עונינו אין לנו לא אישים ולא אשם א. ז. וו. דורך אונזערע פיעלע זינד האבען מיר ניט קיינע פייער־אָפּפער און קיין שולד־אָפּפער א. ז. וו. „ומעת חסרנו כל אלה, תקפו עלינו צרות, תלאות עברו ראשנו וכו׳, און פון דער צייט וואָס עס פעהלט אונז דאָס אלעס, ד. ה., די קרבנות און דאָס איבריגע, האָבען זיך געשטארקט אויף אונז די צרות, מיהזעליגקייטען זיינען איבער אונ־זער קאָפּ אריבערגעגאנגען א. ז. וו. (פיוט ליו״כ). דאָס אלעס צוזאמען בעווייזט קלאָר און דייטליך ווי וויכטיג, ווי נוצבאר עס זיינען די קרבנות פאר אונז און פאר גאָט. דורך דעם זכות פון די קרבנות איז געשפייזט געוואָרען די גאנצע וועלט. מיר אידען זיינען גאָר גליקליך געווען. די נוצען וואָס דער ריח נחוח פון די קרבנות האָט געבראכט פאר גאָט, קען דאָס קיין מענש ניט בעגריי־פען. נור עטוואָס קענען מיר בעגרייפען פון גאָטס ווערטער: וידבר יהוה אל משה לאמר: צו את בני ישראל ואמרת אליהם, את קרבני לחמי, לאשי, ריח נחוחי, תשמרו להקריב לי במועדו — יהוה האָט גערעדט צו משה׳ן און האָט געזאָגט: געביעטע די קינדער ישראל׳ס און זאָג זיי: מיין אָפּפער, וואָס דאָס איז מיין שפּייז, וועלכע מיין פייער פערצעהרט עס, איז מיר א ליעבליכער גערוך, מוזט איהר היטען צו ברענגען יעדעס אין זיין צייט. פון דיזע איינציגע געטליכע ווערטער קען מען פערשטעהן, דאָס עס איז נאָך ווייניג צו זאָגען אז די קרבנות זיינען ניצליך פאר גאָט, ווייל זיי זיינען א נויטווענדיגקייט פאר איהם, כביכול, ווי שפּייז פאר דעם מענשען, ווי ער זאָגט אליין לחמי, דאָס איז מיין שפּייז.

נון קומט דער רמב״ם און וויל אונז איינרעדען, אז גאָט דאַרף גאָר קיינע קרבנות ניט און ער האָט גאָר ניט געהייסען ברענגען קיינע קרבנות, נור אזוי ווי די אידען זיינען געווען אין מצרים געצענדיענער און זייערע געצען האָבען געפאָדערט פון זיי פיעל קרבנות, האָט משה גאנץ גוט פערשטאנען, אז ווען ער וועט קומען צו די אידען און וועט זיי פאָרשלאָגען א נייעם גאָט, וועלכער איז איבער אלע געטער, וועלען זיי איהם דאָך די ערשטע פראגע שטע־לען: מיט וואָס דיענט מען דיין גרויסען גאָט? און אז ער וועט זיי

ענטפערן, אז דיזער גאָט דארף קיין זאַך ניט, דאן וואָלטען זיי זיך געווים אויסלאכען פון איהם, און וואָלטען איהם גאָר ניט וועלען הערען און ניט וועלען וויכען פון זיין גאָט, דארום האָט משה זיי געזאָגט, אז זיין גאָט מוז אויך האָבען קרבנות, אום ער זאָל זיי דערמיט קענען אָברייסען פון די געצענדינערייי, ד. ה. פשוט, ער האָט זיי מיט די קרבנות געוואָלט נור אין זאק ארייננארען. דערביי פילאָזאָפירט ער נאָך זעהר פיעל צו בעווייזען, אז זיין בעהויפטונג איז ריכטיג. ער, דער רמב״ם, איז געוועזן געצוואונגען דערצו, ווייל זיין אויסגעפילאָזאָפירטער גאָט האָט זיך ניט צוגעפאסט צו דער תורה, און פאר אזא גאָט איז געוועזן קרבנות די גרעסטע חרפה, ער האָט דאָך אָבער מיט געוואָלט איהם געוואָלט צופאסען צו דער תורה, דארום האָט ער געמוזט אָבלייקענען פיעלע זאכען פון דער תורה, איינע פון וועלכע איז געוועזן די טהייערסטע זייך ביי גאָט— די קרבנות. ס'איז שוין קיין וואונדער, אז דער ראב״ד האָט גערו־פען דעם רמב״ם א'ן אפיקורוס, פיר דיזע אלע זאכען, ווייל דער ראב״ד איז געוועזן דער אמת'ער איד, דער אמת'ער מאמין אין גאָט און אין דער תורה, אזוי ווי זיי זיינען, אָהן פילאָזאָפיע, און דארום איז מען מעיד אויף דעם ראב״ד אז דער רוח הקדש פלעגט בעזוכען זיין בית מדרש.

אלזאָ, דאָס וואָס דער רמבם האָט געטהאָן מיט דער תורה און מיט גאָט אין א גרויסען מאסשטאב, האָבען כמעט אלע מפרשים געטהאָן, נור אין א קלענערען מאסשטאב, ווייל זיי זיינען קיינע פילאָזאָפען געוועזן. זיי האָבען אבער דאָך געלעבט אין א וועלט, וועלכע איז געוועזן טויזענדער יאָהרען אינגער פון דער תורה, דארום זיינען זייערע אידעען און געדאנקען געוועזן גאנץ אנדערע, ד. ה. גאנץ נייע, יונגע. די פרושים וואָס זיי האָבען געמאכט אויף דער תורה, נאָך זייערע געדאנקען און נאָך זייערע אידעען, האָבען זיי געמוזט אראָפּבלאָנדזשען פון דעם ריכטיגען וועג פון דער תורה, דארום פערלאָזען מיר זיך ניט אויף קיין פירוש פון דער תורה נור אויף דער תורה אליין. מיר געהען אויף דעם זעלבען וועג, וואָס דער ראב״ד איז געגאנגען. ער זאָגט, אין זיינע השגות אויף

דעם רמבם, וואו דער רמבם נעהמט אוועק די אָרגאַנען פון אונזער פּאָזיטיווען גאָט און וויל איהם פּערוואַנדלען אין זיין נעגאַטיווען גאָט : — אז דאָס איז אמת'ע כפירה ר"ל ; ער זאָגט, אז אונזער היילינע תורה שרייבט : „וישמע אלהים" גאָט האָט געהערט, מוזען מיר גלויבען באמונה שלמה, אז גאָט האָט אויערען. דאָס זעלבע איז מיט אויגען, הענד פיס און אַלע אַנדערע גלידער, מיר טאָרען קיינע קשיות ניט פרעגען, וויא דאָס קען זיין און מיר טאָרען ניט מורא האָבען, טאָמער איז גאָט א קערפּער. דאָס איז גאָר ניט אונזער זאך. וויא באלד אז מיר גלויבען, דאָס גאָט האָט בעשאַפען די וועלט און ער האָט אונז געגעבען דיא תורה, מוזען מיר גלויבען אין אַלעס, וואָס דיא תורה שרייבט וועגען גאָט, מעג ער זיין א קערפּער אָדער ניט. דער איד וואָס גלויבט אזוי, וועט געוויס קיין מאָהל ניט בלאָנדזשען.

אזוי גלויב איך אויך, ווייל נור מיט דיעזען וועג קען מען דער־געהן דעם אמת. דארום וויל איך נור מיט דיזען וועג אויסגעפינען דיבטיג, אויב אין דער „פמליא של מעלה" האָבען זיך געפונען גע־טער אויך, אָדער זיא איז בעשטאַנען פון מלאכים.

איך בין איבערצייגט פון דער תורה, אז אין דער „פמליא" זיינען געווען געטער, וויא איך וועל עס באלד איבערצייגען דעם לעזער. איך מוז אָבער פריהער דעם לעזער ערקלערען : וואָס איז דער אונטערשיעד פון גאָט ביז א מלאך.

דער אונטערשיעד פון גאָט ביז א מלאך איז זעהר גרויס. א מלאך האָט קיין אייגענעם ווילען ניט. אין דעם פּרט שטעהט דער מלאך פיעל ניעדריגער ווי דער מענש, ווייל דער מענש האָט יא א'ן אייגענעם ווילען. זעלבסטפערשטענדליך קען דער מלאך דאָס מינ־דעסטע ניט טהאָן מיט זיין ווילען, ווייל ער האָט עס ניט — הייסט עס אז ער האָט ניט קיין אייגענע מאכט. ער קען נור אויספיהרען זיין שליחות ווען גאָט שיקט איהם. אין איין שליחות קען ער אויך מעהר ניט אויפטהאָן ווי איין ארבייט, ד. ה., ער איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א גולם, וואָס אונזערע צדיקים פלעגען אמאָל מאכען, ווערענד גאָט האָט אייגען־ווילען און אייגען־מאכט, און

קען אויפטהאָן פיעל ארבייט מיט איין מאָל. אזוי האָבען מיר בקבלה. דער לעזער זאָל דאָס האלטען אין זיין געדאנק.

וויא מיר ווייסען שוין פון פריהער, רופט אָן אברם, דעם גאָט יהוה: על עליון, דער העכסטער גאָט, אלזאָ יעדער איינפאכער לע־זער, קען עס גאנץ לייכט בעגרייפען, אז אויף איין איינציגען גאָט, וואו עס איז ניטאָ קיין נידעריגערע געטער, קען מען בשום אופן ניט זאָגען, אז ער איז דער העכסטער גאָט, ווייל מען קען אנדערש ניט זאָגען אויף א געגענשטאנד: ער איז דער העכסטער, נור אין דער בעציהונג (רעלאטיף) צו אנדערע געגענשטענדע פון זיין גלייכען. הייסט אז אברם זאָגט, דאָס דיזער גאָט איז דער העכסטער, האָט ער געוויס אָהן שום צווייפעל געהאט נאָך געטער. ער קאָן דאָך אויף קיין פאל ניט זאָגען אויף גאָט: ער איז דער העכסטער, אין בעציהונג צו מלאכים, פונקט אזוי וויא ער קען דאָס ניט זאָגען אין דער בעציהונג צו מענשען אָדער בהמות. ווייל דאָס זיינען גאָר אנדערע געגענשטענדע, דאָס איז איין אייזערנער פאקט, וואָס קיינער קען עס ניט אָבלייקענען.

יעצט וועלען מיר דאָ ווייזען נאָך עטוואָס. גאָט האָט א שם עצם כללי, ד. ה. אן אלגעמיינעם נאָמען, וועלכער בעצייכענט זיין גאנצע קלאַס אָדער מין געטער. און דארום קומט זיין נאָמען בלשון יחיד און בלשון רבים, „אל“ גאָט, איז לשון יחיד, „אלים“ געטער, איז לשון רבים. ווען גאָט וואָלט געווען נור איינער, וויא אזוי וואָלט ער שרייבען אין זיין תורה אויף זיך אליין א׳ן אלגעמיי־נעם נאָמען, עס זאָל אָנדייטען אויף נאָך געטער? פאר וואָס האָט ער דעם לויתן ניט געגעבען א׳ן אלגעמיינעם נאָמען? ווייל ער איז נור איינער, קען ער דאָך ניט האָבען קיין אלגעמיינעם נאָמען, וואָס בעצייכענט א גאנצע קלאַס אזעלכע. אלזאָ, דאָס בעווייזט קלאָר און דייטליך, אז עס איז געווען א גאנצע „פמליא פון געטער“, האָט דער גאָט, וואָס האָט געשריבען דיא תורה, געמוזט אריינשטע־לען דעם אלגעמיינעם נאָמען (שם עצם כללי) פון גאָט, דען דיא אנדערע געטער האָבען איהם געוויס געצוואונגען דערצו. אום עס זאָל אלעם ניט געהן אויף איין נאָמען, נאטירליכער ווייזע, האָט

אויך יעדער גאָט געמוזט האָבען זיין אינדיווידועלען נאָמען, וויא די מלאכים, מיכאל, גבריאל א. ז. וו. און וויא די מענשען, אברהם, יצחק א. ז. וו. אזוי אויך די געטער, „יהוה, אלהים, (*) אדני, שדי, אש“. פייער איז אויך געווען א גאָט. מיט דיזע געטער איז אברהם געוועזען גוט בעקאנט, וויא מיר וועלען ווייטער זעהען, וואָס יעדער גאָט בעזונדער האָט געטהאָן פאר איהם. דאָס איז אָבער גאָר קיין שאלה ניט, אז דיזע געטער זיינען אלע געוועזען פון דער „פמליא.“

די ראלע פון יהוה און אלהים.

1) דיא הויפּטראָלע אין אברהם׳ס לעבען האָט געשפּיעלט דער העכסטער גאָט — יהוה און דער צווייטער — אלהים. דיא ביידע האָבען איהם דיא גרעסטע טובות געטהאָן און דיא מעהרסטע פערשפּרעכונגען געמאכט.

2) זייער קומען צו אברהם׳ען איז געווען פערשיעדען. אמאָל פלעגט קומען צו איהם נור איין גאָט אליין, איינפאך, אָהן צערע־מאָניעס, דאן האָט אברהם געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טהאָן, אנאנדערסמאָל פלעגט אָבער קומען איינער אָדער מעהרער פער־שטעלט און פארמאסקירט אזוי, דאָס אברהם האָט זיי כמעט ניט דערקענט. אָפט פלעגט ער זיך אויך שטארק דערשרעקען. דאן פלעגט זיך אָבער איינער פון זיי באלד לאָזען דערקענען, אום צו בערוהיגען אברהם׳ען.

3) יהוה און אלהים פלעגען זיך בענוצען מיט דיא קלענערע געטער, אלס מלאכים.

נון וועלען מיר עס איצט אלעס בעווייזען פון דער תורה.

1) דער גאָט יהוה האָט אברהם׳ען געהייסען אויסוואנדערן פון זיין פאָטערלאנד, און האָט איהם צוגעזאָגט גרויס און רייך צו מאכען. דאָס איז געווען דיא ערשטע בעקאנטשאפט, וויא עס שטעהט אין לך לך, דעם צווייטען מאָל האָט ער איהם געזאָגט:

---

*) ווער עס קען די געשיכטע פון די אלטע געטער, וועט דיזען גאט גלייך דערקענען, דאס ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי אַדער דריי פערזענליכקייטען, וועלכע טהיילען זיך קיינמאל פערנאַנדער, דארום הייסט ער „אלהים“ לשון רבים און אויך „אלוה“ לשון יחיד, ווייל ער איז איינער און מעהר ווי איינער. דאס איז נור מעגליך ביי גאט. אַזאַ גאט עקזיסטירט נאך אויף אונזער וועלט ביז היינטיגען טאג.

„לזרעך אתן את הארץ הזאת“, דיינע קינדער וועל איך אוועקגעבען דיזע לאנד. דעם דריטען מאָל איז ער איהם בעהילפיג געווען אין זיין מסחר מיט שרה: וינגע יהוה את פרעה נגעים גדולים ואת ביתו על דבר שרי אשת אברם. יהוה האָט געשלאָגען פרעה'ן און זיין גאנצעם הויז מיט גרויסע פּלאגען וועגען שרי אברהם'ס פרוי. וויא אונז איז שוין בעקאנט, איז דורך דיזען מסחר אברהם רייך געוואָרען. דעם פיערטען מאָל, נאָך דעם וויא לוט האָט זיך פון איהם אָבגעטהיילט, האָט ער איהם געמאכט צוויי פערשפּרעכונגען, וועלכע ער האָט זיי נאָך ניט ערפילט ביז היינטיגען טאָג און וויא עס ווייזט אוים איז שוין פערפאלען.

דעם ערשטען פערשפּרעכען, אז ער וועט אברהם'ען אוועקגעבען דאָס לאנד, קען ער שוין ניט ערפילען, ווען ער זאָל אפילו וועלען, ווייל אברהם איז שוין געשטאָרבען; דעם צווייטען צוזאָג, דאָס ער וועט זיינע קינדער מאכען אזוי פיעל, וויא דיא שטויב פון דער ערד, דאָס מען וועט זיי ניט קענען ציילען, ווייזט אוים אז ער וויל גאָר ניט האלטען, ווייל ער האָט עס נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט ערפילט, פיליכט שפּעטער קען זיין, אז דר. הערצעל זאָל איהם צווינגען דערצו.

דעם פינפטען מאָהל האָבען יהוה, אדני און אש אָבגעשלאָסען מיט אברהם'ען א קאָנטראקט אויף אייביג. דיזער קאָנטראקט איז אונז בעקאנט אונטער דעם נאָמען „ברית בין הבתרים“. וואו יהוה האָט געשפּיעלט דיא גרעכטע ראָליע. אברהם האָט איהם געזאָגט מה תתן לי? וואָס ווילסטו מיר געבען? (ואנכי הולך ערירי), איך געה דאָך ארום אָהן קינדער: ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר, און דער פערוואלטער פון מיין הויז, איז גאָר אליעזר פון דמשק. והנה דבר יהוה אליו לאמר: לא יירשך זה כי אם אשר יצא ממעיך, הוא יירשך. דאראויף האָט געגעבען יהוה זיין וואָרט און האָט געזאָגט: דיזער וועט דיך ניט ערבען, זאָנדערן דער וואָס וועט ארויסקומען פון דיינע אינגעווייד, דיזער וועט דיך ערבען. אין דער זעלבער צייט האָט ער איהם ווידערהאָלט נייע פערשפּרעכונגען.

2) נון קומט אלהים, דער ערשטער פערלאנג זיינער איז גע־

ווען אַבצושליסען אויף אייביג א קאָנטראַקט מיט אברהם׳ען, אזוי וויא יהוה האָט מיט איהם אָבגעשלאָסען. ער האָט געביטען זיין נאָמען און האָט געמאַכט גאַנץ נייע פערשפּרעכונגען.

וידבר אתי אלהים לאמר: אלהים האָט גערעדט מיט איהם און האָט געזאָגט: אני! הנה בריתי אתך, והיית לאב המון גוים, איך בין עס! איך מאַך מיט דיר א טראַקטאַט, דערפאַר וועסטו ווערען א פאָטער פון פיעלע פעלקער. „ולא יקרא עוד שמך אברם, והיה שמך אברהם, כי אב המון גוים נתתיך". — דיין נאָמען זאָל מעהר ניט הייסען אברם, נור דיין נאָמען זאָל זיין אברהם, ווייל איך האָב דיר געמאַכט צום פאָטער פון פיעלע פעלקער. „והפרתי אתך במאד מאד, ונתתיך לגוים ומלכים ממך יצאו". — איך וועל דיך זעהר פרוכטבאַר מאַכען, און קעניגע וועלען פון דיר ארויס־קומען. דיזע פערשפּרעכונגען זיינען שפּאָגעל נייע פון אלהים, וואָס יהוה האָט ניט געמאַכט, דערצו האָט ער איהם אויך צוגעזאָגט, דאָס גאַנצע לאַנד כנען. דאַן האָט ער איהם ערקלערט דיא פּונק־טען פון זיין טראַקטאַט. והקמתי את בריתי ביני וביניך ובין זרעך אחריך, לדרתם, לברית עולם, להיות לך לאלהים, ולזרעך אחריך". איך וועל מאַכען מיין בונד צווישען מיר און דיר און צווישען דיינע קינדער נאָך דיר, צו איין אייביגען בונד, דאָס איך זאָל זיין דיין גאָט און דיינע קינדערס נאָך דיר. — „זאת בריתי אשר תשמרו ביני וביניכם, ובין זרעך אחריך, המול לכם כל זכר". דיעזעס איז אָבער דער בונד צווישען מיר און צווישען אייך, און צווישען דיינע קינדער נאָך דיר, וועלכע איהר מוזט היטען. איהר מוזט אייערע אלע מענליכע בעשניידען. אין דער זעלבער צייט האָט ער איהם אויך געהייסען ענדערען זיין ווייבס נאָמען און איהם ווידער גע־מאַכט נייע פערשפּרעכונגען. „ויאמר אלהים אל אברהם, שרי אשתך, לא תקרא את שמה שרי, כי שרה שמה." אלהים האָט געזאָגט צו אברהם׳ען: דיין פרוי שרי זאָלסטו מעהר ניט רופען שרי, זאָנדערן שרה זאָל זיין איהר נאָמען. וברכתי אתה וגם נתתי ממנה לך בן, וברכתיה, והיתה לגוים, מלכי עמים ממנה יהיו". איך וועל זיא בענשען זיא זאָל ווערען צו נאַציאָנען און קעניגע פון

פעלקער זאָלען פון איהר ארויסקומען. דערביי איז אברהם געפאלען אויף זיין געזיכט לאכענדיג, ווייל ער האָט זיך גערעכענט שוין צו אלט דערצו, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל האָטש זיין זוהן ישמעאל לאָזען לעבען. (לו ישמעאל יחיה לפניך) אלהים האָט איהם אָבער געגעבען זיין עהרען וואָרט, אז זיין פרוי שרה וועט געוויס האָבען א זוהן איבער א יאָהר אין דער צייט. און וועגען זיין ביטע האָט ער איהם געענטפערט: „ולישמעאל שמעתיך, הנה! ברכתי אתו והפרתי אתו והרבתי אתו במאד מאד, שנים עשר נשיאים יוליד ונתתיו לגוי גדול.‟ וועגען ישמעאל האָב איך דיר אויך געהערט. איך האָב איהם געבענשט, איך וועל איהם פרוכט־באר מאכען, איך וועל איהם זעהר פערמעהרען, צוועלף פירסטען וועלען פון איהם געבאָרען ווערען, און איך וועל איהם מאכען צו א גרויסע נאציאָן. „ואת בריתי אקים את יצחק אשר תלד לך שרה למועד הזה בשנה האחרת.‟ מיין בונד אָבער וועל איך האל־טען נור מיט יצחק׳ען, וועלכע שרה וועט דיר געבוירען איבער א יאָהר אין דער צייט (בראשית יז.)

אלהים האָט אויסגעהאָלפען אברהם׳ען אין זיין געוויינליכען מסחר: נאָכדעם וויא ער האָט אָבגענארט אבימלך׳ען און ער האָט זיא צוגענומען: „ויבא אלהים אל אבימלך בחלום הלילה ויאמר לו הנך מת על האשה אשר לקחת והיא בעלת בעל.‟ ער איז געקומען צו אבימלך׳ען ביי נאכט צו חלום, און האָט איהם געזאָגט: דו מוזט שטארבען איבער דער פרוי, וועלכע דו האָסט גענומען, דען זיא האָט א מאן. אבימלך, וויא עס ווייזט אויס, איז געוועזען א גאנץ אנשטענדיגער מאן. ער האָט גאָר ניט געמערקט, אז דאָ זאָל פאָרקומען ניט קיין אנשטענדיגע ביזנעס, איז ער שטארק אויפגערעגט געוואָרען אויף גאָט און האָט געזאָגט: „הגוי גם צדיק תהרג?‟ ווילסטו א׳ן אונשולדיגען פאָלק אויך אומברייגגען? ער האָט דאָך מיר געזאָגט, אז זיא איז מיין שוועסטער און זיא האָט אויך געזאָגט, אז ער איז מיין ברודער. איך בין ריין, אונשולדיג. טאָ וואָס ווילסטו פון מיר? דערויף האָט אלהים איהם געזאָגט: יעב, איך ווייס אויך, אז דו ביסט אונשולדיג, אָבער מאך קיינע

טענות ניט און גיב אָפּ דעם מאַן'ס פרוי. ער וועט מתפלל זיין פאר דיר, דען ער איז א נביא, — ד. ה. א צדיק, א גוטער איד, — וועסטו בלייבען לעבען, ווען ניט, זאָלסטו וויסען אז דו מוזט שטאר־בען און אלע וואָס געהערען צו דיר. דאָס איז געווען א קאפּולער אָנצוהערענים, וואָס אלהים האָט געגעבען אבימלך'ען, אז מען מיינט דאָ נאָר דעם פדיון וואָס מען דארף געבען דעם נביא פיר זיין תפלה, זאָגסט צו וואָס האָט מען גערארפט מתפלל זיין פיר אבימלך'ען, ווען אלהים זאָגט אליין אז ער ווייס דאָס אבימלך איז אונשולדיג?

געוועהנליך, האָט איצט אבימלך שוין גוט פערשטאנען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טהאָן. ער האָט געלאָזט רופען דעם בעל דבר אליין, אברהם'ען, און האָט איהם געפרעגט: וויא פאלט ער אוים צו טהאָן אזא שמוציגע זאך, דאָס איז דאָך אזעלכע מעשים וואָס פערלויפען זיך גאָר אין דער וועלט ניט. האָב איך דיר ווען בייזעס געטהאָן, וואָס דוא האָסט געבראכט אויף מיר און אויף מיין רייך אזא גרויסע זינד? אברהם האָט זיך דאָ נעבעך שוין ניט געקענט אויסדרייען און ענטפערען, אזוי וויא ער האָט געטהאָן מיט פרעה, ווייל פרעה האָט איהם שוין געהאט בעצאָהלט זיין פרייז פריהער, וויא אין פסוק שטייט, ביי אבימלך'ען האָט ער נאָך גערארפט קריגען דעם פדיון פיר זיינע תפלות. דארום האָט ער זיך געמוזט פערענטפערען. זיין פערענטפערונג איז געווען לעבערליך און היטרע, קאָמיש און פערדאָרבען, אזוי, דאָס אפילו דער גרעסטער און בעסטער אידישער משכיל דארף אויך בעגרייפען, אז אברהם האָט מיט זיין מסחר גאָר ניט געמיינט לשם שמים. מיט וואָס האָט ער זיך פערענטפערט? „ויאמר אברהם, כי אמרתי רק אין יראת אלהים במקום הזה, והרגני על דבר אשתי." — איך האָב געטראכט, אז אין דיעזען אָרט איז גאָר ניטאָ קיין גאָטעס־פורכט, קען מען מיך אומברייגגען ווענגען מיין פרוי. איז דאָס ניט לעבערליך און היטרע? אברהם קומט אין א שטאדט, וואו ער זעהט ניט פון דיא מענשען דאָס מינדעסטע פערדאָרבענהייט, דאָס מינ־דעסטע שלעכטעס, וויא דיא ענדע האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס זיי

זיינען געוועזן פיעל מעהר זיטליכער, פרימער, וויא ער. און איז זיי חושד געוועזן, אז ביי זיי איז גאָר ניטאָ קיין יראת אלהים, און מען קאָן איהם נאָך הרג'ענען פיר זיין פרוי, איז דערפאר, וואָס טהוט דער גרויסער „ירא אלהים" אברהם? ער זאָגט א גרויסען ליגען אויף זיין ווייב, דאָס זיא איז זיין שוועסטער און ברייננט דערמיט אונשולדיגע מענשען צו דעם גרעסטען פערברעכען, וועל־כען ער מיט זיין ווייב זיינען דיא ערשטע צו טהאָן. נאָך אמאָהל, אברהם, דער איינציגער טרייער דינער פון דעם העכסטען גאָט יהוה, וועלכער האָט איהם פערשפראָכען מיט זיינע קינדער גליקליך צו מאכען, האָט זיך פערבונדען מיט איהם אויף אייביג, דורך דיא שטיקער פלייש, (ברית בין הבתרים) דאָס זעלבע האָט אויך געטהאָן דער מעכטיגער גאָט אלהים, וועלכער האָט זיך פערבונדען מיט איהם אויף אייביג דורך „מלה", דער גאָט יהוה האָט איהם נאָך בפירוש געזאָגט: „אל תירא אברהם! אנכי מגן לך". פירכטע דיך ניט אברהם! — איך בין דיין שוץ — דער זעלבער אברהם האָט געדארפט מורא האָבען פיר אונשולדיגע, זיטליכע מענשען, זיי זאָלען איהם ניט הרג'ענען וועגען זיי פרוי? איז דאָס ניט א בלאָף? ער האָט עס אָבער אליין פערשטאנען און האָט זיך געכאפט פיר נאָך א תירוץ: וגם אָמנה אחותי בת אבי היא אך לא בת אמי ותהי לי לאשה." און אין דער טהאט איז זיא מיינע א שוועסטער אויך, מיין פאָטערס א טאָכטער אָבער ניט מיין מוטערס און זיא איז געוואָרען מיין פרוי. איהר הערט א פערטהיידיגונג געגען אזא שרעקליכען פערברעכען! ערשטענס, איז דאָס אליין אויך א גראָ־בער ליגען; צווייטענס, אויב עס זאָל שוין זיין אפילו אמת, איז שוין דערמיט רעכט? מעג ער און זיין ווייב דערפאר טהאָן אזא שרעקליכען פערברעכען און נאָך ברייננען אנדערע דערצו? דער תירוץ איז פונקט וויא דעם קאָזאק'ס, וואָס מען האָט געכאפט מיט א גנבה, אז מען האָט איהם געפרעגט, וואָרום האָסטו געגנב'עט דעם זאק גערשטען? ענטפערט ער: יא דומאל טשטאָ עטאָ גאראָך, איך האָב געמיינט דאָס איז ארבעס, איז דאָס ניט קיין גנבה? אז

זיא איז א שוועסטער און א ווייב אויך, איז דאָס ניט דער זעלבער פערברעכען? נור צום סוף האָט ער אָבער אויסגעזאָגט אין גאנצען, אז דאָס איז א׳ן אָבמאך פון פריהער און דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. „ויהי כאשר התעו אתי אלהים מבית אבי, ואמר לה, זה חסדך אשר תעשה עמדי, אל כל המקום אשר נבוא שמה, אמרי לי אחי הוא, ד. ה., אלס דיא געטער האָבען מיך געלאָזט אויס־וואנדערען פון מיין פאָטערס הויז, האָב איך איהר געזאָגט: דעם חסד זאָלסטו טהאָן מיט מיר: אין יעדען אָרט וואו מיר וועלען נור קומען, זאָג אויף מיר, דאָס איך בין דיין ברודער, דערמיט איז שוין אלעס רעכט. געוועהנליך האָט אבימלך איהם געגעבען א גוטען פדיון, שאָף און רינדער, שקלאפען און שקלאפינען, דערצו טויזענד זילבער שטיק פיר שרה׳ן. „ולשרה אמר" און צו שרה׳ן האָט ער געזאָגט: „הנה נתתי אלף כסף לאחיך. דאָ האָב איך גע־געבען טויזענד זילבער־שטיק דיין ברודער. „הנה הוא לך כסות עינים", דאָס איז פאר דיר א אויגען־דעקע, צו דעקען דיא חרפה, „לכל אשר אתך", אָבער נור פאר דיזע וואָס זיינען מיט דיר, ד. ה. דיא וואָס קענען דיך, „ואת כל ונכחת", מיט אלע אנדערע אָבער, מוזט דו זיך אליין פערטהיידיגען, איך קען דיר אין דריין ניט העלפען. — דיא לעזער וועלען מיך ענטשולדיגען, וואָס איך בין דאָ אביסעל אראָב פון מיין טהעמא, איך האָב דאָס געמוזט צוליעב אונזערע משכילים, בני אברהם, זיי זאָלען זיך אליין איבערצייגען, אז דער זאָגען אויף שרה׳ן: זיא איז א שוועסטער, איז ניט מעהר געווען וויא אן אָבמאך צווישען אברהם מיט שרה׳ן, וואו גאָט האָט מסכים געווען דערצו און האָט זיי מיט־געהאָלפען, זאָנסט איז קיין אנדער אורזאכע ניט געווען, וויא איך האָב דאָ ערקלערט און בע־וויזען. איצט צוריק צו אונזער טהעמא.

אלהים האָט געטרייסט אברהם׳ען ווען זיין ווייב שרה האָט איהם געהייסען ארויסטרייבען זיין קעבס־ווייב הגר מיט איהר זוהן „ויאמר אלהים אל אברהם, אל ירע בעיניך על הנער ועל אמתך, כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, כי ביצחק יקרא לך זרע."

אלהים האָט געזאָגט צו אברהם, זאָל דיך ניט פערדריסען אויף דעם יונג און אויף דיין מאגד. אלעס וואָס שרה וועט דיר זאָגען זאָלסטו איהר האָרכען, דען נור נאָך יצחק'ען וועלען זיך בערופען דיינע קינ־דער. „וגם את בן האמה לגוי אשימנו, כי זרעך הוא." דעם זוהן פון דער מאגד וועל איך אויך מאכען צו א נאציאָן, ווייל ער איז דיין קינד. ער האָט איהם טאקע געהיט. „ויהי אלהים את הנער ויגדל." (בראשית כ"א) אלהים איז געווען מיט דעם יונג און ער איז אויפגעוואקסען.

אלהים האָט אויספּרובירט אברהם'ען מיט דער עקידה. „והאלהים נסה את אברהם". און אלהים האָט גערופען אברהם'ען א. ז. וו. אז ער האָט אָבער געזעהען, דאָס אברהם האָט קיין וואָרט ניט איבערגערעדט און איז צופרידען געווען אָבצושלאכטען זיין בן יחיד פיר איהם, ער האָט שוין זאָגאר געהאלטען דעם חלף אויפ'ן האלז. דאן האָט ער א געשריי געטהאָן: האלט! ריהר איהם ניט אָן! איך זאָב נור געוואָלט וויסען אויב דוא ביכט א ירא אלהים, אָבער איצט וויים איך שוין אז דוא ביסט א ירא אלהים.

דאָס איז שוין געווען דיא לעצטע פּראָבע, מיט וועלכע דיא געטער האָבען אויספּרובירט זייער ליבלינג אברהם'ען און האָבען זיך איבערצייגט אז ער איז אָלל רייט. נו, מע קען זיך קוים פאָר־שטעלען וויא גרויס דיא שמחה איז דאן געוואָרען אין הימעל, מען האָט איהם באלד געשיקט א מלאך אָנצוזאָגען, וואָס ער בעקומט פאר זיין ערנסטקייט. ויאמר: „בי נשבעתי נאום יהוה, כי יען אשר עשית את הדבר הזה ולא חשכת את בנך את יחידך." ווייל דו האָסט געטהאָן אזא זאך און האָסט ניט געזשאלעוועט דיין איינ־ציגען זוהן, „כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים וכו'", דאָס איך וועל דיר בענשען און וועל פערמעהרען דיינע קינדער וויא דיא שטערן פוי הימעל און וויא דיא זאמד ביי דעם ברעג ים א. ז. וו.

וויא דיא געטער ריידען מיט אברהם'ען.

דעם ערשטען מאָל איז יהוה געקומען צו איהם גאנץ איינ־פאך אָהן צערעמאָניעס. „ויאמר יהוה אל אברהם לך לך מארצך (בראשית י"ם)," יהוה האָט געזאָגט צו אברהם: געה דיר ארויס פון דיין לאנד א. ז. וו. דעם צווייטען מאָהל: „וירא יהוה אל אברהם" (שם י"ב ז') יהוה איז ערשינען צו אברהם ס'איז געווען נור אן ערשיינונג פערשטעלט, דאָס אברהם האָט איהם ניט גוט דערקענט אָבער ס'איז נור געווען איינער. דעם דריטען מאָהל: „ויהוה אמר אל אברהם" (שם י"ג י"ד). יהוה האָט געזאָגט צו אברהם, אויך ניט פערשטעלט און אליין. דעם פירטען מאָהל: „היה דבר יהוה אל אברהם במחזה" (שם ט"ו) יהוה'ס וואָרט איז געקומען צו אברהם אין א געשטאלט, אזוי פערשטעלט, דאָס אברהם האָט זיך שטארק דערשראָקען, צווייטענס איז ער דאָ ניט געווען אליין, נור ס'זיינען נאָך געווען מיט איהם, ער האָט איהם אבער באלד געזאָגט: שרעק דיך ניט, איך וועל דיך שיצען, און זיי האָ־בען ביידע פערפיהרט א לאנגען געשפרעך, וויא איך האָב שוין פריי־הער דערמאָנט. אין מיטען דערינען זאָגט ער צו איהם: „אני יהוה אשר הוצאתיך מאור כשדים לתת לך את הארץ הזאת לרשתה" (ט"ו ז'). איך בין יהוה וועלכער האָט דיך ארויסגעפיהרט פון „אור כשדים" אום דיר צו געבען דיעזעס לאנד צום אייגענטהום. דאָ איז אברהם ערשטוינט געוואָרען, וויא פערשטעלט זיי זיינען געווען, האָט ער דאָך דערקענט נאָך דער שפראך, אז דאָס איז יהוה. אמת אדני איז אויך דערביי געווען, אָבער גערעדט האָט דאָך יהוה, טאָ וואָס זאָגט ער איהם עפּעס איצט, איך בין יהוה? אָב־וואָהל ער האָט איהם נור וואָס אלעס געגלויבט, וויא דער פסוק זאָגט: „והאמין ביהוה", ער האָט געגלויבט אין יהוה, איז אָבער דורך דעם זיין גלויבען באלד שוואך געוואָרען, דאָס ער האָט אָנגע־פאנגען צו צווייפלען אין זיינע רייד און ער האָט געהאט גענוג אור־זאכע דערצו. ער פערשטעלט זיך און מאכט איהם פיעלע פער־

שפרעכונגען. אין מיטען זאָגט ער איהם: איך בין יהוה דער און דער און מאכט איהם וויעדער פערשפּרעכונגען, איז ער שוין גאָר צומישט געוואָרען, און האָט זיך געטראַכט: ווי קען מען זיי גאָר גלויבען? אז זיי פערשטעלען זיך און מען ווייס גאָר ניט מיט וועמען מען רעדט. דארום האָט ער זייביידע געפרעגט: אדני! יהוה! במה אדע כי אירשנה? אָ אדני! א יהוה! מיט וואָס בין איך זיכער אז איך וועל זי בעזיצען? האָט מען געהייסען ברענגען (וועלכער גאָט האָט געהייסען שטעהט ניט) א קאלב, א ציעג, א באראַן, א טורטעל־טויב און א יונגע טויב. אברם האָט עס גענומען און צושניטען אויף העלפט, האָט צולעגט די שטיקער איינע געגען די אנדערע, אזוי, דאָס אין מיטען איז געבליעבען א דורכגאנג. דערביי האָבען די געטער געמאכט אזעלכע שרעקליכע גרימאסען, דאָס אויף אברם׳ן איז ארויפגעפאַלען א גרויסע פינסטערע שרעקענים. „ויהי השמש לבוא ותרדמה נפלה על אברם, והנה אימה חשכה גדולה נפלת עליו“, אלס די זונן האָט געזאָלט אונטערגעהן, איז א טיעפער שלאָף געפאלען אויף אברם, און דערצו א גרויסע שרעקליכע פינסטערנים. „ויאמר לאברם: ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אתם ארבע מאות שנה.“ און מען האָט געזאָגט צו אברם (ווער ווייס מען ניט) דו זאָלסט וויסען, דאָס דיינע קינדער וועלען זיין פרעמדע ניט אין זייער לאנד, מען וועט זיי מאכען פאר שקלאפען און מען וועט זיי דריקען פיער הונדערט יאהר. „וגם את הגוי אשר יעבדו דן אנכי, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול„ (בראשית ט״ו) אויך דאָס פאָלק וועלכע זיי וועלען דיענען, וועל איך ריכטען, אבער נאָך דעם וועלען זיי ארויסגעהן מיט א גרוים פערמעגען.

דיזער אומגעלומפערטער, ווילדער קאפריזנער גאָט איז איבריג צו זאָגען, אז ער שטימט ניט מיט דעם פילאָזאָפישען גאָט פון די עיקרים, ער שטימט אפילו ניט מיט דעם אל רחום וחנון, ד. ה. מיט דעם בארמהערציגען גאָט פון תורת משה. שטעלט איך פאָר, אברם דער איינציגער טרייער קנעכט אין דער וועלט

וואָס דיענט דעם אל עליון דעם העכסטען גאָט, ער איז טאַקי דער־פאַר טייער ביי דעם אל עליון ווי די אויג אין קאָפּ, ער איז איהם מוחל די גרעסטע חטאים, מיט איין מאָל קומט ער מיט נאָך א גאָט פערשטעלט אין מאסקעס און די ביידע ווארפען ארויף אויף איהם א טויט שרעק, צומישען איהם זיינע געדאנקען אזוי, אז ער דערקענט ניט זיין העכסטען גאָט און דארום פרעגט ער ביי זיי, מיט וואָס איז ער זיכער אז ער וועט דיזע לאנד בעזיצען? פאר די קליינינקייט האָבען ביידע געטער זיך פערקאָפּריזעט און האָבען איהם געצוואונגען צו שניידען לעבעדיגע בהמות אויף שטיקער, דאן האָבען זיי איהם היפּנאָטיזירט, האָבען ארויפגעוואָרפען אויף איהם א שרעקליכע פינסטערע מורא און האָבען איהם בעשטראָפט. מיט וואָס? אז זיינע קינדער, וואָס זיינען נאָך ניט געבוירען געוואָרען, — זיינען זיי דאָך געווים אונשולדיג, — זיי זאָלען זיין שקלאפען פיער הונדערט יאהר און מען וועט זיי דאָרט פייניגען. דערפאר אָבער וועט ער פערארטהיילען דאָס פאָלק וועלכע זיי האָבען געדיענט און דערנאָך וועלען זיי ארויסגעהן מיט א גרויסע רייכטהום. ווי געפעלט אייך דער יושר פון דעם העכסטען גאָט? דאָס קען מען אָנרופען מיט א׳ן אמת׳ן קאזאַצקער יושר. „ויהי השמש באה, ועלטה היה, והנה תנור עשן ולפיד אש אשר עבר בין הגזרים האלה (ט״ו, י״ז), אלס די זונן איז אונטערגעגאנגען און כ׳איז געוואָרען פינסטער איז א רויכענדער אויווען מיט פלאַם־פייער דורכגעגאנגען צווישען די שטיקער.

ביי די ווילדע פעלקער איז געווען א מנהג, דאָס ביי יעדער פערבינדונג פון פריינד, ביי יעדען אָבמאָך פון שותפים, איז די פערזיכערונג געווען דאָס מען האָט צושניטען לעבעדיגע בהמות און מען פלעגט דורכגעהן צווישען די שטיקער. דאָס האָט אזוי פיעל בעדייטעט ווי היינט ביי אונז דער אונטערשריפט פון א נאָטאר פּאָבליק. יעדער גאָט נעהמט זיך אימער דעם ביישפּיעל און איז זיך נוהג ווי זיינע מענשען. אברם׳ס גאָט האָט אויך אָנגענומען דעם מנהג ווי די ווילדע מענשען פון יענער צייט. דער

פייערדיגער גאָט איז דורכגעגאנגען צווישען די שטיקער אלס פער־מיטלער. דערמיט האָט ער דאָס אברם'ען פערזיכערט, אז ער וועט דאָס לאנד בעזיצען. „ביום ההוא כרת יהוה את אברם ברית לאמר: לזרעך נתתי את הארץ הזאת". (ט"ו י"ח). דאמאלס האָט יהוה געשלאָסען א בונד מיט אברם, אויף דאָס וואָס ער האָט געזאָגט: דיינע קינדער האָב איך אוועקגעגעבען דיזע לאנד.

דעם פינפטען מאָל האָט אברם ווידער געהאט א'ן ערשיינונג. יהוה, שדי און אלהים זיינען געקומען צו איהם, אזוי פערשטעלט, דאָס אברם האָט זיך זעהר דערשראָקען און איז געפאלען אויף זיין פנים. יהוה האָט דיעזען מאָל קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם געשפּרעך. ער האָט זיך נור בעוויעזען. „וירא יהוה אל אברם", יהוה האָט זיך בעוויעזען צו אברם, דאן איז געקומען א'ן אנדערער און האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט: ויאמר אליו אני אל שדי, התהלך לפני והיה תמים". ער האָט צו איהם געזאָגט: איך בין דער גאָט „שדי", וואנדעל פאר מיר און זיי אויפריכטיג, „ואתנה את בריתי ביני ובינך וארבה אותך במאד מאד, איך וועל מאכען מיין בונד צווישען מיר און דיר און איך וועל דיך זעהר פערמעהרען. אברם זעהענדיג דיזען גאָט דעם ערשטען מאָל און פערשטעלט, האָט ער זיך דערשראָקען, „ויפל אברם על פניו", און אברם איז געפאלען אויף זיין געזיכט. ס'איז דאָך אונמעגליך צו גלויבען, אז יהוה האָט איהם געזאָגט: דאָס ער איז דער גאָט „שדי", דאָס וואָלט דאָך געווען א פּראַכטער ליגען. צווייטענס, האָט יהוה שוין מיט איהם געמאכט א בונד, וועט ער דאָך ניט זאָגען, איך וועל מאכען מיט דיר א בונד. דריטענס, וואָלט ער פאר יהוה ניט פאלען אויף זיין געזיכט, ווייל ער האָט איהם שוין געקענט. אבער דעם גאָט „שדי" האָט ער ערשט געזעהן דעם ערשטען מאָל, האָט ער זיך דערשראָקען. באלד איז אָבער אונטערגעקומען אלהים און האָט איהם באלד בערוהיגט. „וידבר אתו אלהים לאמר", אלהים האָט מיט איהם גערעדט און געזאָגט: אני! איך בין דאָ! דו דאַרפסט זיך ניט שרעקען. „הנה בריתי אתך" (י"ז ד') איך מאך מיט דיר

מיין בונד דורך מלה (ברית מלה), ווי איך האָב דאָס שוין פריהער ערקלערט, דאָס אלהים האָט דאָ געשפּיעלט די הויפּטראָלע.

דעם זעקסטען מאָל : איז ווידער געוועזן א׳ן ערשיינונג פון דריי. דיזעס מאָל האָבען זיי זיך פערשטעלט פאַר פּראָסטע מענשען. „וירא אליו יהוה״ — יהוה האָט זיך בעוויזען צו איהם. „וישא עניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו״. ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האָט ער דערזעהן, דאָס דריי מענשען שטעהען ניט ווייט פון איהם.

נאָך דעם ווי ער האָט זיי איינגעלאַדען צו זיך און זיי האָבען געגעסען, „ויאמרו אליו איה שרה אשתך ? ויאמר הנה באהל״. זיי האָבען איהם געפרעגט : וואו איז דיין פרוי שרה ? האָט ער געזאָגט : זי איז אין צעלט. „ויאמר שוב אשוב אליך כעת חיה, והנה בן לשרה אשתך״. זאָגט ער : ווען איך וועל צוריקקומען איבער א יאהר אין דער צייט וועט שוין שרה האָבען א זוהן. שרה האָט עס גראָדע געהערט, האָט זי זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט : זי קען שוין קיין קינד ניט האָבען ווייל איהר מאַן איז שוין צו אַלט. יהוה ווי עס ווייזט אוים האָט געהערט *) איהר געלעכטער, און ער איז אין כעס געוואָרען און האָט אויסגערעדט אברם׳ען : למה זה צחקה שרה לאמר, „האף אָמנם אלד **) ואני זקנתי ?״ וועל איך נאָך געבאָרען ווען איך בין אזוי אַלט ? „היפלא מיהוה דבר ? קען זיין פון יהוה עטוואָס צו וואונדערבאר ? למועד אשוב אליך

---

*) אברהם האט אויך געלאַכט ווען גאט האט עם איהם געזאגט. נור אַזוי ווי גאט האט ניט געהערט, האט ער געשוויגען. שרה אבער א אידענע אבוואהל זי האט אויך געלאַכט אין זיך, האט גאט אבער דערהערט איהר חי חי חי, איז ער אין כעס געוואָרען.

**) שרה האט געזאגט „ואדני זקן״ מיין מאַן איז אַלט. גאט האט אבער געזאגט אברהם׳ען אז שרה האט געזאגט „ואני זקנתי״, און איך בין אַלט. אַי איז דאך די קשיה עס איז דאך א ליגען ? איז דער תירוץ אז מפני דרכי שלום מעג מען.

כעת חיה ולשרה בן, אין דער זעלבער צייט איבער א יאהר קום איך צו דיר ווידער און שרה האט שוין א זוהן. שרה האט זיך דערשראקען און געלייקענט. זי האט געזאגט: איך האב ניט געלאכט. האט ער געזאגט: ניין, דו האסט יא געלאכט. געוועהנ־ליך איז געבליעבען ווי גאט האט געזאגט, אז זי האט יא געלאכט.

ווי די מעשה איז, ווייסען מיר אבער גאנץ קלאר, אז איינער פון די דריי מענער, וועלכער האט צוגעזאגט שרה'ן אויף איבער א יאהר צו האבען א זוהן, איז ניט געווען קיין אנדערער ווי דער גאט יהוה, און אזוי ווי ער האט געהאלטען אברם'ען פאר זיין בעסטען פריינד האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט איהם דערצעהלט וואס ער דענקט צו טאן מיט סדום. אברם האט עס געהאלטען פאר אונרעכט, ווייל ער האט גערעכענט, אז עס איז אונמעגליך, אז דארט זאלען זיך גאר ניט געפינען קיינע גוטע, זאגט ער צו איהם: ניט שוין ווילסטו איבערפיהרען דעם צדיק מיט דעם רשע? פיעללייכט געפינען זיך דארט פופציג צדיקים, דו טארסט עס ניט טהאן. יהוה האט איהם געענטפערט: אויב איך וועל געפינען פופציג צדיקים אין שטאדט, וועל איך זיי אלעמען מוחל זיין און שענקען.

אברהם האט דא איינגעזעהן, אז מיט דעם גאט יהוה וועט ער גאר ניט מאכען האט ער זיך געווענדעט צו דעם גאט „אדני", וועלכער איז אויך געווען איינער פון די דריי, ווי ער זאגט: „הנה נא הואלתי לדבר אל אדני", נון וויל איך ריידען צו אדני א. ז. וו. ער האט אלץ געבעטען אויף ווענינער, ביז זיי זיינען זיך פערנאנ־דערגעגאנגען (י"ח), יהוה איז דאן אוועקגעגאנגען, און צוויי זיינען אוועקגעגאנגען צו סדום, „ויבאו שני המלאכים סדמה בערב" די צוויי מלאכים זיינען געקומען אין סדם אבענד־צייט. איך וועל שפעטער בעווייזען, אז די צוויי מלאכים זיינען אויך געווען געטער.

דעם זיעבענטען מאל איז אלהים געקומען צו איהם ניט פער־שטעלט. „ויאמר אלהים אל אברם אל ירע בעינך על הנער ועל

אמתך" (כ"א י"ב), אלהים האָט געזאָגט צו אברהם'ן, עס זאָל דיך ניט פערדריסען אויף דעם יונג און אויף דער מאגד.

דעם אכטען מאָל איז אויך געווען אלהים ניט פערשטעלט. ווען ער האָט געשטעלט אברהם'ען צו דער לעצטער פּראָבע מיט דער „עקידה", ווי איך האָב שוין פריהער דאָס ערקלערט. פון דאַן אָן האָט שוין קיין גאָט מעהר ניט גערעדט מיט אברהם'ען. באלד איז שרה געשטאָרבען און ער האָט געמוזט קויפען פאר איהר א קבר פאר גוטע געלד, אין זיין אייגענע לאנד האָט ער עס געקויפט וועלכע גאָט האָט געשוואָרען דאָס ער האָט עס איהם און זיינע קינ־דער אוועקגעגעבען אויף אייביג צום אייגענטהום. נפלאים מעשיך ונפשי ידעת מאד (תהלים קל"ט), אונבעגרייפליך, וואונדערבאר זיינען דיינע מעשים, מיין זעעלע ווייס עס זעהר גוט. דו שווערסט, דו זאָגסט צו צו געבען דעם פאטער און די קינדער, — דער פאטער האָט ניט געהאט און די קינדער האָבען אויך ניט.

מלאכי עליון

כמעט אלע מלאכים וואָס זיינען דערמאָנט אין דער תורה זיינען אליין געווען געטער, נור ווען דער גרעסערער גאָט האָט איינעם געשיקט אין שליחות, האָט ער געהייסען מלאך. אבער ניט יעדער גאָט האָט זיך געקאָנט שאפען מיט אנאנדער גאָט אויסער יהוה און אלהים. זיי אליין האָבען נור געהאט די מאכט זיך צו בענוצען מיט מלאכים, ד. ה., מיט אנדערע געטער. ווייל מיר געפינען ניט אין דער תורה, איבערהויפט דאָ ביי אברהם'ען, ווי נור „מלאך יהוה" אָדער „מלאך אלהים", ווייזט אויס, אז „שדי" און „אדני" האָבען ניט געקענט שיקען קיינע מלאכים, נור זיי אליין האָבען יא פערטרעטען די שטעלען פון מלאכים, ד. ה., אז די מלאכים וועלכע יהוה און אלהים פלעגען אמאָל שיקען,

זיינען זיי אויך געווען געטער, ווי מיר ווע̇לען זיך באלד אליין איבערצייגען.

ווען הגר איז אנטלאָפען פון שרה׳ן האָט זי געטראָפען א מ̇לאך. „ויאמר לה מ̇לאך יהוה: שובי אל גברתך והתעני תחת ידיה" (ט"ז ט׳), דער מ̇לאך פון יהוה האָט צו איהר געזאָגט: געה צוריק צו דיין געבימערין און לאָז דיך פייניגען אונטער איהרע הענד. דאָ ווייזט אוים דאָס ער איז טאקע א מ̇לאך און האָט נור געטהאָן זיינע שליחות. וואָס שטעהט אָבער ווייטער? „ויאמר לה מ̇לאך יהוה, הרבה ארבה את זרעך ולא יספר מרוב" (ט"י) דער מ̇לאך פון יהוה זאָגט איהר ווידער: איך וועל דיינע קינדער אזוי פערמעהרען, דאָס זיי וועלען ניט קענען געצעהלט ווערען. דאָס קען שוין קיין מ̇לאך ניט זאָגען, ווייל ער קען דאָס ניט טהאָן, דען ער האָט קיין אייגענע מאכט. ער זאָגט עס אבער יא, בעווייזט עס, אז דיזער מ̇לאך איז אליין א גאָט. הגר איז אויך ניט געווען אבי ווער, זי איז געווען בעקאנט מיט מלאכים און מיט געטער, האָט זי איהם אויך אנערקענט אלם גאָט און ניט אלם מ̇לאך, דען זי האָט איהם א נאָמען געגעבען: „אתה אל ראי". דו ביזט א זיכטבארער גאָט. אויף איהר, דאכט זיך, קען מען זיך פערלאָזען.

די דריי מענער, וועלכע זיינען געקומען צו אברהם, איינע פון זיי איז געווען יהוה, ווי איך האָב עס פריהער בעוויעזען, די איבריגע צוויי, די וואָס זיינען געגאנגען אין סדם, רופט מען מלאכים און מיר וועלען זיך באלד איבערצייגען, אז דיזע זיינען אויך געווען געטער. ווען זיי וואָלטען געווען מלאכים, האָט גע־דארפט איינער מציל זיין לוט׳ן און דער אנדערער אומקעהרען סדם. וואָס זעהען מיר אָבער דאָ? ביידע טהוען אלעס וואָס קיין מלאך קען עס ניט טהאָן. ווי דער לעזער וויים שוין פון פריהער דעם אונטערשיעד פון א מלאך ביז גאָט. „ואת האנשים אשר פתח הבית הכו בסנורים" (י"ט י"א) די מענשען וועלכע זיינען גע־שטאנען פאר דעם איינגאנג פון הויז האָבען זיי (ביידע) געשלאָגען מיט בלינדהייט. „כי משחיתים אנחנו את המקום הזה (י"ט י"ג)

דען מיר(אויך בײדע) פערדארבען דיזען אָרט. איבעראל דיזעלבע בײדע זײנען מציל לוט'ן און בײדע קעהרען אום סדם. דאָס איז נאָך אָבער ניט געגוג, עס איז נאָך דאָ בעסערע בעװײזע. לוט'ן איז געװוען צו װײט צו ענטלױפען, בעט ער זיך בײ זײ „הנה נא העיר הזאת קרבה לנוס שמה, והיא מצער, אמלטה נא שמה, הלא מצער היא ותחי נפשי". דיעזע שטעדטעל איז נאָהענט צו אנטלױ־פען דאָרט, זי איז קלײן, ערלױב מיר — איך בעט דיך — זיך צו רעטען דאָרט, זי איז דאָך קלײן, װעל איך בלײבען לעבען. „ויאמר אליו, הנה נשאתי פניך גם לדבר הזה לבלתי הפכי את העיר אשר דברת." (שם כ"א). זאָגט אײנער צו איהם: איך טהו דיר דאָס אויך צו געפאלען און װעל די שטאָדט ניט אומקעהרען, װי דו האָסט געבעטען. אזא זאך קען דאָך געװיס קײן מלאך אין דער װעלט ניט טהאָן, אויסער א גאָט.

װען אברהם האָט אויף שרה'ס בעפעהל און אלהים'ס הסכמה ארויסגעטריעבען הגר'ן מיט איהר זוהן, האָט הגר געבלאָנדזשעט אין דער װיסטע אָהן װאסער, און װען דאָס קינד האָט שוין גע־האלטען בײם אויסגעהן פון דורשט, דאן האָט זיך אלהים דערמאָנט אָן איהם און געשיקט א מלאך. „ויקרא מלאך אלהים אל הגר מן השמים ויאמר לה: „מה לך הגר? אל תראי, כי שמע אלהים את קול הנער באשר הוא שם", (כ"א י"ז). אלהים'ס מלאך האָט צו־גערופען פון הימעל הגר'ן און האָט איהר געזאָגט: װאָס איז דיר הגר? שרעק דיך ניט, דען אלהים האָט דערהערט די שטימע פון דעם יונג, װאו ער איז דאָרט. „קומי, שאי את הנער והחזיקי את ידך בו כי לגוי גדול אשימנו" (כ"א, י"ח). שטעה אויף! נעם דעם יונג און האלט איהם פעסט אין דײנע אָרעמס, דען איך װעל איהם מאכען צו א גרויסען פאָלק! קען זאָגען א מלאך: איך װעל איהם מאכען? קען ער דען עפּעס מאכען? נײן! דאָס קען נור א גאָט זאָגען. האָבען מיר שוין װיעדער א מלאך, װעל־כער איז אין דער װירקליכקײט א גאָט.

בײ דער עקידה, װען אברהם האָט שוין געהאלטען דעם חלף

ביי יצחק׳ס האלז איהם אבצושלאכטען שטעהט : „ויקרא אליו מלאך יהוה מן השמים ויאמר : אברהם ! אברהם ! ויאמר : הנני !“ באלד האט איהם צוגערופען יהוה׳ס א מלאך פון הימעל און האט געזאגט : אברהם ! אברהם ! האט ער געענטפערט : דא בין איך ! „ויאמר : אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה, כי עתה ידעתי, כי ירא אלהים אתה, ולא חשכת את בנך, את יחידך, ממני (כ״ב י״ב). דער מלאך זאגט : שטרעק ניט אויס דיין האנד צו דעם יונג און טהו איהם ניט דאס מינדעסטע, דען איצט וויים איך שוין דאס דו ביזט א „ירא אלהים“, ווייל דו האסט אפילו דיין איינציגען זוהן ניט געזשאלעוועט פאר מיר. דא איז איבריג צו געבען וועלכע עס איז ערקלערונג, אז דיזער מלאך איז א גאט, ווייל די ווערטער „איצט וויים איך“, „פון מיר“, קען נור זאגען דער, וואס האט עפעס א דעה, דער, וועלכער האט געוואלט וויסען און האט אויסגעפונען. דאס אלעס קען א גאט, אבער ניט קיין מלאך. א גאט האט געוואלט וויסען ווי ווייט אברהם איז איהם טריי, האט ער איהם געפרופט און האט אויס־געפונען, אז ער איז איהם אזוי טריי, דאס אפילו זיין בן יחיד, וועלכען ער האט קוים דערלעבט צו דער עלטער, שפיעלט ביי איהם אויך קיין ראלע ניט און איז צופריעדען איהם ברענגען אלס א קרבן פאר גאט. דיעזע האבען רעכט זיך אזוי אויסצודריקען. איצט וויים איך וואס איך האב נאך ביז איצט ניט געוואוסט, דען דו האסט ניט אבגעהאלטען דיין איינציגען זוהן „פון מיר“.

דערמיט ענדיגט זיך די אונטערזוכונג פון אברהם׳ס גאט, וועלכער, ווי דער לעזער האט זיך איבערצייגט, איז דער גרעסטער ווידערשפרוך צום גאט פון די עיקרים. נון וועלען מיר בעטראכ־טען דעם גאט פון יצחק און פון יעקב.

גאָט פון יצחק.

ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז אברהם האָט איבערגעגעבען זיינע אידעען, זיין גלויבען מיט זיין רעליגיאָן צו זיין זוהן יצחק, ווייל אלהים האָט איהם געזאָגט בפירוש : כי ביצחק יקרא לך זרע. (בראשית, כ"א.) דען נור נאָך יצחק זאָלען דיינע קינדער גערופען ווערען. דיא תורה דערצעהלט אונז טאַקי ווייטער : ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק (שם, כ"ה.) אברהם האָט אוועק־געגעבען יצחק'ן אלעס וואָס ער האָט געהאַט, און דאָס מיינט געווים מאַטעריעלעס און גייסטיגעס, ווייל יצחק איז געוועזן זיין איינ־ציגער יורש.

זעלבסטפערשטענדליך, וואָלט דאָך שוין גאָר איבריג געוועזן צו זוכען, אויב יצחק'ס גאָט שטימט מיט דעם גאָט פון דיא עיקרים, ווייל ער האָט דאָך גע'ירש'עט זיין טאַטענס געטער, וועלכע, ווי מיר האָבען שוין גענוג אונטערזוכט און אויסגעפונען, שטימען בשום אופן ניט מיט דעם פילאָזאָפישען גאָט פון דיא עיקרים. עס קאָן דאָך אבער מעגליך זיין, אז יצחק אליין זאָל פּראָגרעסירען און זאָל זיך טאַקי אויסגעפינען דעם ריכטיגען גאָט, וועלכער זאָל שטימען מיט דעם גאָט פון דיא עיקרים, גאָר ניט אַכטענדיג אויף דיא געטער, וואָס ער האָט גע'ירש'עט פון זיין טאַטען אברהם, פּונקט וויא אברהם האָט פעראַכטעט זיין טאַטען'ס — תרח'ס געטער — דיא ניעדריגערע און האָט אָנגענומען אנדערע, העכערע, מיט איין העכסטען גאָט איבער אלע געטער. דארום איז ווינשענסווערטה צו אונטערזוכען יצחק'ס גאָט בעזונדער.

צו אונזער בעדויערן אָבער געפינען מיר, אז יצחק אליין, אָן און פיר זיך, אויסער וואָס ער איז געוועזן אַ'ן „עולה תמימה", וויא מען רופט איהם, האָט געשפּיעלט אַ גאַנץ אונבעדייטענדע ראָלע אין זיין לעבען. לא די וואָס ער האָט קיין פאָרטשריט ניט געמאַכט, צו שטייגען העכער פון זיין פאָטער אברהם, האָט ער נאָך געמאַכט ריקשריט צו אַ גאַנץ ניעדריגע שטופע. מיר ווייסען

פון דער תורה, אז אפילו דיא געטער, וועלכע ער האט גע'ירש'עט פון זיין פאטער, האבען זיך ווייניג וואס מיט איהם פערנומען און האבען פון זיינעטוועגען כמעט קיין זאך ניט געטאן, אויסער איין מאל, ווען ער איז שטארק צוגעשטאנען צו דעם גאט יהוה, וועלכער האט זיך פון איהם ניט געקענט אבטשעפען. האט יהוה נאכ־געגעבען יצחק'ן מיט זיין ווייב, ער האט ערפילט זייער וואונש מיט אזא ליעבהארציגע פריינדשאפט, פאר וועלכע זיי האבען זיך נאכהער דעם טויט געוואונשען, וויא איך וועל דאס באלד בעווייזען.

באלד נאך אברהם'ס טויט, האט אלהים געבענשט זיין זוהן יצחק. ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו, (שם, כ"ה), דאס הייסט אבער ניט, אז אלהים איז געקומען צו איהם און האט איהם עטוואס פערשפראכען. דאס זאגט אונז דיא תורה ניט. טא מיט וואס האט ער איהם דאך געבענשט? דאס פער־שטעהט מען שוין אליין: ער האט איהם געבענשט מיט דיא גרויסע רייכטהימער, וואס ער האט גע'ירש'עט פון זיין טאטען אברהם, אבוואהל ער האט איצטער גאר זיין ברכה דאך גארניט בעדארפט האבען, וויל ער האט עס דאך געקראגען סיי וויא סיי בירושה. דיא וועלט פיהרט זיך אבער אזוי נאך ביז היינטיגען טאג, אז ווען איינער איז רייך, עס מאכט גאר ניט אויס וויא אזוי ער איז געקומען צו זיין רייכטהום, זאגט מען אויף איהם, אז גאט האט איהם געבענשט, אדער „גאט האט איהם געגעבען", פון דער תורה גופא זעהען מיר דייטליך, וויא אונבעדייטענד דיעזע ברכה איז געוועזען. זיין ברודער ישמעאל'ן האט גאט ניט געבענשט, דער־פאר האט טאקי ישמעאל'ס ווייב געבארען צוועלף זיהן, געזונדע יונגען, וועלכע זיינען געווארען צוועלף שטאם־פירסטען פון צוועלף נאציאנען. שנים עשר נשיאים לאמתם. (שם, כ"ה). וועהרענד יצחק'ס ווייב, רבקה, האט קיין קינד ניט געהאט. עס איז זיי אנגעקומען מיט גרינגע ווערים, ביז זיי האבען אויסגעבעטען ביי יהוה קינדער, פון וועלכע רבקה האט נעבאך געליטען גרויסע יסורים, דאס זיא האט זיך פשוט דעם לעבען פערשאלטען, און

האַט חרטה געהאַט, וואָס זיא האָט זיך מיאוס געמאכט צו בעטען ביי איהם, וויא אין פסוק שטעהט: ויעתר יצחק ליהוה לנכה אשתו כי עקרה היא. יצחק האָט שטארק און פיעל געבעטען ביי יהוה וועגען זיין פרוי וואָס זיא איז אַ בעזדזשעטניצע. ויעתר לו יהוה, ותהר רבקה אשתו. יהוה האָט זיך געלאָזט איבערבעטען און זיין פרוי רבקה איז שוואנגער געוואָרען. ויתרצצו הבנים בקרבה, ותאמר: אם כן למה זה אנכי? דיא קינדער האָבען זיך שטארק געשטויסען אין איהר לייב, זאָגט זיא: אויב אזוי, איך זאָל דערפון ליידען אזעלכע יסורים, טאָ וואָס טויג מיר מיין לעבען? עס איז מיר שוין ליעבער דער טויט. ותלך לדרש את ד׳ *) און זיא איז געגאנגען פרעגען ביי אַ וואהרזאגער. דאָרט האָט מען איהר געזאָגט: זיא האָט צוויי גוים אין איהר לייב, וועלכע וועלען זיך פערנאנדערטהיילען אין צוויי נאַציאָנען, איינע וועט זיין מעכטיגער פון דער אנדערער. דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערן.

דאָ זעהט מען שוין דעם אונטערשיעד צווישען אברהם׳ן און זיין זוהן יצחק. שרה האָט אויך קיין קינדער געהאַט, אברהם וואָלט זיכער געקענט אויסבעטען ביי זיינעם אַ גאָט אַ קינד פאַר שרה׳ן, פון דעסטוועגען איז ער געוועזען גענוג שטאָלץ ביי זיך ניט צו בעטען ביי זיי אפילו דאַן, ווען שרה איז שוין אלט געוואָרען 90 יאהר; ער האָט זיך ניט געוואָלט ערניעדריגען און בעטען אַ קינד פאַר שרה׳ן, ווייל אברהם האָט גוט געוואוסט, וויא ווייט אפילו דער העכסטער גאָט רעספעקטירט איהם, נאָך מעהר, ער האָט זאָגאר מורא פאַר איהם, וויא איך האָב עס דייטליך בעוויעזען אין דעם קאַפּיטעל „גאָט פון אברהם". ניט אזוי איז געוועזען דער פאַל ביי יצחק׳ן.

מיט יצחק׳ן האָט קיין גאָט גערעדט פה אל פה, וויא מיט

---

*) רש"י זאָגט: אין בית מדרש פון שם, ד. ה. צו אַ גוטען אידען, דער באור זאָגט: צו די נביאים פון יענער צייט, ד. ה. די וואהרזאגער.

זיין פאטער אברהם. אין זיין גאנצען לעבען האָט ער סך הכל געהאַט צוויי געטליכע ערשיינונגען אוןביידע מאָל האָט מען איהם דייטליך ערקלערט, אז מען וועט טאָן פאר איהם אלעם נור צוליעב זיין פאטער אברהם.

דיא ערשטע ערשיינונג: „וירא אליו יהוה, ויאמר: אל תרד מצרימה, שכן בארץ אשר אמר אליך". (בראשית, כ"ו.) יהוה איז ערשיענען צו איהם, און האָט געזאָגט: לאָז דיך ניט ארונ־טער קיין מצרים, וואָהן אין דעם לאַנד, וועלכע איך וועל דיר הייסען. „גור בארץ הזאת ואהיה עמך ואברכך, כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל, והקמותי את השבועה אשר נשבעתי לאברהם אביך". האַלט דיך אויף אין דיעזען לאַנד, דען דיר און דיינע קינדער וועל איך געבען דיזע אלע לענדער, איך וועל האַלטען די שבועה, וואָס איך האָב געשוואָרען צו דיין פאטער אברהם. „והרביתי את זרעך ככוכבי השמים ונתתי לזרעך את כל הארצות האל, והתברכו בזרעך כל גויי הארץ". איך וועל פערמעהרען דיינע קינדער אזוי פיעל וויא דיא שטערן פון הימעל, איך וועל אוועקגעבען דיינע קינדער דיזע אלע לענדער, מיט דיינע קינדער וועלען זיך בענשען אלע פעלקער פון דער ערד. „עקב אשר שמע אברהם בקלי". דאָס איז נור דערפאר ווייל אברהם האָט מיך געפאָלגט. ד. ה., איך טהו דאָס נור צוליעב אברהם'ן, ווייל ער איז מיר געווען געהאָרכזאַם. יצחק'ן אליין דערמאָנט ער גאָר ניט און פאר איהם טהוט ער אפילו דאָס מינדעסטע ניט, טראָטצדעם וואָס ער האָט זיך געלאָזט שלאַכטען פון זיינעטוועגען.

יצחק'ם מסחר.

נאָך דיזע געטליכע ערשיינונג, האָט יצחק געקראָגען מוטה און האָט אָנגעפאנגען צו בעטרייבען דעם זעלבען מסחר, וואָס זיין פאטער האָט אמאָל בעטריעבען. ער האָט געמיינט, אז דיא געטער וועלען איהם אויך בעהילפיג זיין דעריין, וויא זיי האָבען

געהאָלפען זיין פאטער. ער האָט אבער געהאט א גרויסען טעות. קיין גאָט איז איהם ניט געקומען צו הילף, און דארום איז ער טאַקי מיאוס אריינגעפאלען. אָט הערט וואָס דיא תורה דער־צעהלט אונז: „וישב יצחק בגרר, וישאלו אנשי המקום לאשתו, ויאמר: אחתי היא“. יצחק האָט זיך בעזעצט אין גרר, און ווען דיא שטאָדט־לייט האָבען געפרעגט וועגען זיין פרוי, האָט ער געזאָגט: דאָס איז מיין שוועסטער. געוועהנליך מיט דעמזעלבען פוילען אויסרייד, דאָס ער האָט מורא געהאט מען זאָל איהם ניט הרג'ענען איבער איהר. וואָס העלפט עס אבער, עס האָט איהם דער מסחר ניט געגליקט, ניט דער קעניג און ניט קיין אנדער רייכער בירגער האָט זיך געפונען, וואָס זאָל זיך פערליעבען אין רבקה'ן. גאַנץ לאַנג האָט ער געוואַרט אויף דער געלעגענהייט, ביז ער איז מיאוס אריינגעפאלען און אנשטאט צו קריגען פאַר איהר גאָלד, זילבער, שקלאַפען און בהמות, וויא זיין פאטער פאַר שרה'ן, האָט ער געקראָגען חרפות און בזיונות. „ויהי כי ארכו לו שם הימים“, אלס יצחק האָט שוין אָבגעוואוינט דאָרט, אין גרר, א גאַנץ לאַנגע צייט, און איז שוין גוט בעקאַנט געוואָרען מיט דיא שטאָדט־לייט, און קיין בייזעס אָדער, בעסער געזאָגט, קיין גליק האָט איהם ניט געטראָפען, (האָט ער זיך דאָך שוין גענוג איבערצייגט, אז ער דאַרף קיין מורא ניט האָבען פאַר דיא מענשען, דאָס זיי וועלען איהם הרג'ענען וועגען זיין ווייב, דען זייענדיג אַזאַ לאַנגע צייט אונטער דעם איינדרוק, דאָס רבקה איז זיין שוועסטער, און איז פריי פאַר אלעמען, און דאָך האָט קיינער זיא ניט אָנגעריהרט און אפילו ניט געקוקט אויף איהר,, וואָלטען זיי נאָך וויניגער געקוקט אויף איהר, ווען זיי וואָלטען וויסען, אז זי איז אַ'ן אשת איש), האָט דאָך, דאכט זיך אונזער פרומער צדיק יצחק געדארפט בעקאַנט מאַכען זיינע שטאָדט־לייט, אז רבקה איז זיין פרוי, צו פערמיידען, אז קיינער אפילו פון דעם געמיינעם עולם זאָל זיך ניט שדכנ'ען צו איהר. יצחק האָט עס אבער ניט געטאָן, ווייל זיין גאַנצע מיינונג איז דאָ נור געוועזן דער

מסחר, דארום האָט ער אַלץ געוואָרט אויף דער גוטער שעה, אַז דער קעניג אָדער אַ פירסט זאָל זיך פערליעבען אין איהר, און אַט וואָס ער האָט זיך דערוואָרט.

„וישקף אבימלך מלך פלשתים בעד החלון“. אבימלך, דער קעניג פון פלשתים, איז געראָדע אַ מאָל פארביי געגאַנגען און האָט אַ קוק געטאָן דורכ'ן פענסטער, „וירא והנה יצחק מצחק את רבקה אשתו“, אָה, הימעל, וואָס ער האָט געזעהן! — יצחק שפּיעלט זיך מיט זיין ווייב רבקה. געוועהנליך איז אבימלך, כאָטש אַ גוי, שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען פון אַזאַ מיאוס'ער מעשה. „ויקרא אבימלך ליצחק, ויאמר: אך הנה אשתך היא, ואיך אמרת אחתי היא?“ אבימלך האָט גלייך געלאָזט רופען יצחק'ן און האָט איהם געזאָגט: געוואַלד! זיא איז דאָך דיין פרוי, טאָ וויא אַזוי האָסטו געקענט זאָגען: זיא איז מיין שוועסטער? „ויאמר אליו יצחק: כי אמרתי פן אמות עליה“. ענטפערט איהם יצחק: בע—מע... איך האָב געטראַכט, אַז מען קען מיך נאָך הרג'ענען איבער איהר. אבימלך איז פשוט נשתומם געוואָרען פון דיזע פערטהיידיגונג. סטייטש, וואָס איז דאָס פאַר אַ תירוץ? אַ מענש וואָהנט אָב אַזאַ לאַנגע צייט צווישען מענשען, ביי וועלכע אַ'ן אשת איש איז דער גרעסטער פערברעכען, און פאַר דיזע מאָראַלישע מענשען האָט ער מורא געהאַט, זיי זאָלען איהם ניט הרג'ענען און נאָך פאַר אַזאַ פרוי, וועלכע אַלע האָבען געהאַלטען פאַר אַזאַ לאַנגע צייט פאַר זיינע אַ שוועסטער, און עס האָבען זיך דאָך ביז היינטיגען טאָג ניט געפונען אויף איהר קיינע בעלנים, אפילו פון פּראָסטען פאָלק. „ויאמר אבימלך: מה זאת עשית לנו? כמעט שכב אחד העם את אשתך, והבאת עלינו אשם“. אבימלך זאָגט צו איהם, זעלבסטפערשטענדליך מיט כעס און מיט שפּאָט: וואָס האָסטו אונז געטאָן? עס קען דאָך מעגליך זיין, אַז איינער פון דעם פאָלק וואָלט זיא גענומען פאַר אַ ווייב, און דאַן וואָלסטו אויף אונז געבראַכט אַ גרויסען פערברעכען. וואָס האָט יצחק געקענט דאַרויף ענטפערן? ער איז טאַקי געבליבען שטעהן, וויא אַ'ן

„עולה תמימה“ און האָט קיין וואָרט דאַרויף געענטפערט. „ויצו אבימלך את כל העם, לאמר: הנגע באיש הזה ובאשתו, מות יומת“. דארויף האָט אבימלך ארויסגעגעבען א בעפעהל פאר'ן גאַנצען פאָלק (געוועהנליך אויף שפּאַס), וויא פאָלגט: ווער עס וועט אָנריהרען דיזען מאַן און זיין פרוי, וועט אומגעבראכט ווערען.

יצחק ווערט פערפאָלגט.

יהוה אָט איהם ווידער געבענשט און ער איז זעהר רייך געוואָרען. פון וואַנען? פון וואָס? דערצעהלט אונז דיא תורה ניט. מסתמא פון גאָט'ס ברכה. דיא פלשתים האָבען אבער איהם מקנא געווען, און אבימלך האָט איהם געהייסען זיך ארויס־רוקען פון דאָרט. וויא ער האָט זיך נור ארויסגעריהרט פון גרר האָט ער שוין קיין תקומה ניט געהאט. וואו ער איז נור געקומען, האָט מען איהם געהייסען געהן אלץ ווייטער, אבוואָהל ביי דער ערשטער געטליכער ערשיינונג האָט איהם יהוה פערשפּראָכען: אַז ער וועט איהם און זיינע קינדער אַוועקגעבען דיזע אלע לענדער, וויי‌ל אזוי האָט ער געשוואָרען צו אברהם; פון דעסטוועגען האָבען די פלישתים איהם געשטויסען און געטריעבען פון זיינע אייגענע לענדער, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען, ביז זיי האָבען איהם פערטריעבען קיין באר שבע, וועלכע איז געווען פריי פון מענשען. דאָרט האָט ער זיך בעזעצט.*) „וירא אליו יהוה בלילה

---

*) מערקווירדיג, וויא העולם כמנהגו נהג: ווערט אַ מענש רייך, אַפילו גאָר ניט בעטענדיג ביי גאָט, נור פשוט נעהמענדיג אַליין וואו נור מען קען, הייסט עס, גאָט האָט איהם געבענשט, ער האָט איהם געהאָלפען; געהט אָבער אַ מענשען מיט די פוטער אַראָב, מעג ער קניען און בעטען טאָג און נאַכט ביי זיין גאָט, ענטפערט ער איהם ניט. יצחק איז רייך געוואָרען, האָט עס געהייסען, גאָט האָט איהם געבענשט; אַז די פלשתים האָבען איהם אַרומגעטריבען פון איין אָרט צום אַנדערן, האָט אפילו

ההוא, ויאמר: אנכי אלהי אברהם אביך, אל תירא, כי אתך אנכי, וברכתיך, והרבתי את זרעך, בעבור אברהם עבדי“. און יהוה איז ערשיענען צו איהם אין דער זעלבער נאכט, און האָט איהם געזאָגט: איך בין דער גאָט פון דיין פאטער אברהם, שרעק דיך ניט, דען איך בין מיט דיר, איך וועל דיך בענשען, איך וועל דיינע קינדער פערמעהרען, וועגען מיין קנעכט אברהם. דיזען מאָל האָט זיך יצחק געפיהלט זעהר געקריינקט דערפון, וואָס גאָט פערשפּרעכט איהם נור צוליעב זיין קנעכט אברהם, און וועגען איהם אליין גאָרניט, אזוי וויא ער וואָלט גאָר ניט פערדיענט ביי איהם. דאַן האָט ער גנומען זוכען סגולות צו נושא חן זיין ביי גאָט. „ויבן שם מזבח, ויקרא בשם יהוה“. יצחק האָט דאָרט געבויט אַ מזבח און האָט אַגיטירט פאַר דעם נאָמען יהוה. עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען. דערמיט איז דיא ערד פערשלאָסען געוואָרען. מעהר וויא דיזע צוויי מאָל האָט זיך קיין גאָט צו איהם ניט בעוויעזען, אפילו ניט אין חלום. יצחק אליין האָט זיי אויך ווענינ וואָס דערמאָנט, אויסער איין מאָל דעם גאָט „אלהים“: ווען יעקב האָט אויסגענאַרט פון איהם דיא ברכות, האָט ער געזאָגט: „ויתן לך האלהים“. אלהים זאָל דיר געבען, און איין מאָל האָט ער דערמאָנט דעם גאָט „שדי“: ביים געזעגנען זיך מיט יעקב׳ן, האָט ער געזאָגט: „ואל שדי יברך אתך“. און דער גאָט „שדי“ זאָל דיך בענשען.

פון דיזער אונטערזוכונג, זעהען מיר שוין גאַנץ קלאָר און דייטליך, אז יצחק איז געוועזן ביי דיא געטער גאָר אַ קנאַפּער מיוחס. דיא פאַר געטליכע ערשיינונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבען, זיינען געוועזן פיעל אונבעדייטענדער, וויא דיא

גאָט׳ס שבועה אויך ניט געהאָלפען; האָט ער אָבער נור אויסגעפונען אַ מקום מנוחה אין באר שבע, אַהאַ! גאָט איז שוין ווידער דאָ און זאָגט איהם ער זאָל קיין מורא ניט האָבען, ער איז מיט איהם; וואו איז ער געוועזן, ווען די פלשתים האָבען איהם געיאָגט?

געטליכע ערשיינונגען אפילו פון „הגר שפחת שרי“, הגר, שרי'ס דיענסט. ערשטענס, האָט הגר געהאט פיעל מעהר געטליכע ער־שיינונגען אין איהר לעבען, וויא יצחק. ווען זיא איז געווען ביי אברהם'ען אין הויז, איז זיא זאָגאר גוט בעקאַנט און בעפריינדעט געווען מיט דיא געטער און מלאכים, וויא רש״י הקדוש בעווייזט אונז פון דעם פסוק : „הגם הלם ראיתי אחרי ראי (לך, ט״ז, י״ג). מאַכט רש״י : אז הגר האָט זיך געוואונדערט, דאָס אפילו דאָ אין דיא וויסטע זעהט זיא אויך א גאָט, נאָכדעם וויא זיא האָט זיך זיי געווינט אָנגעזעהען אין אברהם'ס הויז ; צווייטענס, זיינען הגר'סביידע געטליכע ערשיינונגען אין דיא וויסטע, פיעל וויכטיגער און בעדייטענדער פון יצחק'ס. דעם ערשטען מאָל, ווען הגר איז אַנטלאָפען פון שרה'ן, „וימצאה מלאך יהוה על עין המים במדבר“, האָט זיא יהוה'ס מלאך געטראָפען ביי א וואסער־קוואל אין דיא וויסטע. דאָרט האָט ער זיך מיט איהר פריינדליך פערנאַנדער־גערעדט און האָט איהר געהייסען זיא זאָל צוריקגעהן צו איהר הויזפרוי און זיך לאָזען פייניגען אונטער איהרע הענד און דערפאר : „ויאמר לה מלאך יהוה : הרבה ארבה את זרעך ולא יספר מרב“. האָט יהוה'ס מלאך צו איהר געזאָגט : איך וועל שטאַרק פערמעהרען דיינע קינדער, דאָס זיי וועלען זיין אזוי פיעל, אַז מען וועט זיי ניט קענען צעהלען. נאכהער זאָגט ער איהר בפירוש : „כי שמע יהוה אל עניך“. דען יהוה האָט געהערט דיין עלענד, דערפאר וועט ער דיך בעלאָהנען, ד. ה.„ **אַז יהוה וועט עס טאָן טאַקי נור פון איהרעטוועגען אַליין.** דעם צווייטען מאָל, ווען אונזער הייליגע מוטער שרה האָט אָהן רחמנות אַרויס־געטריעבען הגר'ן מיט איהר קינד, איז זיא אַרויסגעגאנגן בלאָנ־זענדיג אין דיא וויסטע באר שבע. דאָס וואסער איז איהר אויס־געאנגגען און דאָס קינד איז שיער געשטאָרבען פון דורשט, האָט זיא איהם אוועקגעלעגט אונטער א בוים און אַליין האָט זיא זיך געזעצט פון ווייטען, אום זיא זאָל ניט זעהן, וויא דאָס קינד שטאַרבט. זיא איז געזעסען און געוויינט, און דאָס קינד האָט

געשריען: „א טרונק“! וישמע אלהים את קול הנער“, באלד האט אלהים דערהערט דעם קינד׳ס שטימע. „ויקרא *) מלאך אלהים אל הגר מן השמים, ויאמר לה: מה לך הגר, אל תיראי, כי שמע אלהים את קול הנער באשר הוא שם. אלהים׳ס מלאך האט גערופען הגר׳ן פון הימעל און האט צו איהר געזאגט: וואס איז דיר הגר? שרעק דיך ניט, אלהים האט דערהערט דעם קינד׳ס שטימע, וואו ער ליגט דארט. „קומי שאי את הנער והחזיקי את ידך בו, כי לגוי גדול אשימנו.“! שטעה אויף! נעם דאס קינד און שלים איהם אין דיינע ארעמס, דען איך וועל איהם צו א גרויסע נאציאן מאכען. דא זעהט מען שוין גענוג דייטליך דעם גרויסען אונטערשייד צווישען הגר׳ס געטליכע ערשיינונגען און יצחק׳ס. הגר׳ן האבען די געטער געמאכט פערשפרעכונגען, נור צוליעב איהר און צוליעב איהר קינד און האבען זייער ווארט געהאלטען. פון ישמאל איז טאקי ארויסגעוואקסען א גרויסע און מעכטיגע נאציאן,מיט אן אייגען לאנד ביז היינטיגען טאג, ווערענד יצחק׳ן האבען די געטער געמאכט פערשפרעכונגען נור צוליעב זייער קנעכט אברהם, און זיי האבען זייער ווארט און אפילו זייער שבועה ניט געהאלטען. עס הייסט גאר פשוט, זיי האבען איהם אבגענארט. און גאר אין א קורצע צייט נאכדעם, ווי זיי האבען איהם צוגעזאגט, אז איהם און זיינע קינדער וועלען זיי אוועקגעבען דיזע אלע לענדער, האבען די פלשתים איהם אנגעפאנגען צו טרייבען פון איין ארט צום אנדערען, ביז זיי האבען איהם פערטריבען אין די פוסטע באר שבע. וואס אנבעלאנגט זיינע קינדער, דאס הייסט זיין פאלק ישראל, האבען זיי טאקי נאך ביז היינטיגען טאג אין ערגעץ קיין תקומה ניט; קיין אייגען

---

*) אין דעם קאפיטעל „מלאכי עליון“ האב איך בעוויזען בפירוש פון דער תורה, אז דיזע מלאכים וואס האבען גערעדט מיט הגר אין דער וויסטע און האבען איהר געמאכט פערשפרעכונגען, זיינען געווען אין דער ווירקליכקייט געטער, און ניט קיינע פראסטע מלאכים.

לאנד האָבען זיי שוין לאַנג ניט, זיי זיינען צוזייעט און צושפרייט איבעראל און אין ערגעץ קען מען זיי ניט אָנקוקען. מען שלאַכטעט, מען שלאָגט און מען טרייבט זיי, וואו זיי געפינען זיך אם מעהר־סטען. דאָס איז וואָס זיי געניסען פון די פערשפרעכונגען און שבועות, וואָס דער גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב האָט זיי געגעבען.

פון אַלעם דעם זיינען מיר שוין גענוג איבערצייגט, אז יצחק איז געוועזן ניט מעהר, ווי א פּראָסטער אונענטוויקעלטער רייכער ישוב׳ניק, דארום איז שוין ממילא גאָר איבריג צו פערלאַנגען, אז זיין גאָט זאָל שטימען מיט דעם גאָט פון די עיקרים, דען וואָס מעהר דער מענש איז גייסטיג ענטוויקעלט, וואָס גרעסער זיין פערשטאַנד איז, דעסטאָ עדעלער און פערנינפטיגער איז זיין גאָט; פערקעהרט, וואָס וויינינגער דער מענש איז גייסטיג ענטוויקעלט, וואָס נידריגער זיין פערשטאַנד איז, דעסטאָ פּראָסטער און גרע־בער איז זיין גאָט, ווי דער גרויסער דענקער און דיכטער געטהע דריקט זיך אויס:

„וויא איינער איזט, זאָ איזט זיין גאָטט,
„דארום ווירד גאָט זאָ אָפט צו שפּאָט.“

גאָט פון יעקב.

נון, האַלטען מיר שוין ביי דער אונטערזוכונג פון יעקב׳ס גאָט. פון יעקב׳ס גאָט האָבען מיר שוין יא געדארפט עפּעס ער־ווארטען, ווייל יעקב האָט איבערגעשטיגען ניט נור זיין פאטע־ יצחק, נור אפילו זיין זיידען אברהם. ער האָט זיך ניט בענוגענט מיט די געטער, וואָס זייגע עלטערן האָבען איהם איבערגעלאָזען בירושה, אויסער דעם איז ער געוועזן אזא העלד, דאָס קיינער האָט געגען איהם ניט געקענט ביישטעהן; אפילו די געטער האָבען פיר איהם גרויס דרך ארץ געהאַט; איהם האָט קיין גאָט ניט געוואַגט צו זאָגען, אז ער וועט איהם טהאָן טובות, נור צוליעב זיין קנעכט אברהם, ווי זיי פלעגען זאָגען זיין פאָטער יצחק; איהם האָבען

די געטער רעספּעקטירט און זיינען אָפט געקומען צו איהם גאָר ניט פערשטעלט. זיי האָבען איהם געמאַכט פערשפּרעכונגען נור צו־ליעב איהם אליין און ניט צוליעב זיינע זכות אבות. מיינט איהר אפשר, אז דערפאר האָט ער זיי טאַקי ערנסט געדיענט? ניין! ער האָט זיי נור אָבגענאַרט, פּונקט ווי די מעהרסטע אונזערע פרומע אידען נאַרען אָב זייער גאָט ביז היינטיגען טאָג. ער האָט זיי גע־דיענט, געבויט מזבחות, געשטעלט מצבות און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיי ניט געטרויט אפילו אויף איין האָר. ער האָט געזעהען מיט אַלע מעגליכקייטען, מיט אַלע מיטלען אויסצופּיה־רען נור זיין אייגענעם ווילען, אָבער ניט דעם ווילען פון זיין גאָט. פון זיין געבורטס טאָג ביז זיין עלטער, האָט ער אַלעס עררייכט נור דורך זיין כיטראָסט, ער האָט געקעמפּפט מיט מענשען און מיט געטער און האָט אַלעמען בייגעקומען. ערשט, צו דער על־טער, ווען זיינע חושים זיינען שוואַך געוואָרען, איז ער שוין אויף אָן אמת געוואָרען פרום.

איצט וועלען מיר געהן כסדר נאָכזוכען זיין כאַראַקטער, זיינע געטער, זיין גלויבען אין זיי און אַלע זיינע האנדלונגען.

ווי מיר ווייסען שוין פון פריהער, איז יצחק'ן אָנגעקומען מיט גרויסע צרות, איידער ער האָט אויסגעבעטען ביי גאָט יהוה א קינד און דערפאר וואָס ער האָט אַזוי פיעל געבעטען, האָט ער איהם שוין געגעבען צוויי מיט א מאָל. דיזע צוויי זיינען דאָס געווען אונזערע בעקאַנטע, יעקב און עשו. גאָט האָט איינגעאָרדערט נאָך זיין ווילען, אז עשו זאָל זיין דער ערשטגעבאָרענער, ד. ה. דער בכור. איהר וועט אפשר פרעגען, וואָס איז דער אונטערשיעד? וועל איך אייך זאָגען, אז דער אונטערשיעד איז זעהר גרויס, און דאַן האָט עס געהאַט א וויכטיגע בעדייטונג, דען די אַלטע ווילדע געטער האָבען אַזוי איינגעאָרדערט ביי זייערע ווילדע פעלקער, דאָס דער בכור האָט געשפּיעלט די וויכטיגסטע ראָליע אין דער הויז־פאַמיליע: ער איז געווען דער הייליגער גייסטליכער, דער גאַנצער בעל־דעה אין הויז, ער איז געווען דער הערשער אפילו נאָך

ביי זיין פאטער׳ס לעבען, ווען יענער איז שוין געווען אין די על־טערע יאהרען. ער איז אויך געווען דער גאנצער יורש פון זיין פאטער׳ס פערמעגען. אט דאס האט דאן געהאט די בעדייטונג פון דער בכורה (ערסטגעבורט). אלזא ווי מיר זעהען האט גאט אליין אוועקגעגעבען די בכורה צו עשו, זיין אינגערען ברודער יעקב איז דאס אבער גאר ניט געפעלען געווען און ער איז שוין געגעאנגען געגען גאט׳ס ווילען. „וימלאו ימיה ללדת, והנה תומים בבטנה.״ אלס איהר צייט איז געקומען צו געבארען, איז געווען א צווילינג אין איהר לייב. „ויצא הראשון אדמוני כלו כאדרת שער, ויקראו שמו עשו״. דער ערשטער איז ארויסגעקומען רויטה און זיין גאנצע הויט איז געווען ווי א האארענער מאנטעל, האבען זיי איהם א נאמען געגעבען עשו. „ואחרי כן יצא אחיו וידו אחזת בעקב עשו, ויקרא שמו יעקב.״ נאכהער איז ארויסגעקו־מען זיין ברודער און זיין האנד האט פעסט געהאלטען עשו׳ס פוס. ער האט איהם געשלעפט צוריק, אום ער זאל פריהער קומען אויף דער וועלט און ער זאל זיין דער בכור, גאר ניט אכטענדיג דארויף, וואס גאט האט געמאכט, אז עשו זאל זיין דער בכור, דערפאר האט מען איהם א נאמען געגעבען יעקב.

דאס איז געווען דער ערשטער געוואגטער שריט פון יעקב צו האנדלען געגען גאט און געגען זיין ברודער. אבוואהל עס האט איהם דיזעס מאל ניט געלונגען, ווייל עשו איז דאך געקומען צוערשט אויף דער וועלט. ביי אן אנדערן וואלט דאס שוין געווען פערפאלען: עשו וואלט געבליבען דער בכור, ווארים וואס קען מען העלפען צו א זאך וואס איז שוין געשעהען? יעקב׳ן האט זיך אבער איין מאל פאר אלע מאל געוואלט די בכורה. ער האט אנגעפאנגען צו קעמפפען פאר איהר ביי זיין געבורט און האט דיזען קאמפף ניט אויפגעגעבען, ער האט נור געווארט ביז ער וועט אויפוואקסען.

ווי יעקב קריגט די בכורה.

איצט לאָמיר הערען, וואָס די תורה דערציילט אונז פון דיזע דערוואַקסענע ברידער. „ויגדלו הנערים,“ די קינדער זיינען אויסגעוואַקסען, „ויהי עשו איש ידע ציד איש שדה, ויעקב איש תם ישב אהלים.“ עשו איז געוואָרען אַ יעגער, אַ פעלד־מאַן, יעקב איז אָבער געוואָרען אַ פרומער מאַן, וואָס וואָהנט אין צעלטען און פיטערט בהמות. די פרומקייט זיינע איז ניט מעהר געווען אַ מאַסקע, אונטער וועלכע ער האָט אָבגעטאָן די ערגסטע אַקטען. זיין פרומע מאַסקע האָט איהם געהאָלפען איינצוקויפען זיך אין לאַסקע ביי זיין מוטער, וועלכע האָט, וויא אַלע פראָסטע פרויען, ליעב געהאַט מעהר איהר פרומען זוהן. וואָס ער האָט גע־טאָן אונטער דער זעלבער פרומער מאַסקע וועלען מיר ווייטער זעהן.

שטעלט אייך פאָר, ליעבע לעזער, ווען צו אונז, פראָסטע מענשען, זאָל קומען אַ טויט הונגעריגער מענש און זאָל בעטען, מען זאָל איהם ראַטעווען פון הונגער־טויט, וואָלטען מיר איהם ניט אָוועקגעגעבען דעם לעצטען ביסען פון אונזער מויל? און ווער רעדט, ווען ביי אונז וואָלט געשטאַנען אַ געקאָכטער דינער. איך גלויב קוים, אויב אַזאַ פערדאָרבענער מענש קען ביי אונז טרעפען, אַז ער זאָל דעם אונבעקאַנטען טויט־הונגעריגען מענשען זאָגען: „גיב מיר אָוועק דיין גאַנצען פערמעגען, וועל איך דיר געבען עסען, אויב ניט, מעגסטו קראַפּירען דאָ אויף'ן אָרט.“ ווען עס וואָלט זיך היינט טרעפען אַזאַ מענש, וואָלט די גאַנצע וועלט איהם פעראַכטעט, מען וואָלט איהם געשפּיגען אין פנים, אויב מען וואָלט איהם ניט געלינטשט. (ד"ה גע'הרג'עט).

איצט הערט אַ מעשה, וואָס עס האָט פּאַסירט ווי די הייליגע תורה אַליין דערצעהלט אונז. ווי מיר ווייסען, איז יעקב געווען אַ פרומער מאַן, וואָס האָט געוואָהנט אין צעלטען געפּיטערט שעפּ־סען, ער האָט זיך געלעבט גאַנץ רוהיג, זיינע מאַלצייטען האָבען איהם קיין מאָל ניט געפעהלט, פון אַלעם האָט ער געהאַט איבער־

געגוג. עשו דאגעגען איז געווען א יעגער. ער האָט זיך אימער ארומגעטריבען איבער פעלדער און וועלדער. א מאָל, ווען עס האָט איהם געגליקט צו פאנגען, האָט ער געהאט איבער געגוג. ווען ער האָט אָבער גאָר ניט געטראָפען צו פאנגען, האָט ער פשוט ניט געהאט וואָס צו פרעסען. עס פלעגט א מאָל טרעפען, דאָס ער האָט זיך ארומגעטריעבען דריי, פיער טעג נאָכאנאנד, הונגעריג און דורשטיג, ביז ער פלעגט עפּעס פאנגען צו עסען.

ויהי היום, און עס איז געשעהן אין א געוויסען טאָג, „ויזד יעקב נזיד“, ווען יעקב האָט שוין געהאט אויסגעקאָכט זיינע געקעכעץ, „ויבא עשו מן השדה והוא עיף.“ עשו האָט גראדע דאן געהאט זעהר א שלעכטע צייט, עס איז שוין עטליכע טעג, ווי ער לויפט ארום און האָט גאָר ניט געפאנגען, איז ער געקומען צו זיין ברודער יעקב פערמאטערט, הונגעריג און דורשטיג. אריינקומענדיג צום ברודער, האָט ער דערזעהן א טאָפּ מיט פארטיגע רויטע געקעכץ. „ויאמר עשו אל יעקב, הלעיטני נא מן האדם האדם הזה, כי עיף אנכי.“. זאָגט עשו צו יעקב, איך בעט דיך, האָב רחמנות, גיב מיר פערזוכען פון דיזע רויטע געקעכץ, דען איך בין אָבגעמאטערט און טויט־הונגעריג“. נו, טראכט זיך יעקב, איצט איז די ריכטיגע צייט, איצט האָב איך דיך געפּאקט, די בכורה וועט שוין זיין מיינע. „ויאמר יעקב, מכרה כיום את בכרתך לי.“ זאָגט יעקב: פערקויף מיר איצט זאָגלייך דיין בכורה, ווען־סטו קריגען ביי מיר עסען, זאָנסט גיב איך ניט. „ויאמר עשו, הנה! אנכי הולך למות, ולמה זה לי בכרה?“ זאָגט עשו: זעה, גזלן! איך שטארב דאָך אוועק, טאָ צו וואָס קען מיר נוצען די בכורה? איך וועל דיר פערקויפען, גיב מיר נור עפּעס עסען מיין לעבען צו דערהאלטען. „ויאמר יעקב השבעה לי כיום, וישבע לו, וימכר את בכרתו ליעקב.“ זאָגט יעקב: שווער מיר שוין גלייך (אויב ניט מעגסטע קראַפּירען). האָט ער איהם געשוואָרען. אָט אזוי האָט ער פערקויפט זיין בכרה צו יעקב. (האָט ער דען געהאט אן אנדער ברירה?) ויעקב נתן לעשו לחם ונזיד עדשים, ויאכל,

וישת, ויקם וילך, ויבז עשו את הבכרה." (בראשית כ"ה). און יעקב האָט געגעבען צו עשו ברויט און לינזען זופּ. יענער האָט געגעסען, געטרונקען און איז אוועקגעגאַנגען. אזוי האָט עשו פערראַכטעט (!) די בכורה.

ווען מיר זאָלען בעטראַכטען דיזע ערציילונג פריי פון פאָר־אורטהיילע, אז עשו איז געווען א רשע און יעקב א צדיק, זעהען־דיג די ברוטאַלע, נידריגע האַנדלונג פון יעקב דעם צדיק געגען זיין ברודער עשו דעם רשע, דאַרף מען דאָך פּשוט נשתומם ווערען, ווי ווילד, דום און ברוטאַל זיינען דאָס געווען אונזערע אבות הקדושים און דאָך זיינען מיר זיך מיחס מיט זיי און מיר האַל־טען זיי פיר גרויסע און הייליגע. ווי קומט עס? איינפאַך דער־פאַר, ווייל גאָט האָט זיי ליעב געהאַט, האָט ער פון זייערע אַלע חסרונות געמאַכט מעלות, זיינען זיי געבליבען צדיקים קדשים. אָי איז דאָך די קשיא אויף גאָט אַליין, ווי פאַלט איהם איין צו ליעב האָבען דוקא אַזעלכע לייטע? איז דער תירוץ: ערשטענס, ווייל גאָט איז געווען געצוואונגען (* צו שליסען מיט אברהם אַן איי־ביגען בונד, וועלכער זאָל גילטען פיר איהם מיט זיינע קינדער נאָך איהם אויף אייביג. אויף דיזען בונד האָט גאָט איהם גע־שוואָרען, אז ער מוז איהם האַלטען, און ער האָט אַלזאָ זיין שבועה ניט געקענט ברעכען. צווייטענס, האָט גאָט אין יענע צייטען טאַקי ניט געקענט געפינען קיינע בעסערע און גרעסערע צדיקים ווי זיי. און דענקט ניט, אז עשו איז געווען מעהר צדיק פון זיין ברודער יעקב, זיי זיינען געוויס ניט געווען איינער בעסער ווי דער אַנדערער, נור דער אונטערשיעד איז געווען דיזער: עשו איז גע־ווען א פּראָסטער גראָבער פּויער, האָט קיין איבערגעשפּיצטען שכל ניט געהאַט. און וואָס ער האָט גערעדט, דאָס האָט ער געמיינט. יעקב אָבער דאַגעגען איז געווען קלוג און כיטרא. ער האָט געהאַט

---

*) אַ'ן ערקלעהרונג פאַר וואָס גאָט איז געווען געצוואונגען, זעה קאַפּיטעל „גאָט פון אברהם".

— ווי מען זאָגט — א אידישע קאָפּ אויף זיך, דארום האָט ער עשו'ן טאַקי געקענט גאַנץ לייכט אָבנארען. עס איז דאָ א כלל אין דער וועלט, אז עס איז בעסער מיט א קלוגען צו פערלירען, איידער מיט א נאַר צו געווינען, און גאָט האָט וואהרשיינליך גע־וואוסט פון דיזען כלל, דארום האָט ער זיי ליעב געהאַט און האָט זיי געמאַכט פיר די צדיקים, טראָטץ דעם וואָס ער האָט גוט גע־וואוסט פון דעם גאַנצען שווינדעל מיט דער בכורה, וואָס יעקב האָט געמאַכט. עשו האָט אוועקגעגעבען זיין בכורה, אום צו רעטען זיין לעבען, האָט ער דען געהאַט אַן אַנדער ברירה, ווען זיין אייגענער ברודער, דער „צדיק" יעקב האָט איהם געצוואונגען דערצו? און וואָס גיט דער מענש ניט אוועק פיר זיין לעבען? פון דעסטוועגען שעהמט זיך גאָט ניט צו שרייבען אין דער תורה: ויבז עשו את הבכורה. עשו האָט פעראַכטעט די בכורה.

יעקב נאַרט אוים די ברכות.

יעקב האָט נאָך ניט יוצא געווען דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אויסגענאַרט ביי זיין ברודער די בכורה. ער האָט נאָך אָב־געטאָן א שפּיצעל זיין טאַטען מיט זיין ברודער צוזאמען. די תורה דערציילט אונז: „ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו, ורבקה אהבת את יעקב (תולדות כ"ה). יצחק האָט געליעבט עשו'ן, ווייל ער האָט איהם אימער געגעבען צו עסען פון זיין יאגד, און רבקה האָט געליעבט יעקב'ן. פאַר וואָס? געוועהנליך פאַר זיין פרומ־קייט.

„ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראת". (תולדות כ"ז). אַלס יצחק איז אַלט געוואָרען, זיינען זיי אויגען דונקעל געוואָרען און ער האָט ניט געקענט זעהן. פּראָסט גערעדט, ער איז בלינד געוואָרען. איין מאָל האָט ער צוגערופען זיין עלטערן זוהן עשו און האָט איהם געזאָגט בזה הלשון: איך בין שוין זעהר אַלט, איך וויים ניט דעם טאָג פון מיין טויט. אַלזאָ נעהם דיינע יאגד כלים,

געה ארויס אין פעלד און פאנג פון מיינט וועגען א ווילדעס טיהר, מאך צורעכט א געריכט, וועלכע איך ליעב, ברייננג עס מיר און איך וועל עס עסען, און איך וועל דיך בענשען בעפאר איך שטארב. עשו איז גלייך אוועקגעגאנגען אין פעלד, אום צו ברייננגען עטוואס פיר זיין פאטער. רבקה האט געהערט ווי יצחק האט גערעדט צו זיין זוהן עשו, איז זי גלייך געגאנגען צו איהר ליעבלינג יעקב און האט איהם דערציילט: אזוי און אזוי האב איך געהערט, דיין פאטער האט אבגערעדט מיט דיין ברודער עשו. נון, מיין זוהן, הער מיך אויס וואס איך וועל דיר זאגען: געה ברייננג מיר צוויי גוטע יונגע ציגען־בעקלעך, וועל איך צוריכטען א געריכט פיר דיין פאטער, ווי ער ליעבט, וועסטו דאס ברייננגען דיין פאטער און ער וועט דאס עסען, וועט ער דיך בענשען פיר זיין טויט. אבוואהל מיר קענען דאך שוין יעקב׳ן פון דעם מסחור מיט די בכורה, ווי ווייט זיינע מאראלישע פפליכטען האבען איהם געקענט אבהאל־טען פון בעטרוג, דאך האט ער זיך אבגעשטעלט ביי דעם ערשטען אויגענבליק. „ויאמר יעקב אל רבקה אמו, הן עשו אחי איש שער ואנכי איש חלק.“ (שם). זאגט יעקב צו זיין מוטער רבקה: זעה! מיין ברודער עשו איז דאך א האריגער מאן און איך בין א גלאַ־טער מאן. „אולי ימשני אבי והייתי בעיניו כמתעתע, והבאתי עלי קללה ולא ברכה.“ פיעלייכט וועט מיין פאטער מיך ארומ־טאפען, וועט ער מיך דאך דערקענען, וועט ער מיך דאך האלטען פיר א בעטריגער, וועל איך אויף זיך ברייננגען א פלוך און ניט קיין ברכה. ווי עס ווייזט אויס, איז אויף אזא געוואלדיגען בע־טרוג יעקב נאך ניט געווען פארבערייטעט. עס קען אויך מעגליך זיין, אז ער אליין וואלט זיך ניט געוואגט אונטערצונעמען אויס־צופיהרען אזא שווינדעל, ווען ער וואלט ניט געהאט אזא טהייערע געהילפע, ווי זיין מוטער רבקה, לב׳ן שוועסטער. זי, אזוי ווי זי האט זיך ערצויגען ביי איהר ברודער לבן, איז זי שוין געווען געניט אין דער מלאכה, „ותאמר לו אמו, עלי קללתך בני, אך שמע בקלי ולך קח לי.“ זאגט צו איהם זיין מוטער: דיין פלוך נעהם

איך אויף זיך, מיין זוהן, הער נור מיך, וואָס איך זאָג דיר און געה ברייננ מיר, וואָס איך הייס דיר. געוועהנליך האָט יעקב זיך שוין מעהר ניט געלאָזט בעטען און איז גלייך געגאַנגען און גע־בראַכט דער מוטער וואָס זי האָט בעדאַרפט; זי האָט דערפון גע־מאַכט א געשמאַקע געריכט, ווי דער אַלטער האָט ליעב געהאַט. פון די פעלכלעך, וואָס זי האָט אַראָבגעצויגען פון די בעקעלאַך, האָט זי געמאַכט האַנדשוה און האָט עס אָנגעצויגען אויף יעקב׳ס הענד און זיין האַלז האָט זי אויך בעדעקט מיט א פעלכעל, דערצו האָט זי נאָך אָנגעטאָן יעקב׳ן אין עשו׳ס יום טוב׳דיגע קליידער, האָט איהם דערלאַנגט דעם גוטען מאָהלצייט, ער זאָל דאָס אַוועק־טראָגען צום פאָטער. אַלס ער איז געקומען צו זיין פאָטער, פרעגט איהם דער פאָטער: ווער ביסטו, מיין זוהן? ויאמר יעקב אל אביו, אנכי עשו בכרך, עשיתי כאשר דברת אלי, קום נא שבה ואכלה מצידי בעבור תברכני נפשך.“ זאָגט יעקב צו זיין פאָטער: איך בין דיין ערסטגעבאָרענער זוהן עשו, איך האָב געטאָן ווי דו האָסט מיר געזאָגט; שטעה אויף, זעץ דיך און עס פון מיין ווילדעס וואָס איך האָב געפאַנגען, אום דו זאָלסט מיך בענשען. „ויאמר יצחק אל בנו, מה זה מהרת למצא בני? ויאמר כי הקרה יהוה אלהיך לפני.“ זאָגט יצחק צו זיין זוהן, ווי אזוי האָסטו דאָס אַזוי שנעל געפונען, מיין זוהן? זאָגט ער: יהוה — דיין גאָט האָט עס מיר צוגעשיקט. יצחק האָט עס אָבער ניט געגלויבט. „ויאמר יצחק אל יעקב, גשה־נא ואמשך בני, האתה זה בני עשיו אם לא? זאָגט יצחק צו יעקב: קום נור צו נעהנטער צו מיר, מיין זוהן, און איך וועל דיר אַרומטאַפּען, אויב דו ביזט עס מיין זוהן עשו אָדער ניט. יעקב האָט זיך דאָ א ביסעל דערשראָקען, וואָס וועט זיין, אז זיין פאָטער וועט בלינדערהייט ארייטשטעקען זיין האַנד טיעפער פון די פעלכעל, וואָס אויף זיין האַלז, וועט ער דאָך געפי־נען זיין גלאַטע הויט. יעקב איז באַלד געפאַלען אויף א פּלאַן. „ויגש יעקב אל יצחק אביו, וימשהו. ויאמר: הקול קול יעקב והידים ידי עשו.“ איז יעקב צוגעטראָטען צו זיין פאָטער און

האָט איהם ארומגעטאַפּט מיט זיינע הענד. זאָגט יצחק: די שטימע איז יעקב׳ס, די הענד אָבער זיינען עשו׳ס. דערפאַר האָט ער איהם ניט דערקענט, ווייל זיינע הענד זיינען געווען האָאריג ווי עשו׳ס הענד. ער האָט איהם נאָך אַ מאָל געפרעגט, אויב ער איז דאָס טאַקי זיין זוהן עשו, און יעקב האָט איהם ווידער געזאָגט דעם זעלבען ליעגען, אז ער איז דאָס טאַקי. דאן האָט ער איהם געהייסען דערלאַנגען די אכילה. יעקב האָט איהם נאָך געבראַכט וויין. יצחק האָט געגעסען און געטרונקען און האָט איהם אָנגע־בענשט אַ פולע קאָפּ. ווען דיזע ברכות וואָלטען נור איין צעהנ־טעל מקוים געוואָרען, וואָלטען מיר — זיינע קינדער — אויך גוט אָב געווען. ליידער אָבער, אַזוי ווי די ברכות זיינען געווען אויס־גענאַרט דורך ליגען און בעטרוג, זיינען אַלע ברכות פערקרט געוואָרען צו קללות און פון די ברכות געניסען עשו׳ס קינדער.

אַלס יצחק האָט געענדיגט זיינע ברכות און יעקב איז נור וואָס אוועקגעאַנגען פון זיין פאָטער, איז עשו אָנגעקומען פון זיין יאגד, האָט ער אויך באַלד צורעכט געמאַכט אַ געשמאַקע געריכט און געבראַכט צו זיין פאָטער. ער האָט איהם אויך געבעטען ער זאָל עסען פון זיין יאגד אום ער זאָל איהם בענשען. ויאמר לו יצחק אביו, מי אתה? ויאמר אני בנך בכרך עשו (תולדות כ״ז). זאָגט צו איהם זיין פאטער יצחק: ווער ביזטו דען? ענטפערט ער: איך בין דיין ערסטגעבאָרענער זוהן עשו. יצחק איז פערציטערט געוואָרען און זאָגט מיט גרויס שרעק: טאָ ווער איז דען יענער אַלזאָ, וואָס האָט מיר נור וואָס געבראַכט פון זיין געיעג? איך האָב עס אויך געגעסען, און האָב איהם געבענשט! אַלס עשו האָט דערהערט זיין פאָטער׳ס ווערטער, האָט ער זיך צוראָוועט, ווי אַן אָקס, ער האָט ביטער געוויינט און געשריען: בענש מיר אויך, טאַטע. יצחק איז איצט שוין געקומען צום פערשטאַנד, וואָס דאָ איז גע־שעהן. „ויאמר בא אחיך במרמה ויקח ברכתך.״ זאָגט יצחק: דיין ברודער איז געקומען מיט בעטרוג און האָט צוגענומען דיינע ברכות. „ויאמר: הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמים, את

בכרתי לקח והנה עתה לקח ברכתי.״ זאָגט עשיו : האָט ער מיך דאָס דערפאר צוויי מאָל בעטראָגען, ווייל זיין נאָמען איז יעקב (בעטריגער?) מיין ערסטגעבורט האָט ער צוגענומען און איצט האָט ער אויך צוגענומען מיינע ברכות. עשו האָט אָבער ניט אָב־געטראָטען פון זיין פאָטער. ער האָט געבעטען, גע׳טענה׳ט און געוויינט, ביז דער פאָטער האָט איהם אויך געבענשט. עס פער־שטעהט זיך מיט ברכות, וואָס דעם אַלטען איז פון נאָז אראָב־געפאַלען. עשו איז דערפון זעהר אויפגעבראכט געוואָרען אויף זיין ברודער יעקב. ער האָט קיינע סקאַנדאַלען ניט געוואָלט מאַכען ביי זיין פאָטער׳ס לעבען. ער האָט אָבער פעסט בעשלאָסען ביי זיך, אז נאָך זיין פאָטער׳ס טויט זאָל ער זיך מיט איהם אָברעכע־נען גאָר אויף א פראָסטען אופן, ד. ה. פשוט איהם הרג׳ענען.

בעטראכטענדיג דיזע ערצעהלונג, קען מען ביי דעם ערשטען אויגענבליק זיך אַ טראכט טאָן : ווי פּאַסט עס פיר דעם העכסטען גאָט יהוה, ער זאָל שרייבען אזא דומע, לעכערליכע מעשה אין דער תורה, אויף וועלכע מען זאָגט, דאָס זי איז מחכימת פתי, מאַכט קלוג א נאר? ווייס דען גאָט ניט, אז ברכות אָדער קללות פון א מענשען זיינען גאָר ניט ווערטה? דען ווען א ברכה אָדער א קללה זאָל קענען האָבען א ווירקונג, הייסט עס דאָך, אז א מענש קען האָבען א ווירקונג אויף גאָט ער זאָל נאָכגעבען זיין פערלאַנג, טאָ וואָס פאר א גאָט איז דאָס? למשל : לאָמיר אָננעהמען, אז גאָט האָט ליעב געהאַט עשו׳ן, אזוי ווי יצחק האָט איהם ליעב געהאַט. זעלבסטפערשטענדליך, וועט גאָט אַלעס גוטעס געבען גי־כער זיין ליעבלינג אַלס אַנאַנדערען. קומט יעקב און נאַרט אויס אַל־דאָס־גוטס, ניט פון גאָט, נור פון זיין טאַטען, און דערמיט בלייבט עשו אויסגעשטעלט. וואָס איז? אַלעס גוטעס, וואָס גאָט האָט אָנגעגרייט פיר זיין ליעבלינג עשיו, איז יעקב געקומען און האָט עס דורך שווינדעל צוגענומען ביי זיין פאָטער יצחק, און פאר עשו איז גאָר ניט געבליבען. אויף דעם אופן קומט אויס, אז ניט גאָט האָט געהאַט די דעה אויף אַלעס גוטעס, נור יצחק איז געווען

דער גאנצער בעל דעה און ער האט געפיהרט גאָט פאר דער נאָז. קען דאָס מעגליך זיין? נאָך מיין מיינונג, איז דאָס גאָר קיין וואונ־דער ניט. מען דארף ניט פערגעסען, אז אין דער צייט, ווען גאָט האָט געגעבען די אידען די תורה, זיינען די מענשען נאָך געשטאַ־נען אין זייערע קינדער־יאָהרען. די אידען וואָס האָבען דאן אָנ־גענומען די תורה, האָבען זיך געציילט ס״ה ששים רבוא, ד. ה. זעקס מאָל הונדרט טויזענד קליינע קינדער, וואָס פערשטעהן נאָך ניט אזעלכע פראגעס צו שטעלען. פיר דיזע קינדער האט גאָט געגעבען א תורה נאָך זייער קינדערשען שכל. אָבער וואָס עס דארף אונז יא וואונדערן איז אויף די מענשען פון אונזער צייט. יעצט זיינען די מענשען שוין לאנג ארוים פון די קינדער יאָהרען און האָבען זיך ענטוויקעלט צו פאָלקאָמענע מענשען מיט געזונדען מענשען פערשטאנד. צום סוף געפינען זיך ביז היינטיגען טאָג ניט נור צוויי נארישע קינדער, ווי יעקב און עשו, וואָס גלויבען אין א מענשענס ברכה, נור אלע אין רוסלאנד, פוילען, גאליציע, רומעניען און אנדערע לענדער גלויבען אין זייער רבי׳ס ברכות, און האָבען קיין פערשטאנד צו פרעגען: ווי קען עס מעגליך זיין, אז דער רבי זאָל הערשען איבער גאָט? און אויב יא, טאָ וואָס פאר א גאָט איז דאָס? אלעס געהט אראָב ביי זיי גלאַט. גאָט איז טאַקי א גאָט מיט אלע קליפערלעך, ווי א גאָט דארף טאַקי זיין. ער איז דער אלווויסענדער, אלמעכטיגער, תקיף ובעל יכולת כולם. זיין ווילען קען קיינער ניט ענדערען, אָהן זיין ווילען שלאָגט זיך א מענש א פינגער ניט אָב, ער מאַכט דעם מענשען רייך און ער מאַכט איהם ארעם; ער מאַכט איהם קראנק און מאַכט איהם גע־זונד. אלעס מיט זיין אייגענעם ווילען, און דאָך גלויבען די זעל־בע קינדער, אז הקב״ה גוזר גזרה והצדיק מבטלה", גאָט ניט ארויס א דעקרעט און דער צדיק צושטערט איהר. טאָ וואו איז די גבורה פון דעם אלמעכטיגען? וואו איז דער ווילען פון דעם גרויסען תקיף? דאָס איז ניט נור צו בעוואונדערען, דאָס איז צו בעדויערען און צו בעטרויערען, אז אין אזא ליכטיגע צייט

זאָלען זיך נאָך געפינען אזא מאַסע דומקעפּף, אזעלכע פינסטערע מחות; און ניט נור ביי אידען אליין איז די מאַסע אזוי דום, מען געפינט זיי אויך אין די גרעסטע מאַסען ביי אלע ציוויליזירטע און אויפגעקלערטע פעלקער.

רבקה הייסט איהר זוהן יעקב ער זאָל ענטלויפען.

נון, לאָמיר זיך צוריק קעהרען צו אונזער עניז. מען האָט רבקה'ן דערצעהלט, ווי עשו דענקט זיך אָבצורעכענען מיט יעקב'ן נאָך'ן פאָטער'ס טויט, האָט זי גלייך געשיקט רופען איהר זוהן יעקב און האָט איהם פערטרויט דעם סוד. זי האָט איהם געגעבען אַן עצה, אז ער זאָל ענטלויפען אויף א געוויסע צייט, ביז זיינע מעשים וועלען פערגעסען ווערען, און זיין ברודער וועט אָבגעהן דער כעס, דאַן וועט זי שיקען נאָך איהם איהם אָבצונעהמען פון דאָרט. ענטלויפען האָט זי איהם געהייסען טאַקי צו איהר ברודער לבן. אָבוואָהל זי האָט גוט געקענט איהר ברודער, וואָס פאר א געפהרליכער שווינדלער ער איז, האָט זי דאָך ניט מורא געהאַט צו שיקען דאָרט איהר זוהן, ווייל זי האָט גוט געוואוסט, אז אין שווינדעל און בעטרוג האָט איהר זוהן איבערגעשטיגען איהר ברודער. געוועהנליך, האָט יעקב געפאָלגט דער מאַמען. מען דאַרף דאָך אָבער האָבען, אז דער פאָטער זאָל אויך מסכים זיין דערצו, און דערצעהלען איהם א מעשה, אז יעקב מוז ענטלויפען פיר זיין ברודער, פאַסט עפּעס ניט, האָט זי זיך מישב געווען, אז מען דאַרף ווייעדער אָבנאַרען דעם אלטען. איז זי געקומען צו יצחק'ן און זאָגט איהם אזוי: „קצתי בחיי מפני בנות חת אם לקח יעקב אשה מבנות חת כאלה מבנות הארץ, למה לי חיים?“ מיין לעבען איז מיר שוין פעראומערט געוואָרען פון חת' טעכטער (דאָס זיינען עשו'ס פרויען), אויב יעקב זאָל נאָך הייראַטהען א פרוי פון חת טעכטער ווי דיזע, טאָ וואָס טויג מיר שוין גאָר מיין לעבען? יצחק האָט גערופען זיין זוהן יעקב און האָט איהם געבענשט און פערזאָגט: זאָלסט ניט הייראַטען קיין פרוי פון די לאַנדס־טעכטער פון כנען, געה אין פדן ארם און זאָלסט הייראַטען דיין אָנקעל

לבן'ס א טאָכטער. יעקב האָט כלמר'שט געפאָלגט זיין פאָטער און איז אוועקגעגאַנגען נאָך פדן ארם.

„ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה." יעקב איז ארויסגעגאַנגען פון באר שבע נאָך חרן. ווען דיא זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף איין אָרט, וואו ער איז געשלאָפען אויף אַ שטיין צוקאָפּענס. „ויחלם והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלהים עלים וירדים בו." דאָרט האָט ער גע'חלם'ט: אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד, זיין שפּיץ גרייכט אין הימעל און אלהים'ס מלאכים געהען ארויף און אראָב אויף איהם. „והנה יהוה נצב עליו ויאמר: אני יהוה אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק. הארץ אשר אתה שכב עליה לך אתננה ולזרעך." און יהוה שטעהט גאָר אויבען און זאָגט: איך בין יהוה, דער גאָט פון דיין פאָטער אברהם און דער גאָט פון יצחק, דאָס לאַנד, אויף וועלכע דו ליגסט, וועל איך עס אוועקגעבען דיר און דיינע קינדער. „והיה זרעך כעפר הארץ, ופרצת ימה וקדמה וצפנה ונגבה, ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך." דיינע קינדער זאָלען זיין, ווי דער שטויב פון דער ערד, דו זאָלסט דיך אויסברייטען וועסט און אָסט, נאָרד און זיד, זאָ דאָס אלע געשלעכטער פון דער ערד וועלען זיך בענשען מיט דיר און מיט דיינע קינדער. „והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך, והשבתיך אל האדמה הזאת, כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך." איך בין מיט דיר, איך וועל דיך היטען איבעראַל, וואו דו וועסט נור נעהן. איך וועל דיך צוריק ברייננגען אין דיזעם לאַנד, דען איך וועל דיך ניט פערלאָזען, ביז איך וועל ניט האָבען געטאָן אלעס, וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט.

דאָ זעהען מיר גאַנץ קלאָר דעם כאַראַקטער פון יעקב'ס גאָט, אז נאָך דעם, ווי יעקב איז בעגאַנגען צוויי גרויסע פערברעכענס (בעשווינדעלט דעם טאַטען, אָבגענאַרט דעם טאַטען און זאָגאַר זיך אליין), איבער וועלכע דער פערברעכער ענטלויפט, קומט יהוה

אַליין מיט אַ גאַנצע מחנה מלאכים איהם ענטקעגען און זאָגט איהם צו, אז ער וועט איהם היטען און וועט איהם ניט פערלאָזען, ביז ער וועט ערפילען אַלע זיינע פערשפּרעכונגען, וואָס ער האָט איהם אַליין צוגעזאָגט, ניט וועגען זיין פאָטער און אויך ניט וועגען זיין זיידען אברהם, ווי ער פלעגט זאָגען יצחק'ן. אזא גאָט קען בשום אופן ניט שטימען מיט דעם גאָט פון די עקרים, ווייל דער גאָט פון די עיקרים איז א יודע כל מעשה בני אדם וכל מחשבותם, ד"ה, ער ווייס אַלע געדאַנקען פון די מענשען, צו זיין וויסען איז ניטאָ קיין אָנפאַנג און קיין ענדע. ווען יעקב'ס גאָט וואָלט געווען אזעלכער, וואָלט ער דאָך געוויס געוואוסט פון פריהער נאָך, אז יעקב וועט אויסנאַרען די בכורה פון זיין ברודער עשו, ער וואָלט דאָס געוויס פערהיט, ער וואָלט געמאַכט, אז יעקב זאָל געבאָרען ווערען דער ערשטער, און אַלעס וואָלט רעכט געווען. דיזער גאָט האָט עס אבער פריהער ניט געוואוסט, אָדער ער האָט אפשר זאָגאר ניט געוואוסט אין גאַנצען, ווער עס וועט געבאָרען ווערען פריהער, יעקב צו עשו. דארום איז ער טאַקי זעהר צופריעדען געווען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס יעקב האָט אויסגענאַרט פון עשו די בכרה, ווייל ער האָט אויך געוואָלט, אז יעקב זאָל בעסער זיין דער בכור. דארום איז ער טאַקי געקומען איהם מקבל פנים זיין מיט אַ מחנה מלאכים פון גרויס שמחה און צופריעדענהייט, וואָס יעקב איז אַזאַ כוואַט. דיזער גאָט שטימט אַלזאָ געוויס ניט מיט דעם גאָט פון די עיקרים.

„וייקץ יעקב משנתו ויאמר: אכן יש יהוה במקום הזה, ואנכי לא ידעתי.“ אַלס יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, זאָגט ער: געוויס איז יהוה דאָ אין דיזען אָרט און איך האָב דאָס גאָר ניט געוואוסט. ווי מיר ווייסען, איז דאָס געווען יעקב'ס ערשטע געטליכע ערשיינונג, ער איז נאָך ביז איצט מיט קיין גאָט ניט בעקאַנט געווען, איז דאָס פאַר איהם געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. „ויירא ויאמר: מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים.“ ער האָט זיך זעהר דער-

שראָקען און האָט געזאָגט: ווי פורכטבאר איז דיזעס אָרט! ניט אנדערש, אז דאָ איז גאָטעס הויז, און דאָ איז דער טויער פון הי־מעל (דורך וועלכען גאָט געהט אראָב אויף דער ערד). יעקב איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, האָט גענומען דעם שטיין פון צוקאָ־פּענס און האָט איהם געמאַכט פאר א מצבה און האָט אויף איהם געגאָסען אויל. (דאמאָלט האָבען די מענשען אזוי געדיענט זיי־ערע געטער). ער האָט א נאָמען געגעבען דיזען אָרט „בית־אל“.

דאכט זיך, אז יעקב איז גאָר ענטציקט געוואָרען פון דיזער ערשיינונג, עס איז איהם אזש בעפאַלען א שרעקענים, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז דאָ איז דער טויער פון הימעל, דורך וועלכען יהוה איז צו איהם געקומען און האָט איהם געמאַכט אזוי פיעל פערשפּרעכונגען; ער האָט איהם אויך געשטעלט א מצבה און בעגאָסען מיט אויל. עס איז אָבער נור אריבער זיין ערשטער שרעק, האָט ער זיך גאָר אנדערש בעזאָנען. ער האָט באַלד אָנגע־פאנגען צו צווייפלען אין די פערשפּרעכונגען פון א גאָט, אויב מען קען איהם טרויען, דערפאר „וידר יעקב נדר לאמר: אם יהיה אלהים עמדי ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך, ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבוש ושבתי בשלום אל בית אבי, והיה יהוה לי לאלהים“. האָט יעקב געטאָן א נדר ווי פאָלגט: אויב גאָט וועט זיין מיט מיר און וועט מיך היטען אויף דיזען וועג וועלכען איך געה (ווי ער האָט איהם פערשפּראָכען), אויב ער וועט מיר געבען שפּייז צו צו עסען, קליידער זיך צו בעקליידען, און אויב איך וועל צוריק קומען גליקליך אין מיין פאטערס הויז (ווי ער האָט מיר פעשפּראָ־כען דאָן) וועט יהוה זיין מיין גאָט. (אבער אזוי, אויף זיין וואָרט גלויב איך איהם ניט און דארף איהם ניט פאר קיין גאָט.) נאָך דעם וועגדעט ער זיך צו גאָט אליין און זאָגט איהם: אז אויסער דעם, וואָס ער וועט איהם האַלטען פאר זיין גאָט, וועט ער נאָך עפּעס טהאָן פאר איהם „והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלהים, וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך“. דיזער שטיין, וועלכען איך האָב געמאַכט א מצבה, וועט זיין גאָטעס הויז און אלעס וואָס

דו וועסט מיר געבען, וועל איך דיר אָבגעבען אַ צעהנטטהייל. אַט אַזוי האָט יעקב געהאַנדעלט מיט זיין גאָט „יהוה“. אַזוי האָט ער איהם געגלויבט, געטרויט און געדיענט.

יעקב קומט צו זיין פעטער לבן און פערליעבט זיך אין זיין טאָכטער.

יעקב האָט פאָרטגעזעצט זיין רייזע, ביז ער איז געקומען צו זיין אָנקעל לבן. ביי זיין ערשטען אריינטריט האָט ער זיך שוין פערליעבט אין לבן׳ס אינגערע טאָכטער רחל, ווייל דיא עלטערע לאה איז געווען אַ שטיק צרה מיט קראַנקע אויגען. אלס יעקב איז שוין אָבגעזעסען ביי איהם אַ גאַנצען מאָנאַט, (געוועהנליך איז ער ליידיג ביי איהם ניט געזעסען, אַזוי ווי זיין ארבייט איז געווען פון קינדערווייז אויף פיה־צוכט, האָט ער ביי לבן„ען דעם גאַנ־צען מאָנאַט געפיטערט שאָף.) האָט לבן געזאָגט צו איהם : צי דען ווייל דו ביזט מיינער אַ פריינד דאַרפסטו אַרבייטען ביי מיר אומ־זיסט ? זאָג מיר, וואָס זאָל זיין דיין לוין ? זאָגט יעקב : איך וועל דיר דיענען זיעבען יאהר פאַר דיין אינגערע טאָכטער רחל. לבן האָט דאַרויף גלייך איינגעשטימט און יעקב האָט אָבגעדיענט זיינע זיעבען יאהר. לבן האָט דאַן געמאַכט אַ שעהנע חתונה, נאָר אויף מאָרגען האָט יעקב אויסגעפונען, אַז לבן האָט איהם גאָר חתונה געמאַכט מיט לאה׳ן. זאָגט ער צו לבן : סטייטש, וואָס האָסטו מיך אָבגענאַרט ? איך האָב דאָך דיר געדיענט פאַר רחל ! זאָגט לבן : ביי אונז פיהרט מען זיך ניט אַזוי, אויסצוגעבען דיא אינגערע בעפאָר דיא עלטערע, איך האָב אַנדערש גאָר ניט געקענט האַנדלען; נאָר אויב דו ווילסט האָבען רחל׳ען, וועל איך זי דיר געבען, ווען דו וועסט מיר דיענען אַנדערע זיעבען יאהר. יעקב איז צו־פריעדען געווען דערמיט, און דער מסחר איז געשלאָסען געוואָרען. פאַר 14 יאָהר דיענען האָט ער געקראָגען ביי לבן׳ען זיינע צוויי טעכטער און צוויי דיענסטען, וועלכע זיינען שפּעטער אויך גע־

װאָרען זיינע װייבער, און אַלע האָבען איהם געבאָרען קינדער. װען דיא 14 יאהר דיענסט האָבען זיך געענדיגט, איז יעקב שוין געװעזען אַ פאטער פון צװעלף קינדער. זיין געליעבטע רחל האָט איהם דאַן געבאָרען איהר ערשטען זוהן יוסף.

זאָגט יעקב צו לבן: לאָז מיך אװעק, װעל איך שוין געהן אין מיין לאַנד, גיב מיר מיינע װייבער און קינדער, פאַר װעלכע איך האָב געדיענט און איך װעל אװעקגעהן; דו װייסט אַליין, װיא איך האָב דיר געדיענט. מען מוז צוגעבען, אַז יעקב איז געװעזען אַ גוטער פראַקטישער פיה־ציכטער, און זיין פיהצוכט אין דיא פיערצעהן יאהר האָט לבן'ען געװיס זעהר פיעל איינגעבראַכט. עס איז אַלזאָ גאָר קיין װאונדער ניט, װאָס לבן האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך ביי איהם אָבשטעלען און ער װעט איהם צאָהלען פאַר זיין אַרבייט. „ויאמר: נקבה שכרך עלי ואתנה". זאָגט לבן: בעשטים נור מיר דיין לוין װעל איך דיר געבען. דאָ האָט יעקב איהם ערקלערט און איבערצייגט װאָס'ערע גרויסע נוצען ער האָט איהם געבראַכט מיט זיין אַרבייט, װי װעהניג פיה לבן האָט געהאַט ביי זיין אָנקומען און װיא אונגעהויער פיעל ער האָט איצט. דאָס איז אַלעס נור אַ דאַנק זיין אַרבייט, און איצט װיל ער שוין עפּעס טאָן פאַר זיין אייגען הויז.

יעקב'ס נייער שװינדעל.

זאָגט לבן צו איהם: נו זאָג מיר דאָך, װאָס פערלאַנגסטו? יעקב האָט אָבער גוט געװאוסט, אַז מיט אַ בעשטימטען לוין קען ער װעניג װאָס מאַכען, ער האָט שוין געהאַט אויסגעאַרבייט ביי זיך אין קאָפּ אַ פּלאַן, אַז ביי איהם זאָל אין גאַנצען בלייבען, און לבן זאָל דערפון האָבען קדחת. יעקב האָט איהם דאַרום געענטפערט: דו דאַרפסט מיר גאָר ניט געבען קיין בעשטימטען לוין, איך װעל אַרבייטען ביי דיר אויף קאָמיסיאָן, אויף אַזאַ אופן: איך װעל היינט אויסקלייבען דיינע אַלע פיה: יעדע שאָף אָדער ציעג, װעלכע זיינען מיט פלעקען אָדער געפּינטעלט, דיזע אַלע זאָלסטו צונעהמען,

ביי מיר ווע̇לען יעצט נור בלייבען דיא ניט־געפ̇לעקטע אָדער געפינ־טעלטע. דארפען דאָך כמעט אַלע געבאָרען ווערען מיט איין און דעם זעלבען קאָליער אָהן פלעקען און אָהן פינטלאַך, זעלטען אבער קען טרעפען, אַז עס זאָל געבאָרען ווערען א געפלעקטע אָדער גע־פינטעלטע, פערלאנג איך, אז דיזע זאָל זיין מיין לוין, און וועלכע דו וועסט געפינען ביי מיר ניט־געפלעקט אָדער געפינטעלט, וועט עס הייסען, אז איך האָב עס גע׳גנב׳עט. לבן האָט זיך דערפרעהט מיט יעקב׳ס פאָרשלאג און האָט עס גלייך אָנגענומען. ער האָט גערענקט, אז יעקב נאַררט זיך דאָ אָב אין גאנצען. ער האָט אבער געהאַט אַ טעות. יעקב האָט גענומען שטעקלאַך פון דריי פערשיעדענע האָלץ־קאָליערען און האָט אויסגעשיילט אין זיי ווייסע שטרייפען, דיזע שטעקלאַך האָט ער אָנגעשטעלט אויף די קאָררי־טעס, וואָס מען טרינקט אָן דיא פיה, ווען די שעפסען און ציעגען האָבען אָנגעפאנגען צו לויפען, פלעגט ער זיי טרייבען צו די קאָררי־טעס, דאָרט פלעגען זיי קומען שטאַרק צוהיצט געגען דיא גע־שטרייפטע שטעקלאַך און דאָס האָט געווירקט אויף זיי, אַז זיי זאָלען געבאָרען דורכאויס נור געפלעקטע, געפינטעלטע און ווייס־געשפריינגטע. נור פאר דיא לעצטע שוואַכע, וועלכע פלעגען שפעט לויפען, האָט ער דיא שטעקלאך ניט געשטעלט, האָבען דיזע געבאָרען אָהן פלעקען און אָהן שפריינקלעך. דערפון איז ארויס־געקומען, אז פאַר יעקב׳ן איז געבליבען דיא מעהרסטע, שטאַרק־סטע און געזונדסטע געבאָרענע שאף, און פאר לבן׳ען איז געבליבען אַ קליינע צאָהל שוואַכע. אז לבן האָט דאָס דערזעהן, איז איהם דאָס גאָר ניט געפעלען געוואָרען, געוועהנליך האָט ער אָנגעפאנגען צו דרעהען, יעדען מאָל האָט ער געמאַכט מיט איהם א׳ן אנדער בעדינגונג, אבער וואָס העלפט דאָס : דרעה היינט, דרעה מאָרגען, יעקב איז געווען קלינער פון לבן׳ען און האָט געוואוסט וויא זיך א׳ן עצה צו געבען. זיי האָבען זיך אַזוי אבגעדרעהט זעקס יאהר און אין דער קורצער צייט איז יעקב זעהר, זעהר רייך געוואָרען. ער האָט זיך אנגעשאַפט פון אל־דאָס־גוטס.

דאָ האָבען שוין לבן'ס קינדער אָנגעפאַנגען שטאַרק צו מורמ־לען. זיי האָבען גאָר פשוט געזאָגט, אז יעקב האָט בדלות געשטעלט זייער פאַטער, און ער איז פון זייער פאַטערס פערמעגען אזוי רייך געוואָרען. זיי האָבען דאָס געזאָגט אזוי אָפען, אז יעקב האָט עס געהערט. דאן האָט ער שוין איינגעזעהען, אז לבן אַליין איז עפּעס אויך שטאַרק אונצופריעדען מיט איהם.

יעקב'ס פּלאַן וויא צו אַנטלויפען פון לבן.

אין דיא גאַנצע צוואַנציג יאהר וואָס יעקב איז געווען ביי לבן, איז קיין גאָט ניט ערשיענען צו איהם, ער וויעדער האָט קיין מזבח און קיין מצבה פאר גאָט אויך ניט געשטעלט. נאָך דעם אבער, וויא ער האָט לבן'ען שוין אָבגעשווינדעלט און איז דערפון רייך געוואָרען, איז שוין גאָט געקומען צו איהם. „ויאמר יהוה אל יעקב: שוב אל ארץ אבותיך ולמולדתך ואהיה עמך". (ויצא ל"א.) און יהוה זאָגט צו יעקב : געה צוריק אין דיין פאַטערלאַנד און אין דיין גע־בורטס־אָרט, איך וועל זיין מיט דיר. דאכט זיך, אויף וועמען קען מען זיך נאָך אזוי פערלאָזען, וויא אויף דעם גרויסען גאָט יהוה ? מיר, דאכט, אז ווען מיר וואָלט גאָט געזאָגט : „געה, איך וועל זיין מיט דיר", וואָלט איך געגאַנגען אין פייער און אין וואסער,, איך וואָלט קיין מורא ניט האָבען אפילו פאר דעם צאַר'ס רעגיערונג אינפעטערסבורג. יעקב אבער האָט גאָט ניט געטרויט, ער האָט מורא געהאַט זיך צו פערלאָזען אויף איהם און האָט בעשלאָסען זיך אָבצוגנב'ענען פון לבן און ענטלויפען. דערצו האָט ער אבער געמוזט האָבען דיא צושטימונג פון דיא ווייבער. ווער ווייס, צי זיי וועלען מסכים זיין צו אזא זאך ? וואָס טהוט יעקב, ער האָט געלאָזט פעררופען זיינע ווייבער, רחל און לאה, צו זיך אין פעלד ; פריהער האָט ער אויסגערעדט פאר זיי זיין גאנצע הארץ, וויא פיעל מאָל זייער פאטער האָט איהם געוואָלט בעשווינדלען, נור גאָט האָט איהם ניט געלאָזען, גאָט אַליין האָט אָבגעזונדערט זייער פאַטערס

פיה און האָט עס איהם געגעבען, און דאָס האָט ער אַליין געזעהן מיט זיינע אויגען. „ויהי בעת יחם הצאן, ואשא עיני וארא בחלום, והנה העתדים העלים על הצאן, עקדים נקדים וברודים". דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דאָס קליין־פיה צוהיצט זיך, הויב איך אויף מיינע אויגען און זעה אין חלום, אז אַלע בעק און באַראַנעס, וועלכע לויפען זיך מיט דאָס קליין־פיה, זיינען פלעקיג, געפינטעלט און ווייס־געשפּרינקעלט. אלהים׳ס א מלאך האָט מיך אויך אויפ־מערקזאַם געמאַכט דאַרויף, איך זאָל עס זעהן, און האָט מיר גע־זאָגט, אז ער האָט געזעהן אַלעס, וואָס לבן טהוט מיר. ער האָט מיר אויך געזאָגט: איך בין דער גאָט פון בית אל, געה ארויס פון דיזער לאַנד און קעהר צוריק אין דיין פאַטערלאַנד.

וויא געפעלט אייך דיא ליגענס, וואָס יעקב האָט אָנדערצעהלט פאַר זיינע ווייבער? דיא תורה אליין דערצעהלט אונז א מעשה מיט אָבגעשיילטע שטעקלאַך, און ער דערצעהלט נאָר פאַר זיינע ווייבער, אז מלאכים זיינען געקומען אין דעם געשטאַלט פון בעק און באַראַנעס, וואָס זיינען געלאָפען מיט דאָס קליין־פיה. ווען דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלט דאָך דיא תורה ניט געשעהמט זיך צו דערצעהלען, און אויסער דעם, צו וואָס וואָלט ער דאַן דאַרפען דיא המצאה פון דיא שטעקלאַך? דערפון זעהט מען גאַנץ קלאָר, אז יעקב האָט אויסגעטראַכט דיזע ליגענס אום צו בעאיינפלוסען זיינע ווייבער, אז זיי זאָלען איינשטימען מיט איהם צו אנט־לויפען. און ער האָט טאַקי אויסגעפיהרט. זיינע ווייבער האָבען גלייך איינגעשטימט דערצו און האָבען איהם געזאָגט: טהו אַלעס, וואָס גאָט הייסט דיר. יעקב האָט אָבגעוואַרט, ווען לבן איז אוועק שערען דיא שעפּסען, האָט ער פערנומען זיינע ווייבער און קינדער מיט זיין גאַנץ גרויסען פערמעגען, דערצו האָט נאָך רחל צוגע־גנב׳עט איהר טאַטענס געטער, און זיי אַלע האָבען אָבגעצויגען פון פדן ארם נאָכ׳ן לאַנד כנען.

לבן האָט זיך נאַטירליך דערוואוסט אין א פּאָר טעג שפּעטער, אז יעקב איז אַנטלאָפען, האָט ער איהם נאָכגעיאָגט און האָט איהם

אויף געכאַפּט, זיי האָבען זיך געקריעגט, דורכגערעדט. לבן האָט איבערהויפּט געזוכט זיינע געטער, נאָר ־חל האָט זיי גוט בעהאַלטען און ער האָט זיי צוריק ניט געקראָגען. צום סוף זיינען זיי געוואָרען גוטע פריינד און האָבען געשוואָרען איינער דעם אנדערען, אז זיי זאָלען זיך קיין בייז ניט טאָן. דאן האָט יעקב פעראנשטאַלטעט אַ באַנקעט פאַר לבן'ען מיט זיינע פריינד און זיי האָבען דאָרט אַלע גענעכטיגט. לבן איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און האָט זיך געזעגענט מיט זיינע קינדער און איז צוריקגעגאַנגען צו הויז.

„ויעקב הלך לדרכו, ויפגעו בו מלאכי אלהים", יעקב איז גע־גאַנגען זיין וועג ווייטער, דאן האָבען איהם בעגעגענט אלהים'ס מלאכים. „ויאמר יעקב כאשר ראם, מחנה אלהים זה, ויקרא שם המקום ההוא מחנים". אלס יעקב האָט זיי דערזעהען, האָט ער געזאָגט: דאָס איז אלהים'ס לאַגער, האָט ער אַ נאָמען געגעבען דיזען אָרט מחנים, צוויי לאַגער, ד. ה., איינער איז זיין לאַגער און דער אנדערער לאַגער איז פון דיא מלאכים.

יעקב האָט מורא פאַר עשו.

קען אַ מענש נאָך מעהר פערלאַנגען פון זיינע געטער וויא דאָס, וואָס זיי האָבען געטאָן פאַר אונזער פאָטער יעקב? קען אַ מענש זיך פיהלען זיכערער אין זיין לעבען, און פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען, וויא יעקב האָט געדאַרפט זיך פיהלען? פאַר זיין אַנטלויפען פון לבן, האָט יהוה איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט זיין מיט איהם, איצט האָט אלהים אראָבגעשיקט צו איהם אַ גאַנצע מחנה מלאכים, איהם צו היטען און שיצען, צום סוף וואָס זעהען מיר? יעקב ציטערט וויא אַ בלאַט פאַר זיין ברודער עשו, בויגט זיך און בוקט זיך פאַר איהם, וויא דער אָרעמסטער אידישער אַרענדאַר אָדער קאַראַבעלניק פאַר אַ פּוילישען פריץ, אין דער צייט פון פּוילישע הערשאַפט. איז דאָס ניט זאָנדערבאַר?

„וישלח יעקב מלאכים לפניו, אל עשו אחיו וכו'". יעקב

האָט ארויסגעשיקט מענשען צו זיין ברודער עשו א. ז. וו. „ויצו אתם לאמר: כה תאמרון לאדני לעשו, כה אמר עבדך יעקב וכו'" און ער האָט זיי אָנגעזאָגט וויא פאָלגט: אזוי זאָלט איהר זאָגען צו מיין הערר עשו, אזוי זאָגט דיין קנעכט יעקב, א. ז. וו.,

וויא געפעלט אייך אונזער גרויסער העלד יעקב, וואָס האָט אָבגעקויפט פאַר א טאָפּ לינזען פון זיין ברודער דיא בכורה און צוגענומען זיינע ברכות? פון דיזע גרויסע גליקען וואָס ער האָט אריינגעכאפּט, ערניעדריגט ער זיך איצט פאַר זיין ברודער מיט דעם נאָמען קנעכט, און זיין ברודער עשו רופט ער „מיין הערר". „וישבו המלאכים אל יעקב לאמר: באנו אל אחיך אל עשו, וגם הלך לקראתך וארבע מאות איש עמו". דיא לייטע זיינען צוריקגעקומען און האָבען געזאָגט צו יעקב: מיר זיינען געקומען צו דיין ברודער עשו. ער געהט מיט פיער הונדערט מאַן. „ויירא יעקב מאד ויצר לו", יעקב האָט זיך זעהר געשראָקען, און עס איז איהם זעהר לייד געוואָרען. דאַן האָט ער צוטהיילט זיינע לייטע, דיא שאָף, דיא רינדער און דיא קמלען אויף צוויי לאַגערן, דען ער האָט זיך געטראַכט, אז ווען עשו וועט קומען און וועט אוים'הרג'ענען איין לאַגער, וועט דער אַנדרער לאַגער זיך קענען רעטען. דאָס איז איין מיטעל. דער אנדער מיטעל: „ויאמר יעקב אלהי אבי אברהם, ואלהי אבי יצחק, יהוה האמר אלי שוב לארצך ולמולדתך ואיטיבה עמך". יעקב האָט זיך געשטעלט מתפלל זיין, און האָט געזאָגט: געטער פון מיין פאַטער אברהם, געטער פון מיין פאַטער יצחק, יהוה, וואָס האָט מיר געזאָגט: געה צוריק אין דיין לאַנד און אין דיין געבורטסאָרט, וועל איך דיר גוטעס טאָן. „קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך, כי במקלי עברתי את הירדן הזה, ועתה הייתי לשני מחנות". איך בין ניט ווערטה דיא אַלע וואָהלטהאַטען און טרייהייט, וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין קנעכט, דען בלויז מיט מיין שטעקען בין איך איבערגעגאַנגען דיזען ירדן, און איצט בין איך געוואָרען צוויי לאַגערען. „הצילני נא מיד אחי, מיד עשו, כי ירא אנכי אותו וכו'", רעטע מיך דאָך פון מיין

ברודער עשו׳ס האנד, דען איך האב מורא פאר איהם א. ז. וו. אויף מארגען האט ער אויסגעקליבען 200 ציעגען און 20 בעק, 200 שעפסען און 20 באראנעס, 30 מעלקעדיגע קעמלען מיט זייערע קינדער, 40 קיה, 10 אקסען, 20 אייזלינען און 10 אייזלען. דערפון האט ער געמאכט צעהן בעזונדערע סטאדעס, א געשאנק פאר זיין ברודער עשו (ד. ה. פשוט כאבאר, און דאס איז געבליבען א בכיה לדורות פאר אידען, זיי זאלען אימער געבען דיא גוים כאבאר.) זיינע שקלאפען, דורך וועלכע ער האט געשיקט דיא סטאדעס, האט ער פערזאגט, אז זיי זאלען טרייבען דיא סטאדעס ווייט איינע פון דיא אנדערע. „ויצו את הראשון לאמר: כי יפגשך עשו אחי ושאלך לאמר: למי אתה, ואנה תלך, ולמי אלה לפניך?“ ער האט פערזאגט דעם ערשטען ווי פאלגט: ווען מיין ברודער עשו וועט דיך טרעפען און וועט דיך פרעגען: צו וועמען געהערסט דו, וואהין געהסטו און צו וועמען געהער דאס אלעס? „ואמרת: לעבדך ליעקב, מנחה היא שלוחה לאדני לעשו, והנה גם הוא אחרינו“, זאלסטו אזוי זאגען: דאס געהער צו דיין קנעכט יעקב, ער שיקט עס א מתנה צו מיין הערר עשו און ער אליין קומט אויך נאך אונז. אזוי האט ער פערזאגט אלע די וואס האבען געפיהרט דיא סטאדעס, זיי זאלען אזוי זאגען זיין ברודער עשו. סך הכל איז געווען 10 סטאדעס, האט ער 10 מאל זיך געמאכט פאר א קנעכט פאר זיין ברודער עשו, און איהם צו זיין הערר.

יעקב קעמפפט מיט א׳ן אונבעקאנטען גאט.

דיא סטאדעס האבען אבגעצויגען און יעקב האט דארט איבער־גענעכטיגט יענע נאכט. ביי נאכט איז ער אויפגעשטאנען, און האט אריבערגעפיהרט זיין גאנצען לאגער ביסלעכווייז, איבער דעם פאראם פון דעם טייך יבק. דא האט פאסירט עפעס אונגעוועהנ־ליכעס. „ויותר יעקב לבדו, ויאבק איש עמו עד עלות השחר“. ווען יעקב איז איבערגעבליבען אליין, האט א מאן זיך אנגעהויבען צו

ראנגלען מיט איהם ביז דער מאָרגען איז אויפגעגאנגען. „וירא כי לא יכל לו ויגע בכף ירכו, ותקע כף ירך יעקב בהאָבקו עמו“. אלס דער מאַן האָט געזעהן, דאָס ער קען ניט בייקומען יעקב׳ן, האָט ער אָנגעגריפען דיא לעפעל פון זיין היפטע, און יעקב האָט אויסגע־לונקען דיא לעפעל פון זיין היפטע. „ויאמר שלחני כי עלה השחר, ויאמר לא אשלחך כי אם ברכתני.“ זאָגט דער מאַן: לאָז מיך געהן, דען דער מאָרגען איז אויפגעגאנגען. זאָגט יעקב: איך לאָז דיר ניט געהן, בעפאָר דו וועסט מיך בענשען. „ויאמר אליו מה שמך? ויאמר: יעקב!“ פרעגט יענער: וויא הייסטו? ענט־פערט דיזער: יעקב! „ויאמר: לא יעקב יאָמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל“. זאָגט ער: דו זאָלסט מעהר ניט הייסען יעקב, זאָנדערן ישראל, דען דו האָסט געשטריטען מיט געטער און מיט מענשען און ביזט זיי בייגעקומען. וישאל יעקב ויאמר: הגידה נא שמך. — ויאמר: למה זה תשאל לשמי? ויברך אותו שם.“ און יעקב פרעגט איהם: זאָג מיר נור דיין נאָמען. זאָגט יענער: צו וואָס פרעגסטו מיין נאָמען? און ער האָט איהם דאָרט געבענשט. „ויקרא יעקב שם המקום „פניאל“, כי ראיתי אלהים פנים אל פנים ותנצל נפשי“. יעקב האָט אַ נאָמען געגעבען דעם אָרט „פניאל“, דען איך האָב געזעהן אַ גאָט געזיכט צו געזיכט, און מיין פערזאָן איז גערעטעט געוואָרען.

וואָס זעהען מיר אין דיזער פאסירונג? א׳ן אונבעקאנטער גאָט, אָהן אַ נאָמען, שלעפט זיך נאָך אין געהיים, פערשטעלט אין אַ מענשען־געשטאַלט, נאָך יעקב׳ס מחנות ביז דעם טייך יבק, און וויא ער האָט נור דערזעהן, אז יעקב איז געבליבען אליין, האָט ער איהם ארויסגערופען אויף אַ פייט, נאפאיעדינעק. וואָס דיזער גאָט האָט געוואָלט פון יעקב׳ן, פאר וואָס ער האָט איהם הינקענ־דיג געמאכט, פאר וואָס ווידער — אז ער איז אַ גאָט — ער האָט מורא געהאט זיך צו ראנגלען מיט יעקב׳ן פריהער, ווען זיין גאַנ־צער לאַגער איז געווען מיט איהם, און ער האָט געוואַרט, ביז יעקב וועט בלייבען אליין — דאָס איז איינע פון די סודות פון אונזער

הייליגער תורה. אבער פאר וואס ער, דער גאָט, האט געמוזט בענשען יעקב׳ן, דאס פערשטעהען מיר, ווייל דאס איז דאך געווען א וועט־פּייט צווישען זייביידען; יעקב האט געוואונען דעם וועט, האָט ער געמוזט קריגען דעם פּרייז, אז דער גאָט האָט זיך געוואָלט ארויסדרעהען און אוועקגעהען, האָט יעקב איהם ניט אָבגעלאָזען, ביז ער וועט איהם ניט אוועקגעבען זיין פּרייז. וואס פאר א פּרייז קען מען אייגענטליך פערלאנגען פון א גאָט? ער איז דאך א׳ן אָרעמאן, ער נעהמט פון איינעם און גיט דעם אנדערען. דערפאר האָט יעקב געפאָדערט אלס פּרייז א ברכה. אזעלכע זאכען זשאַ־לעווען דיא געטער גאר ניט, אבער דיזער גאָט האָט יעקב׳ן געגעבען נאך מעהר וויא ער האָט פערלאנגט. לא די וואס ער האָט איהם געבענשט, האָט ער איהם צוגעלעגט נאך א נאָמען „ישראל“. יעקב האָט פון דיזען גאָט נאך מעהר פראָפיטירט, וויא מיר וועלען דאס בעווייזען.

ביי יעקב׳ן קען מען אויך פרעגען דיא זעלבע פראגע: סטייטש יעקב האָט קיין מורא ניט צו געהן אויף א דועל מיט א גאָט און האָט אויך געזיעגט, אָבער פאר זיין ברודער עשו ציטערט ער, וויא דער גרעסטער טרום? נאר דאס קען מען אפשר פערענטפערן דערמיט, אז יעקב איז נאר א בריה איינער אויף איינעם, עשו איז אבער געגאנגען מיט א מחנה, און דארום האָט ער מורא געהאט. עס קען אויך זעהר מעגליך זיין, אז זיין גאָט, וואס האָט אָבגעהיט צו טרעפען יעקב׳ן איינעם אליין און איהם ארויסרופען אויף א דועל, איז אויך געווען א בריה נור איינער אויף איינעם, דען וויא דער מענש, אזוי איז זיין גאָט.

„וישא יעקב עיניו וירא והנה עשו בא ועמו ארבע מאות איש, ויחץ את הילדים על לאה ועל רחל ועל שתי השפחות.“ אלס יעקב האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האָט ער דערזעהן, אז עשו קומט אָן מיט פיער הונדערט מאָן, האָט ער פערטהיילט זיינע קינדער: אויף לאה׳ס, אויף רחל׳ס און אויף זיינע צוויי דיענסטען. נאכהער האָט ער זיי אויסגעשטעלט אין א׳ן אָרדנונג: אין דיא פראָנט

זיינען געשטאַנען דיא דיענסטען מיט זייערע קינדער, נאכהער — לאה מיט איהרע קינדער, און רחל מיט איהר זוהן יוסף צולעצט. „והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים עד גשתו עד אחיו“. און ער, יעקב, איז געגאַנגען פאַר זיי, זיעבען מאָל האָט ער זיך געבוקט צו דער ערד, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין ברודער, ד. ה. אויף פּראָסט אידיש: יעקב, דער איד, וואָס האָט צוגענומען ביי זיין ברודער עשו דיא בכורה מיט דיא ברכות, פאַלט איצט זיעבען מאָל כורעים צו דער ערד און זינגט „מה יפית“ פאַר דעם זעלבען ברודער עשו, דעם פּריץ. איז דאָס ניט מערקווירדיג? נאָר עשו איז פון דעסטוועגען איהם געלאָפען ענטקעגען. זיי האָבען זיך אומגעאַרעמט, זיך געקושט און געוויינט. אלע ווייבער מיט זייערע קינדער האָבען זיך געבוקט צו איהם. פרעגט איהם עשו: וואָס ווילסטו מיט יענע גאנצע מחנה, וועלכע איך האָב געטראָפען? „ויאמר: למצא חן בעיני אדני“. זאָגט יעקב אום איך זאָל געפינען גנאַדע אין דיא אויגען פון מיין העררן. זאָגט עשו: איך האָב גענוג, מיין ברודער, האַלט פאַר דיר וואָס דו האָסט. „ויאמר יעקב: אל נא, אם נא מצאתי חן בעיניך ולקחת מנחתי מידי, כי על כן ראיתי פניך, כראות פני אלהים ותרצני.“ זאָגט יעקב: אָ, ניין! ווען איך האָב געפונען גנאַדע אין דיינע אויגען, דאַן זאָלסטו מיין געשענק צונעהמען פון מיר, ווייל אז איך האָב דערזעהן דיין געזיכט, איז ביי מיר גלייך וויא איך וואָלט געזעהן דעם געזיכט פון אלהים, און דו האָסט מיך אזוי פיין צוגענומען.

צי האָט „יעקב איש תם“ (דאָס „אונשולדיגע שעפּסעלע“, וויא דיא תורה רופט איהם) גערעדט וואָס ער האָט געמיינט, צי איז ער ניט געווען אחד בפה ואחד בלב, צי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט זיין ברודער, איז ניט געווען דער גרעסטער ליגען און ניעדריגע חניפה, זאָל דער פערנינפטיגער לעזער אליין אורטהיילען.

זיין ברודער עשו — אָבוואָהל אַ פּריץ, אָבער דאָך אַ גוי'שע קאָפּ — האָט אלץ פערגעסען, וואָס זיין ברודער האָט איהם געטאָן, און האָט געמיינט, אז יעקב רעדט צו איהם מיט אַ'ן אמת,

האָט ער געוואָלט האַלטען קאָמפּאַניע מיט יעקב, ער האָט עס אבער ניט אָנגענומען. עשו האָט איהם געוואָלט לאָזען עטליכע פון זיינע מענשען, וועלכע זאָלען איהם העלפען טרייבען זיינע סטאַדעס, יעקב האָט איהם מיט פערשיעדענע תירוצים איינגערעדט, אַז ער זאָל געהן פריהער און ער וועט נאָכגעהן לאנגזאם, ביז ער וועט קומען צו איהם. דאָס זיינען אבער געווען נור אויסרעדען, אום פּטור צו ווערען פון זיין ברודער עשו, דען ער איז קיינמאָל צו איהם גאָר ניט געקומען. עשו איז אוועק צוריק אין שעיר און יעקב האָט געמאכט זיין רייזע אין סכות.

„ויבא יעקב שלם עיר שכם". יעקב איז געקומען געזונד אין דער שטאדט שכם, וועלכע איז אין דער לאַנד כנען. דאָרט האָט ער אָבגעקויפט א פעלד פון חמור'ס קינדער. „ויצב שם מזבח ויקרא לו אל אלהי ישראל". דאָרט האָט ער געשטעלט א'ן אלטאַר, און ער האָט איהם א נאָמען געגעבען „גאָט איבער די געטער פון ישראל". וויא מיר וויסען שוין פון פריהער, האָט דער גאָט וואָס האָט זיך מיט יעקב'ן געראנגעלט און איהם הינקענדיג געמאכט, איהם א נאָמען געגעבען ישראל. אָט פאר דיזען גאָט אָהן א נאָמען (ווייל זיין נאָמען האָט יענער איהם ניט אויסגעזאָגט), האָט עס יעקב געשטעלט דעם אלטאַר און האָט איהם א נאָמען געגעבען סתם „גאָט", און דיזער איז ישראל'ס גאָט. אלזאָ, וויא מיר זעהען, האָבען אברהם און יצחק דיזען גאָט ניט געקענט, נור יעקב האָט געהאט דיא זכיה בעקאַנט צו ווערען מיט איהם דורך דעם דועל, וואָס זיי האָבען געהאט.

יעקב'ס ערשטער אונגליק.

אין שכם האָט געטראָפען א גרויסער אונגליק מיט יעקב'ס איינציגע טאָכטער „דינה". דיא גאַנצע ערצעהלונג געפינט איהר אין פרשה וישלח ל"ד. דער קיצור פון דער מעשה איז: שכם, חמור'ס זוהן, האָט פערגוואלטיגט יעקב'ס טאָכטער דינה; שמעון

און לוי, יעקב„ס צוויי זיהן, האָט עס שרעקליך פערדראָסען, און זיי האָבען גענומען ראַבע פון שכם בן חמר און פון דער גאַנצער שטאָדט שכם; זיי האָבען אויסגע׳הרג׳עט אַלע זכרים פון שכם, דיא ווייבער און דיא קינדער, און דיא שאָף און רינדער מיט דעם גאַנצען פערמעגען פון שטאָדט האָבען זיי אוועקגערויבט פאַר זיך. יעקב איז פון זייער טהאַט געווען אונצופריעדען, ער האָט פשוט מורא געהאַט, אַז דיא פעלקער ארום זאָלען זיך ניט נוקם זיין אַן איהם פאַר דיא שטאָדט שכם.

אונטער דער צייט האָט זיך אלהים דערוואוסט, אַז יעקב האָט שוין נאָך אַ גאָט, גאָר אַ׳ן אונבעקאַנטען, אָהן אַ נאָמען, און אַז יענער גאָט האָט איהם געבענשט און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען ישראל; אַז יעקב האָט שוין פאַר יענעם גאָט געשטעלט אַ׳ן אַלטאַר און האָט איהם געדיענט. געוועהנליך האָט דיא מעשה שרעקליך פערדראָסען דעם גאָט אלהים, ער האָט אויך פשוט מורא געהאַט, אַז דער נייער קאָנקורענט זאָל ניט אַבערעדען פון איהם יעקב׳ן, דען אין יענע צייטען האָט געהערשט אַ גרויסע קאָנקורענציע ביי דיא געטער. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָבען דיא געטער געמוזט זיין זעהר כיטרע, צו קענען אָבערעדען קונדען איינע פון דיא אַנדערע און אָנהאַלטען זייערע אַלטע קונדען, וויא להבדיל ביי אונז, זינדיגע מענשען, פיהרט זיך אין קאָנקור־רענציע. דערפון קען מען פערשטעהן, וויא כיטרע אלהים האָט אויפגעהאַלטען זיין אַלטען קונד יעקב. צוערשט: „ויאמר אלהים אל יעקב, קום עלה בית־אל ושב שם, ועשה שם מזבח לאל הנראה אליך בברחך מפני עשיו אחיך“. האָט אלהים געזאָגט צו יעקב: שטעה אויף, געה ארויף אין בית־אל און בעזעץ דיך דאָרט, מאַך דאָרט אַ׳ן אַלטאַר צו יענעם גאָט, וועלכער איז ערשיענען צו דיר, ווען דו ביזט אַנטלאָפען פון דיין ברודער עשיו. דאָס הייסט פשוט אַ פּאַטש אין פנים יעקב׳ן. סטייטש, ווען דו ביזט געווען אין נויט, ווען דו האָסט מורא געהאַט פאַר דיין ברודער און ביזט אַנטלאָפען פון איהם, בין איך געקומען דיר צו הילפע, (כאָטש צעהן פריצים

זאָלען דאָס פערמאגען, וואָס ער האָט איהם דאן געהאָלפען. נור וואָס איז ווערטה דיא הילפע פון אנאנדער גאָט? אויך פשוט גאָר ניט), דו האָסט געטאָן א נדר. איצט, אז דו ביזט רייך געוואָרען, און מיט דיין ברודער עשו האָסטו שלום געמאַכט, געהסטו און מאַכסט אַ'ן אָלטאר גאָר פאר א ווילד פרעמדען גאָט, וואָס דו ווייסט אפילו ניט זיין נאָמען. איז דאָס רעכט? און וואו בין איך אין דער וועלט? געה, פאָלג מיך, אין בית־אל און מאַך דאָרט א'ן אָלטאַר צו יענעם גאָט. דאָס איז נור געווען א פּראָבע, זיך צו דערוויסען, אויב ער וועט איהם פאָלגען אָדער ניט, אום ער, אלהים, זאָל זיך איבערצייגען, אויב יעקב האָלט איהם נאָך פאר א גאָט אָדער ניט. „ויאמר יעקב אל ביתו ואל כל אשר עמו, הסרו את אלהי הנכר אשר בתככם, והטהרו והחליפו שמלתיכם“. יעקב האָט געפּאָלגט. ער האָט גלייך געזאָגט צו זיין הויזגעזינד און צו אלע, וואָס זיינען מיט איהם: לעגט אָב דיא פרעמדע געטער, וועלכע איהר האָט, רייניגט אייך און וועקסעלט אייערע קליידער. „ונקומה ונעלה בית־אל, ואעשה שם מזבח לאל הענה אתי ביום צרתי, ויהי עמדי בדרך אשר הלכתי“, מיר וועלען זיך אויפהייבען און מיר וועלען ארויפגעהן אין בית־אל, דאָרט וועל איך מאַכען א'ן אלטאַר צו יענעם גאָט, וועלכער האָט מיר געענטפערט אין דעם טאָג פון מיין נויט, און איז געוועזן מיט מיר אין דעם וועג וואָס איך בין געגאנגען. געוועהנליך האָבען אלע איהם געפאָלגט; זיי האָבען איהם איבערגעגעבען אלע פרעמדע געטער, יעקב האָט זיי בעהאַל־טען אונטער א לינדען־בוים, ביי שכם. פון דאנען האָבען זיי אָב־געצויגען ווייטער, ביז זיי זיינען געקומען אין לוז, ד. ה., בית־אל. „ויבן שם מזבח, ויקרא למקום: אל בית־אל, כי שם נגלו אליו האלהים בברחו מפני אחיו“. דאָרט האָט יעקב געבויט א'ן אלטאַר און האָט א נאָמען געגעבען דעם אָרט: גאָט פון בית־אל, דען דאָרט האָבען די געטער זיך בעוויעזען צו איהם, ווען ער איז ענטלאָפען פון זיין ברודער.

דערפון האָט זיך „אלהים“ גענוג איבערצייגט, אז יעקב האָט

איהם ניט אוועקגעוואָרפען און ער האַלט איהם נאָך פאַר א גאָט וויא פריהער. ווען ער האָט אבער געזעהן, וואָס יעקב האָט געטאָן מיט זיינע און זיין פאַמיליעס פרעמדע געטער, דאָס ער האָט זיי ניט פערניכטעט, נור ער האָט זיי בעהאַלטען אונטער א לינדען־בוים ביי שכם, אום ער זאָל וויסען, וואו זיי זיינען, און צו יעדער צייט, ווען ער ווערט זיי דאַרפען, זאָל ער זיי ארויסנעהמען און בענוצען, האָט עס איהם שטאַרק לייד געטאָן. ער האָט געזעהן, אַז יעקב נאָרט איהם נור, אַז אַ חוץ איהם האָט ער נאָך פיעלע אנדערע געטער, וועלכע קאָנקורירען מיט איהם. דאָס האָט דעם גאָט אלהים גאָר ניט געשמעקט. ער האָט זיך דארום נאָך אַ מאָל מטריח געווען און געקומען צו יעקב'ן. ער האָט זיך גאָר ניט וויסענ־דיג געמאַכט, אז יעקב האָט שוין געקראָגען דעם נאָמען „ישראל" פון דעם אונבעקאַנטען גאָט, און ער האָט זיך צו איהם גע'חנפ'עט און איהם אויך א נאָמען געגעבען „ישראל". „וירא אלהים אל יעקב עוד, בבאו מפדן ארם, ויברך אתו". אלהים איז נאָך אַמאָל ערשינען צו יעקב, ווען ער איז געקומען פון פדן ארם און ער האָט איהם געבענשט. „ויאמר לו אלהים שמך יעקב, לא יקרא שמך עוד יעקב, כי אם ישראל יהיה שמך, ויקרא את שמו ישראל". און אלהים זאָגט צו איהם : דיין נאָמען איז איצט יעקב, מען זאָל דיך אבער מעהר ניט רופען יעקב, נור ישראל זאָל זיין דיין נאָמען, ער האָט איהם אַלזאָ אַ נאָמען געגעבען ישראל. מילא אַז יענער גאָט האָט איהם אַ נאָמען געגעבען ישראל, האָט ער איהם דאָך ערקלערט פאַרוואָס, „כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל". דען דו האָסט געשטריטען מיט געטער און מיט מענשען און דו ביזט זיי ביי־געקומען. אבער דער גאָט אלהים גיט איהם אַ נאָמען ישראל, פאַר וואָס, פאַר ווען, דערמאָנט ער ניט. אלהים איז דאָ אייגענטליך אריינגעפאַלען אין א גרויסע פערלעגענהייט. מיט דעם נאָמען ישראל האָט ער זיך געוואָלט איינקויפען אין לאַסקע ביי יעקב'ן, זאָגען אבער דעם זעלבען טעם, וואָס יענער גאָט האָט געזאָגט, פאַר וואָס ער גיט איהם דעם נאָמען, האָט ער ניט געקענט, ווייל

דאָס וואָלט אויסגעקומען לעכערליך: יעקב וואָלט דאָך גלייך בעמערקט, אַז אלהים רעדט נור איבער יענעם גאָט'ס ווערטער, און ער וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון איהם. א'ן אנדער טעם פאר דעם נאָמען ישראל האָט אלהים ניט געקענט געפינען, האָט ער איהם סתם אין דער וועלט אריין א נאָמען געגעבען ישראל. דערמיט איז ער מיאוס אריינגעפאלען, ווארום אין דער אמת, וואָס פאר א זינן האָט עס, אַ גאָט קומט פור־פלאָט, וויא פון בוידעם אראָבגעפאלען, און גיט איהם אַ נייעם נאָמען. אלהים האָט זיך טאַקי באלד ארומגעזעהען, אז ער האָט דערמיט געמאַכט א מיאוס'ען פעהלער און ער האָט זיך געאיילט צו פעררעדען יעקב'ן דיא ציינער.

„ויאמר לו אלהים, אני אל שדי, פרה ורבה, גוי וקהל גוים יהיה ממך, ומלכים מחלציך יצאו“. זאָגט צו איהם אלהים, איך *) און דער גאָט שדי בענשען דיך: זיי פרוכטבאר און פערמעהר דיך, א פאָלק און א מאסע פעלקער וועלען פון דיר ארויסקומען, קעניגע וועלען פון דיינע לענדען ארויסקומען. „ואת הארץ אשר נתתי לאברהם וליצחק, לך אתננה ולזרעך אחריך אתן את הארץ“. און דאָס לאַנד, וועלכע איך האָב געגעבען צו אברהם און צו יצחק וועל איך דיר אוועקגעבען און דיינע קינדער נאָך דיר, וועל איך געבען דאָס לאַנד. אלהים האָט דערמיט געענדיגט און איז אוועק. „ויצב יעקב מצבה במקום אשר דבר אתו מצבת אָבן ויסך עליה נסך ויצק עליה שמן.“ יעקב האָט געשטעלט א דענקמאָל אויף דעם אָרט, וואו אלהים האָט מיט איהם גערעדט, א דענקמאָל פון שטיין, ער האָט געגאָסען דאַרויף טראַנקאָפּפער און האָט געלאָזט רינען

*) ווי מיר זעהען, פעהלט אין דעם פסוק עטליכע ווערטער, ויאמר לו אלהים, אלהים זאָגט צו איהם, אני אל שדי — איך דער גאָט שדי פרה ורבה. דיעזע ווערטער בינדען זיך גאָר ניט. עס האָט געדארפט שטעהן: אני ואל שדי מברכים אותך: פרה ורבה... איך און דער גאָט שדי בענשען דיך: זיי פרוכטבאַר... נור די תורה האָט מקצר געווען.

דאַרויף אויל. „ויקרא יעקב את שם המקום אשר דבר אתו שם אלהים, בית־אל“. דעם אָרט, וואו אלהים האָט גערעדט מיט איהם, האָט יעקב אַ נאָמען געגעבען בית־אל.

דיא ווירקונג פון גאָט'ס ברכות.

וויא דיא תורה דערצעהלט אונז דיא מעשה מיט דיא צוויי ברידער, יעקב און עשו קומט אויס, אז יעקב איז געווען גאָר גליקליך, דאָס די געטער האָבען אוועקגעלעגט דיא גרעסטע מיה פאַר יעקב'ן. פון אברהם האָבען דיא געטער שוין אָנגעפאַנגען אָנצווענדען זייערע אַלע כחות, אום נור צו מאַכען גליקליך יעקב'ן מיט זיינע קינדער אויף אייביג. דער אל עליון, דער העכסטער גאָט, דער גאָט איבער אַלע געטער, ער אליין כביכול, האָט קיין זאַך אין זינען ניט געהאַט, אויסער גליקליך צו מאַכען אברהם'ען מיט זיינע קינדער. ער האָט מיט איהם געמאַכט אַ'ן אייביגען בונד פאַר זיינע אַלע דורות אויף אימער און אייביג; דאָס זעלבע האָבען אויך געטאָן דיא אַנדערע געטער, זיי האָבען געשאָטען מיט ברכות, האָבען געמאַכט פערשפּרעכונגען, איינע נאָך דיא אַנדערע, האָבען בעשטעטיגט זייערע פערשפּרעכונגען מיט שבועות, אזוי זיינען זיי געגאַנגען כסדר: פון אברהם און יצחק ביז יעקב, דעם לעצטען האָבען דיא געטער ווידערהאָלט זייערע פריהערע פערשפּרעכוּונגען און נאָך צוגעגעבען נייע ברכות מיט נייע פערשפּרעכונגען: זיינע קינדער וועלען זיין אזוי פיעל, וויא דיא שטערן פון הימעל און דאָס זאמד פון דער ערד. דאָס האָבען דיא געטער אייניגע מאָל ווידערהאָלט. וועהרענד מיט זיין ברודער עשו, וועלכער איז אויך געווען אברהם'ס אַ'ן אייניקעל, האָבען דיא געטער קיינע געשעפטען ניט געמאַכט, זיי האָבען מיט איהם קיין מאָל ניט גערעדט, ניט געבענשט און דאָס מינדעסטע איהם קיינמאָל ניט פערשפּראָכען, אפילו פון זכות אבות וועגען. מיט איין וואָרט, זיי האָבען איהם גאָר ניט געאַכטעט, זיי האָבען זייער גאַנצע

השגחה אבגענומען פון איהם און נור געלעגט אויף יעקב„ן, אונטער אזעלכע אומשטענדען האט יעקב געדארפט זיין דער גליקליכסטער אויף דער וועלט, ביי זיין לעבען, און זיינע קינדער האבען געדארפט זיין דיא גליקליכסטע אויף דער וועלט, אימער און אייביג עד סוף כל הדורות. עשו וויעדער, וואס איז געשטאנען אויטער דער געטליכער השגחה, האט געדארפט אונטערגעהן ביי זיין לעבען און פון זיינע קינדער וואלט שוין קיין זכר ניט געדארפט זיין. ווער עס גלויבט נור אין גאט און אין זיין השגחה מוז דאך צוגעבען, אז אזוי האט עס געמוזט זיין. טא לאמיר הערען, וואס דיא תורה דערצעהלט אונז וויטער פון דיזע צוויי ברידער.

„ואלה תולדות עשו הוא אדום". (בראשית, ל"ו). דאס זיינען עשו'ס געשלעכטספאלגען. זיינע ווייבער האבען איהם געבארען זיהן, פון זיי זיינען ארויסגעקומען פיערצעהן שבטים. עשו האט צוגענומען דיא לאנד שעיר פון דעם חרי, וועלכע איז בעשטאנען פון זיעבען מעכטיגע שטאמען, געוויס גרעסערע און שטארקערע פון דיא זיעבען כנען'ס כלומר'שט פעלקער. עשו'ס קינדער האבען זיי אלע אויסגעראטעט, פערניכטעט און צוגענומען זייער לאנד. דיזע לאנד האט עשו זיך אויסגעקליבען אליין, ווען ער האט נאך געלעבט און ער האט דארטען געוואהנט, זיינע קינדער זיינען דארט געבליבען ביז היינטיגען טאג. קיין גאט האט דאס איהם ניט צוגעזאגט, קיין גאט האט זיינע קינדער ניט געהאלפען זיעגען אין זייערע מלחמות, קיין גאט האט עשו'ן אויך ניט געבענשט און ניט צוגעזאגט איהם, אז זיינע קינדער וועלען זיין אזוי פיעל, וויא דיא שטויב פון דער ערד און דיא שטערן פון הימעל, זיי האבען זיך אליין פערמעהרט, אליין געקעמפפט, אליין געזיעגט. אזוי דערצעהלט אונז דיא תורה פון עשו'ן גאנץ קורץ.

וואס דיא תורה האט אונז דערצעהלט פון יעקב'ן ביז איצט, ווייסען מיר שוין גענוג און מען דארף ניט איבעררעדען. מיר דארפען נור הערען דעם רעזולטאט פון דיא געטליכע ברכות און פערשפרעכונגען צו יעקב'ן.

יעקב׳ס צרות אונערטרעגליך.

באלד נאָך אלהים׳ס ברכות און יעקב׳ס דאנקבארקייט און עבודה צו אלהים, האָט זיך אנגעפאנגען א סעריע צרות איינע נאָך דיא אנדערע. באלד וויא ער איז אוועק פון בית־אל נאָך אפרת, איז אין וועג געשטאָרבען זיין טהייערסטע געליעבטע, רחל. עס איז לייכט אויסצורעדען געשטאָרבען; ווען מען בעטראכט אבער, אז דער טויט איז געקומען פון א שווערען געבורט, און דאָס געבאָרענע קינד איז געבליעבען צו ערציעהען, קען מען זיך קוים פאָרשטעלען דיא ליידען און שמערצען פון דעם אונגליקליכען פאטער. ווען דיזער שרעקליכער אונגליק איז נאָך געווען גאנץ פריש, האָט איהם שוין געטראָפען נאָך א׳ן אונגליק — זיין ערשט־געבאָרענער זוהן, וואָס ער איז דער הייליגער, דער פריעסטער פון זיין פאמיליע, זיין תכשיט ראובן, האָט פערגוואלטיגט און געשענ־דעט זיין פאָטער׳ס קעבס־ווייב בלהה. יעקב האָט זיך דערפון דער־וואוסט, און וואָס דאָס בעדייטעט פאר א פאטער, קען מען זיך פאָרשטעלען. דאָס איז אלץ געשעהן בעפאָר ער איז נאָך געקומען צו זיין פאָטער אין חברון. פון עשו׳ס פיערצעהן שטאם־פירסטען דערצעהלט אונז דיא תורה ניט, עס זאָל טרעפען אזא מעשה. פון יעקב׳ן איז ארויסגעקומען נור צוועלף שטאמען (שבטים), זיינע צוועלף זיהן זיינען געווען דיא שטאם־פירסטען, האָט דער עלטסטער, דער בכור, אבגעטאָן אזא שענדליכע מעשה. עס ווייזט אויס, אז דיא געטליכע ברכות האָבען דאָס געווירקט. אז יעקב איז שוין ווי־עס־איז א׳ן אונגליקליכער, א פערקלאָגטער, אָנ־געקומען אין חברון, איז זיין פאטער יצחק געשטאָרבען. אבוואָהל דיזע פאסירונג איז, אז און פיר זיך, קיין אונגליק ניט, ווייל יצחק איז דאָך שוין געווען גאנץ אלט און האָט געמוזט שטארבען, נור פאר א׳ן אונגליקליכען פערגרעסערט אזא פאסירונג אויך דיא יסורים.

דערמיט האָבען זיך אָבער זיינע צרות נאָך ניט געענדיגט. עס האָט איהם געטראָפען נאָך גרעסערע אונגליקען. וויא מיר

וויסען, האָבען זיינע פיער ווייבער איהם געבאָרען צוועלף זיהן. זיין ליעבסטע פרוי רחל האָט איהם געבאָרען נור צוויי זיהן: יוסף און בנימין. יעקב האָט געוועהנליך זיין געליעבטעם קינדער געליעבט מעהר פון אַלע איבריגע קינדער. יוסף איז געוון זיין ליעבלינג, און יעקב האָט עס פון זיינע קינדער ניט פערבאָרגען. יוסף האָט דערמיט שטאָלצירט און האָט אָנגעפאנגען פאַנטאַזירען און חלום'ען. זיינע ברידער זיינען שטאַרק אויפגעבראכט געוואָרען אויף איהם, זיי זיינען געוואָרען זיינע גרעסטע שונאים, זייער שנאה צו איהם האָט געוואקסען פון טאָג צו טאָג און עס איז געקומען אזוי ווייט, דאָס זיי האָבען בעשלאָסען איהם דעם לעבען צו נעהמען. זיי האָבען נור געוואַרט אויף א גוטער געלעגענהייט, און זיי האָבען זיך דערוואַרט אויף דיא געלעגענהייט. אין אָנפאַנג האָבען זיי גלייך געוואָלט זייער בעשלוס אויספיהרען און איהם הרג'ענען; אייניגע ברידער זיינען אבער געווען געגען אזא אַקט, דאַרום האָבען זיי איינשטימיג איהם פערקויפט פאר א שקלאַף. אום צו פערזיכערען זיך, אז דער פאטער זאָל איהם ניט זוכען, האָבען זיי אראָבגענומען פון איהם זיין קאָלירטען זיידענעם ראָק, וואָס זיין פאטער האָט איהם געמאַכט אויס ליעבע, האָבען איהם צוריסען, איינגעטונקט אין בלוט און דאָס געבראַכט צו זייער פאטער יעקב, ער האָט עס גלייך דערקענט, און האָט געזאָגט: „דאָס איז מיין זוהן'ס ראָק, א ווילדע חיה האָט איהם אויפגעפרעסען, יוסף איז צוריסען געוואָרען!" דיזער אונגליק האָט דעם אַלטען יעקב אין גאַנצען צובראָכען, און באַלד האָט איהם ווידער געטראָפען א נייער אונגליק: יהודה'ס צוויי פערהייראַטע זיהן, זיינע אייניקלעך, „ער" און „אונן" זיינען געשטאָרבען דורך מיאוס'ע מעשים. נאָך דעם האָט געטראָפען דיא מעשה פון יהודה מיט תמר, דאָס האָט איהם געבראַכט שמאַך און שאַנדע צו זיינע אַלטע יאָהרען. אָבער דיזע אַלע צרות זיינען כמעט ויא קלייניגקייטען געגען דיא שפּעטערע צרות וואָס זיינען געקומען אויף יעקב.

נאָכדעם ווי די ברידער האָבען *) יוסף'ן פערקויפט פאר א שקלאף, איז ער אייניגע מאָל פערקויפט געוואָרען און צולעצט איז ער פערקויפט געוואָרען אין מצרים. אין צעהן יאָהר אַרום האָט ער זיך ארויפגעארבייט פון א שקלאף צום וויצע־קעניג פון מצרים. מיט 9 יאָהר שפּעטער איז געוואָרען א גרויסער הונגער אין מצרים און אין די לענדער אַרום. נור די רעגיערונג פון מצרים האָט גע־האָט א גרויסען זאפּאס, מאגאזינען מיט תבואה; יוסף איז געווען דער גאנצער פערוואַלטער פון אַלע מאגאזינען. פון איבעראַל איז מען געקומען קויפען געטריידע צו יוסף'ן. צווישען די קונים זיי־נען אויך געווען זיינע 10 ברידער. זיי האָבען איהם ניט דער־קענט, ער אָבער האָט זיי באַלד דערקענט, האָט ער זיי אָנגעפאנ־גען אויסצופרעגען: ווער זיי זיינען, פון וואַנען זיי קומען? זיי האָבען איהם אַלעס דערציילט. ער האָט אָבער זיי געזאָגט, אז ער גלויבט זיי קיין וואָרט ניט און זיי זיינען שפּיאָנען. ער וועט זיי נור דאַן גלויבען, אז זיי זאָגען אַלץ אמת, ווען זיי וועלען ברייגנען צו איהם זייער יונגסטען ברודער, וועגען וועלכען זיי האָבען איהם דערצעהלט. דערווייל איז ער צופריעדען געווען, זיי זאָלען איהם לאָזען אלס משכון איין ברודער, וועט ער זיי פריי לאָזען, האָט ער צוגענומען שמעון'ען. דערמיט האָבען זיי געבראַכט נאָך א נייעם דאָבעלטען אונגליק אויף זייער אַלטען פאָטער. שמעון איז אין געפענגנים און בנימין'ען מוזען זיי אויך צושטעלען צו דעם הער־שער פון מצרים. יעקב האָט אפילו געזאָגט, אז ער וועט בשום אופן ניט לאָזען בנימין'ען פאָהרען מיט זיי, ווייל זייערע נשמות זיינען פערבונדען איינע מיט די אַנדערע, זיי קענען איינער אָהן דעם אַנדערען ניט לעבען. ווען דאָס ברויט איז אָבער אויסגע־

*) די גאַנצע מעשה מיט יוסף געפינט איהר אין בראשית פון קאַ־פּיטעל ל"ז ביז קאַפּיטעל מ"ח. מיין ציעל איז ניט צו דערצעהלען אַ מעשה פון דער תורה. דארום דערצעהל איך גאַנץ קורץ, נור וואָס עס פאָ־דערט צום ענין.

גאַנגען און דער הונגער האָט צוגעדריקט זיין גאַנצע פאַמיליע, זייּ־נען די קינדער מיט די אייניקלעך געקומען צו דעם אַלטען פאָטער יעקב און האָבען געוויינט און געשריען: גיב אונז עסען! מיר געהען אוים פאר דיינע אויגען! וואָס האָט דער אַלטער אונגליק־ליכער זיידע נעבעך געקענט טאָן? ער האָט מיט א פערוואונדעטע, צובלוטיגטע הארץ זיי געלאָזען נעמען בנימין'ען, זיין לעצטע טרייסט, זיין לעצטע האָפנונג, וואָס איהם איז נאָך איבערגעבלי־בען ביי זיין לעבען.

ווען א מענש מיט א מענשליכע הארץ, זאָל לעזען אזא טראַ־גישען ראָמאן, וואָס, לעזענדיג, וויים ער, אז דאָס איז אַן אויסגע־טראַכטע מעשה פון דעם פערפאַסער'ס קאָפּ, קען ער בשעת מעשה זיך אויך ניט איינהאַלטען פון וויינען, בפרט אז מען לעזט אָדער מען הערט אזא אמת'ע שרעקליכע טראַגעדיע, וואָס בעגלויבטע מענשען דערציילען, אז דאָס האָט ווירקליך געטראָפען. דאָך אָבער קען נאָך אַנאַנדערער מיט אַ האַרטע האַרץ צווייפלען, אָט מאַלע וואָס מען לעזט אָדער מען דערציילט! ווי איז אָבער, אז מען לעזט עס אין דער תורה, וואָס מען וויים, מען איז איבערצייגט, אז אַלעם וואָס די תורה דערציילט אונז, איז אמת, ווי גאָט איז אמת, דארף דאָך אפילו א שטיינערנע, אַן אייזערנע הארץ צובראָכען ווערען פון יעקב'ם יסורים, וואָס ער האָט אויסגעליטען אין דיזע 22 יאָהר

נון, שטעלט זיך די פראגע: מה עביד קוב"ה בהיי שעתא? ד. ה. וואָס האָט געטאָן דער הייליגער (גאָט), געלויבט איז ער, אין יענער צייט? ווי האָט עס דער „אל רחום וחנון" געקענט צוקוקען די צרות און יסורים פון דעם אַלטען צובראָכענעם מאַן יעקב? פאר וואָס האָט קיין גאָט זיך ניט בעוויזען צו איהם אין דיזע 22 יאָהר, איהם צו העלפען, אם וויינינגסטען טרייסטען איהם, פער־לייכטערען זיינע יסורים? וואו איז אהינגעקומען דער גאָט, וואָס האָט איהם געבענשט, נאָך יעדען שווינדעל, נאָך יעדען בעטרוג, וואָס יעקב איז בעגאַנגען אין זיינע יונגע יאָהרען? דאַן זיינען די

געטער געוועזן מיט איהם, ווען אלעס האָט איהם געלונגען, ווען די צייט האָט געשפּיעלט פאר איהם; ווען אָבער די צייט האָט אָנגע־פאנגען צו ברייננגען אונגליק נאָך אונגליק, דאַן האָבען די געטער זיך בעהאַלטען און זיך ניט בעוויזען צו איהם. מען טאָר אויף גאָט קיינע קשיות ניט פרעגען, — דאָס איז אמת; אָבער עס איז א מצוה נאָכצופאָרשען די מעשים פון גאָט, צו וויסען ווי גאָט פיהרט די וועלט און וואָס פיר א נוצען ער ברייננגט פיר די מענשען בכלל און פיר זיינע אויסערוועהלטע בפרט.

יעקב ווידער גליקליך — דאַן קומט ווידער גאָט.

איצט קומט די ענדע. ווען יוסף׳ס ברידער האָבען איהם גע־בראכט בנימין׳ען, האָט ער זיי נאָך אָבגעשפּיעלט א שרעקליכען טריק, מיט וועלכען עס האָט זיך געענדיגט דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע: יוסף האָט זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער, ער האָט זיי גע־טרייסט און האָט זיי געגעבען פון כל טוב, פיר זיי און פיר זיין אַל־טען פאָטער, ער האָט זיי גלייך אוועקגעשיקט, אָנזאָגען די בשורה טובה דעם פאָטער.

יעקב׳ס צרות און אונגליקען האָבען זיך געענדיגט און ער איז ווידער ארויף אויף די העכסטע שטופע פון גליק. אלס די קינדער זיינען געקומען צוריק און האָבען איהם אָנגעזאָגט, אז יוסף לעבט און ער איז דער הערשער איבער גאַנץ מצרים, קען מען זיך פאָר־שטעלען, ווי גרויס זיין שמחה איז געווען. יעקב איז פשוט לעבע־דיג געוואָרען, ער האָט אויך דערזעהען די פיעלע וועגען, וואָס יוסף האָט געשיקט צו איהם, ער זאָל זיך פערנעמען מיט זיינע אלע קינ־דער און גלייך קומען אין מצרים. „ויאמר ישראל, רב! עוד יוסף בני חי, אלכה ואראנו בטרם אמות.“ זאָגט ישראל: עס איז גע־נוג! מיין זוהן יוסף לעבט נאָך, איך מוז געהן און איהם זעהן, בע־פאָר איך שטאַרב. „ויסע ישראל וכל אשר לו, ויבא בארה שבע,

ויזבח זבחים לאלהי אביו יצחק.“ ישראל האָט גלייך אָבגערייזט מיט אַלעם וואָס געהערט צו איהם. אַלס ער איז געקומען אין באר שבע, האָט ער געשאָכטען אָפּפער צו די געטער פון זיין פאָטער יצחק. (פאַר וואָס ניט צו זיינע געטער? עס קען זיין, אז ער איז אין כעס געוואָרען אויף זיי, וואָס זיי האָבען איהם געלאָזען זיך אזוי פייניגען גאַנצע 22 יאָהר און האָבען זיך צו איהם ניט בעוויזען). איצט אָבער, אז דער גליק האָט זיך צו איהם צוריק געקערט, איז שוין אַ גאָט אויך געקומען. „ויאמר אלהים לישראל במראת הלילה, ויאמר יעקב! יעקב! ויאמר הנני.“ אלהים האָט געזאָגט צו ישראל אין אַ נאַכטליכע ערשיינונג *). ער זאָגט: יעקב! יעקב! זאָגט יעקב, דאָ בין איך. „ויאמר אנכי האל אלהי אביך, אל תירא מרדה מצרימה, כי לגוי גדול אשימך שם.“ ער זאָגט: „איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער׳ס געטער, האָב קיין מורא ניט אַראָבצו־געהן אין מצרים, דען איך וועל דיך דאָרט מאַכען צו אַ גרויסע פאָלק (** דאָס זיינען די טובות פון גאָט, אז יעקב פאָהרט שוין אַליין אין מצרים, קומט גאָט און זאָגט איהם: געה אין מצרים, האָב קיין מורא ניט.

דערמיט ענדיגט זיך די אונטערזוכונג פון יעקב׳ס גאָט, ווייל מעהר האָט יעקב שוין ניט געהאַט קיין געטליכע ערשיינונג, קיינע אונטערהאַלטונג מיט קיין גאָט, אין אַלע 17 יאָהר, וואָס ער האָט נאָך געלעבט אין מצרים.

---

*) פאַר וואָס עפּעס ביי נאַכט אין דער פינסטער דיזעס מאָל? ווייל אלהים האָט זיך פשוט געשעמט אַליין פאַר זיך צו קומען אין דער ליכ־טיגקייט.

**) אמר הבחור הזעצער: איך גלויב, אַז די אידען האָבען געקענט פערשקלאַפט ווערען אין מצרים אָהן אַ גאָט אויך, און איך וויים ניט צו וואָס מען דאַרף נאָך דערצו אַ גאָט?

דער סך הכל.

דער סך הכל פון אונזער אונטערזוכונג בעווייזט אונז פאָלגענ־דעס:

1) אז דער גאָט פון בראשית, וועגען וועלכען די תורה דער־ציילט אונז, אז ער האָט בעשאַפען די וועלט, ווי אויך דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, איז א גרויסער ווידערשפּרוך צו דעם ערשטען עקר, לויט וועלכען גאָט איז דער שעפּפער און פיהרער פון אלע בעשעפעניסען און ער אַליין האָט געמאַכט, מאַכט און וועט מאַכען אַלע מאַכערייען, דען ווען דער גאָט פון דער תורה וואָלט געווען דער מאַכער און דער פיהרער, וואָלט ער ניט געווען גע־מאַכט דעם שלאַנג, וואָלט ניט געווען געמאַכט חוה'ן עסען פון דעם עץ הדעת, וואָלט ניט געווען געלאָזט קין'ען הרג'ענען זיין ברודער הבל; ער וואָלט ניט געווען געלאָזט זינדיגען די מענשען, ער זאָל דערפאַר דאַרפען ברייגנען א מבול; ער וואָלט געווען געמאַכט, אז זיין ליעבלינג יעקב זאָל געבאָרען ווערען דער בכור, ניט עשו דער רשע, און נאָך פיעל זאַכען, וואָס זיינען געטאָן געוואָרען געגען זיין ווילען.

2) דיזער גאָט איז שוין במילא א ווידערשפּרוך צום צווייטען עיקר, וועלכער הייסט אונז גלויבען, אז גאָט איז נור איינער. אין מעשה בראשית דערציילט אונז די תורה פון מעהר ווי איין גאָט. מיט אברהם האָט איין גאָט אָבגעשלאָסען א טראַקטאַט דורך שטי־קער פלייש פון בהמות (ברית בין הבתרים), און אַן אַנדער גאָט האָט מיט איהם געשלאָסען א טראַקטאַט דורך מענשען פלייש (ברית מלה). יעקב האָט זאָגאר געקעמפּפט מיט א גאָט, וועלכע זיינע עלטערן האָבען גאָר ניט געקענט א. ז. וו. א. ז. וו.

3) עס איז א ווידערשפּרוך צום 3טען עיקר, וואָס זאָגט, אז גאָט איז ניט קיין קערפּער און האָט קיין געשטאַלט, ווייל דער גאָט פון דער תורה איז א פאָלקאָמענער אָרגאַנישער קערפּער מיט א גע־שטאַלט פון א מענש..

4) ער איז א ווידערשפרוך צום 10טען עיקר, וועלכער ער־קלעהרט, אז גאָט ווייס אַלע טהאטען און געדאַנקען פון די מענ־שען. דער גאָט פון דער תורה הקדושה האָט ניט געוואוסט, אז די שלאַנג וועט אָנריידען חוה'ן צו עסען פון עץ הדעת, — אז חוה וועט עסען — וואו אדם מיט חוה האָבען זיך בעהאַלטען; אז קין וועט הרג'ענען זיין ברודער; אז די מענשען וועלען זינדיגען; אז ער וועט א מאָל חרטה האָבען, וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענשען; ער האָט ניט געוואוסט, צו וואָס די מענשען בויען א טהורם — ווי גרויס דיא זינד פון סדום און עמורה זיינען, ווייל ער זאָגט: ארדה נא ואראה הכצעקתה הבאה אלי עשו כלה, ואם לא אדעה. (בראשית י"ח). איך וועל מיך אראָבלאָזען און זעהן, אויב זיי האָבען טאַקי געטאָן, ווי דער געשריי איז פאר מיר געקומען, וועל איך זיי פער־ניכטען; ווען ניט וועל איך זיי פערשוינען. מיט איין וואָרט, אַלעס וואָס ער האָט געדארפט וויסען פריהער, האָט ער ניט געוואוסט; פאָלגליך ווייס ער פון קיין זאך ניט.

5) ענדליך איז דער גאָט אויך א ווידערשפרוך צו דעם 11טען עקר, „אז ער בעצאָהלט גוט די, וואָס היטען זייגע מצות, און בע־שטראָפט די, וואָס טרעטען איבער זייגע מצות." אין דער תורה, אזוי ווייט מיר האָבען אונטערזוכט, ביז דעם גאָט פון יעקב, האָבען מיר אַלעס געזעהען פערקערט: די גרעסטע צדיקים פון יענער צייט זיינען געווען אברהם, יצחק און יעקב. דיזע האָבען געווים אָב־געהיט זייגע מצות. מיט וואָס האָט ער זיי בעצאָהלט? מיט גרויסע צרות. אברהם'ען האָט ער 10 מאָל צו פּראָבע געשטעלט, האָט איהם אַרומגעיאָגט פון איין אָרט אין אַנדערען, און איין פּראָ־בע זייגע איז געווען: ער זאָל ברייגגען זיין איינציגען זוהן צו איהם פאַר א קרבן. ווען ער האָט שוין אַלעס אויסגעפונען, אז אברהם איז טאַקי דער גרעסטער צדיק, ווי ער איז אַליין מודה: עתה ידעתי כי ירא אלהים אתה, איצט ווייס איך, אז דו ביסט א גאָטס פאָרכ־טיגער, זאָגט ער איהם צו הרים וגבעות. נאָר דיזע אַלע טובות זיי־נען געווען ניט מעהר ווי פערשפּרעכונגען. די גמרא זאָגט:

רשעים אומרים הרבה ועושים מעט, צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה, ד. ה., רשעים זאָגען צו א סך און טהוען וועניג, צדיקים זאָגען צו וועהניג און טהוען א סך. איז דאָס ניט מערקווירדיג, אז כביכול דער רבש"ע האָט ח"ו אָנגענומען די מידה פון די רשעים ? גאָט האָט 8 מאָל צוגעזאָגט אברהם'ען, אז ער וועט איהם גליקליך מאַכען, איהם און זיינע קינדער וועט ער אָוועקגעבען אלע לענדער פון די 7 פעלקער, דערצו האָט ער דאָס זעלבע 2 מאָל צוגעזאָגט יצחק'ן און 2 מאָל יעקב'ן, סך הכל 12 מאָל צוגעזאָגט און איין מאָל ניט געגע־בען, ביז זיי האָבען אליין דורך שווערד און בויגען, אין ביטערע מלחמות וואָס האָט געדויערט 7 יאָהר נאָכאַנאַנד, קוים איינגענו־מען דאָס געבענשטע לאַנד. (* אָנגעהאַלטען האָבען זיי דיזע לאַנד סך הכל 468 יאָהר, דאָס איז ביז רחבעם, שלמה'ס תכשיט. דאַן איז די אידישע מלוכה צושפּאָלטען געוואָרען אין צווייען, איינע מיט דער אַנדערער האָבען זיך אָנגעפאַנגען ארומצורייסען און קעמפּפען ווי די גרעסטע שונאים. פון דאַן האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען דער אידישער חורבן. און 5 יאָהר נאכדעם האָט שישך, דער קעניג פון מצרים, צוגענומען די אוצרות פון בית המקדש. 221 יאָהר האָבען זיך נאָך אָוועקגעשלעפּט אין גרויסע צרות, פון אינערליכע און אויסערליכע מלחמות, ביז מען האָט אַרויסגעטריבען די בני גד ובני ראובן פון זייער לאַנד. 98 יאָהר שפּעטער האָט מען ארויס־געטריבען 10 אידישע שטאַמען (גלות עשרת השבטים). 8 יאָהר נאָך דעם האָט סנחרב איינגענומען די לאַנד יהודה, מיט 47 יאָהר שפּעטער האָט זיך דער חורבן געענדיגט און פון די אידען, אלס א נאציאָן, איז מעהר קיין זכר ניט געבליבען אין זייער לאַנד (חורבן בית ראשון). דער אל עליון, דער העכסטער גאָט יהוה אליין, האָט געמאַכט אזא פּירוש, האָט 12 מאָל צוגעזאָגט אונזערע אבות, אז

*) נאָך גאָט'ס מיינונג איז דאָס געווען די בעסטע לאַנד אין דער וועלט. מעגליך, אז ער האָט קיין געאָגראַפיע ניט געלערנט, האָט ער ניט געוואוסט פון קיין בעסערע לאַנד.

דיזע לאנד האט ער זיי און זייערע קינדער אוועקגעגעבען אויף איי־ביג. צום סוף האט זיך אויסגעלאזען פון אלע הבטחות א פוסטער ווינד־מיהל.

ווער עס איז נור ניט דום און גלויבט ניט בלינד, קען אין סך הכל זעהן קלאר און דייטליך פון די אלע פסוקים, וועלבע מיר האבען געבראכט פון דער תורה, דעם אמת'ן כאראקטער פון גאט און וואס'ערע נוצען ער האט געבראכט און ברייגגט פיר די מענשען, ווי פערצייטען אזוי היינט. ביי די אבות האבען מיר געזעהן, אז גאט האט זיי געהאלפען נור דאן, ווען זיי האבען אימיצען בע־שווינדעלט און דורך דעם רייך געווארען. איצט העלפט גאט אויך נור דעם שווינדלער, דעם רויבער, דעם גנב, זאגאר דעם מערדער, אבער אפילו דיזע העלפט ער אויך נור דאן, ווען עס גליקט זיי. פא־לען זיי אבער אריין אין אן אונגליק, העלפט ער זיי שוין אויך ניט. דעם שטארקען, דעם געזונדען, דעם גליקליכען, דער וואס דארף ניט זיין הילפע, דעם העלפט גאט, אבער דעם שוואכען, דעם קראנקען, וואס קיין דאקטאר קען איהם ניט העלפען, דעם אונגליקליכען, וואס שרייט און בעט הילפע, דעם האט ער קיין מאל ניט געענטפערט און קיין מאל ניט געהאלפען. ווען יעקב האט געשווינדעלט און עס האט איהם געלונגען, דאן איז גאט געווען מיט איהם און האט איהם געהאלפען. ווען יעקב'ן האט אבער אנגעפאנגען צו געהן דער אונ־גליק איינער נאך דעם אנדערן, האט ער זיך 22 יאהר געקוועלט אין אונגליק, און קיין גאט האט איהם גאר ניט געהאלפען. ווען דאס רעדעל האט זיך ווידער איבערגעדרעהט צום גליק, האט זיך שוין ווידער געפונען א גאט איהם צו העלפען.

דאס זעלבע איז געשעהן מיט יעקב'ס קינדער (בני ישראל) א מאל און אין אלע צייטען. ווען זיי האבען 7 יאהר געקעמפפט מיט א פעראייניגטע שטארקע מאכט, ווען זיי האבען בעזיעגט די פעלקער און איינגענומען זייער לאנד, דאן איז גאט געווען מיט זיי און האט זיי געהאלפען. ווען זייער מאכט איז געבראכען גע־

וואָרען, און דער אונגליק האָט זיי גענומען פערפאָלגען איינס נאָך דאָס אנדערע, דאַן איז שוין קיין גאָט ניט געווען וואָס זאָל זיי העלפען. אין אָנפאַנג, ווען זייער מאַכט איז נאָך ניט געווען שטאַרק אָבגעשוואַכט, פלעגט נאָך אָפט טרעפען, אזביידע אידישע מלוכות פלעגען זיך פעראייניגען געגען דעם שונא, פלעגען זיי נאָך אָפט־מאָל זיעגען, דאַן פלעגט זיי, הייסט עס, גאָט העלפען. וואָס שוואַ־כער זייער מאַכט איז געוואָרען, אַלץ מעהר און מעהר האָט זיך גאָט דערווייטערט פון זיי, ביז זייער מאַכט איז אין גאַנצען געבראָ־כען געוואָרען. דאַן איז אויך גאָט אין גאַנצען פערשוואונדען גע־וואָרען. וויפיעל יסורים, פייניגונגען, וויפיעל מאַרך, וויפיעל בלוט אידישע איז פערגאָסען געוואָרען פון יענער צייט ביז היינטיגען טאָג, געפינט זיך ניט קיין גאָט, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר זיי, זאָל זיי העלפען, זאָל שטראָפען די פייניגער. וויפיעל טרערען אידען האָבען פערגאָסען און פערגיסען ביז היינטיגען טאָג פאַר זייער גאָט, וויפיעל תעניתים, סגופים זיי טהוען זיך אָן, ווי פיעל תחינות און בקשות זיי ברייננען פאַר זייער גאָט, עס איז אָבער אין קול ואין עונה, שריי צו איהם אָדער שריי צו דער וואַנד; ווי־פיעל אידישע בלוט איז פערגאָסען געוואָרען אין אונזערע צייטען, דורך די פאָגראָמען און קיין גאָט ווייזט זיך ניט צו העלפען און שיצען דאָס הייליגע פאָלק ישראל. פאַר וואָס איז דאָס אזוי? איינפאַך דערפאַר, ווייל אידען זיינען שוואַך און גאָט האָט קיין מאָל דעם שוואַכען ניט געהאָלפען און וועט איהם אויך קיין מאָל ניט העלפען. דאָס איז דיא נאַטור פון גאָט אימער און אויך היינט. אַלזאָ, דאָס איז דער גאָט פון אונזערע אבות, וועלכער איז דורכאויס אַ ווידערשפּרוך צו דעם גאָט פון דיא עקרים.

נון, בלייבט אונז נאָך איבער צו אונטערזוכען דעם 8טען עיקר, וועלכער הייסט אונז גלויבען, אז גאָט האָט געגעבען זיין תורה דורך משה'ן. אויך מוזען מיר בעטראַכטען דעם 9טען עיקר, אז גאָט וועט קיין אנדער תורה ניט געבען, ד. ה., אז זי בלייבט אייביג. עס בלייבט אונז דארום איבער אונטערצוזוכען משה'ס גאָט. פיעלייכט

וועט משה׳ס גאָט יא שטימען מיט דעם גאָט פון די עיקרים, וועט מען אפשר דאן קענען אלעם רעכט מאַכען.

פאָרלויפיג האָב איך מיין אַרבייט וועגען די געטער פון די אבות געענדיגט. אז איך וועל ווערטה זיין און דער דור וועט ווערטה זיין, האָף איך אין קורצען ארויסצוגעבען פיר משה׳ס גאָט א בעזונדער ספר, וועלכער וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט פאר אלע אידען.